STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00314

PORTRETN

Ber I. Rozen

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Sindel & Joan Newman
in memory of
Morris I. & Mae R. Newman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בער י. ראָזען

בער י. ראָזען

ער אַליין און וועגן אים

פ ו ן

פנחס שוואַרץ

בער י. ראָזען

פּאָרטרעטן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

122

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

בער י. ראָזען

פּאָרטרעטן

הקדמה און רעדאַקציע פֿון

פּנחס שוואַרץ

◆

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1956 — תשי״ז

אינהאַלט

בער י. ראָזען, (הקדמה פון פנחס שוואַרץ) — — — — — — — 9

ש. אַנסקי — — — — — — — — — — — — — — — — 45

ה. ד. נאָמבערג — — — — — — — — — — — — — — 83

א. מ. ווייסנבערג — — — — — — — — — — — — — 95

הלל צייטלין — — — — — — — — — — — — — — — 113

ב. מיכאַלעוויטש — — — — — — — — — — — — — 129

הענריק ערליך — — — — — — — — — — — — — — 139

שלמה מענדעלסאָן — — — — — — — — — — — — 149

דוד הערמאַן — — — — — — — — — — — — — — 157

לאַזאַר קאַהאַן — — — — — — — — — — — — — 171

יצחק גרינבוים — — — — — — — — — — — — — 181

עמיל זאָמערשטיין — — — — — — — — — — — — 203

נעמען־רעגיסטער — — — — — — — — — — — — 215

ביכער־רשימה — — — — — — — — — — — — — — 217

פרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — 221

אין איצטיקן בוך גיבן מיר איבער דעם לייענער אַ זאַמלונג פון 11 „פּאָרטרעטן", וואָס בער י. ראָזען האָט געשריבן צווישן די יאָרן 1942 אין 1950, ווען ער איז געווען פאַרוואָגלט אין שאַנכיי (כינע) און שפּע־טער — אין די ערשטע יאָרן פון זיין באַזעצן זיך אין מעלבורן, אויס־טראַליע.

הגם יעדער פון די דאָזיקע 11 „פּאָרטרעטן" גיט דאָס בילד פון אַן אַנדער פּערזענלעכקייט און אָפּטמאָל — פון גאָר אַן אַנדער ווינקל אין דער פאַרמלחמהדיקער יידישער וועלט אין אייראָפּע, געהערן זיי אַלע צו איין ליטעראַרישן זשאַנר און שטעלן פאָר מיר זיך איין ליטעראַרישע גאַנצ־קייט.

די גרעסטע צאָל פון די דאָזיקע 11 „פּאָרטרעטן" איז געשריבן גע־וואָרן אין זייער שווערע באַדינגונגען — אין גלות־שאַנכיי. עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו זאָגן וועגן דעם עטוואָס מער שפּעטער. דאָ ווילן מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז בער י. ראָזען, ווי אַלע אַנדערע יידן, וואָס זענען בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן קיין שאַנכיי, האָט געלעבט אין יענעם פּעריאָד אין פּשוטע הונגער־באַדינגונגען. די יאַפּאַ־נישע אָקופּאַנטן האָבן אָפּגעשלאָסן די יידן אין אַ געטאָ, וועלכער האָט זיך געפונען אין איינעם פון די ערגסטע קוואַרטאַלן פון שטאָט. נאָר לי־טעראַרישע עקשנים האָבן אין יענע באַדינגונגען באַוויזן זיך אָפּצורייסן פון דער ווירקלעכקייט און שרייבן, האָבנדיק אין יענע יאָרן (1942־1945) גאַנץ קליינע אויסזיכטן צו זען דאָס געשריבענע אָפּגעדרוקט. דערביי האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן באַנוצן זיך מיט הילפס־מאַטעריאַלן, וועגן אויסגעפינען אָדער נאָכקאָנטראָלירן אַ ציטאַטע — נישט אין די יאָרן פון דער יאַפּאַנישער אָקופּאַציע בעתן קריג און נישט אין די שפּע־טערדיקע יאָרן נאָכן קריג, ווען מען האָט געוואַרט אויף וויזעס, כדי צו קענען עמיגרירן. אַפילו יענע „פּאָרטרעטן", וואָס זענען שוין געשריבן גע־

װאָרן אין אויסטראַליע, זענען אין אַלגעמיין געגומען געװען באַזירט אויפן זכרון — אויך אויסטראַליע האָט נישט די אַלע הילפס־מיטלען (פריער פון אַלעס — אַ מקורים־ביבליאָטעק), װאָס אַ שרייבער מוז האָבן ביים אויפשטעלן אַ ליטעראַרישן פּאָרטרעט פון אַ צװייטן שרייבער.

איינע פון בער י. ראָזענס איינגעבוירענע מעלות איז געװען זיין גוּ־טער זכרון. און זיין גוטער זכרון, האָט אים דאָ גוט אַרויסגעהאָלפן. די „פּאָרטרעטן" — װי אַ רייע אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען זיינע פון יענע יאָרן — האָבן פאַרמאָגט אַזאַ קליינע צאָל טעותן, אַז עס האָט גע־חידושט זייער פיל ליטעראַרישע מבינים, װען זיי האָבן זיך דערװוּסט אין װעלכע אומשטענדן די דאָזיקע אַרבעטן זענען געשריבן געװאָרן.

קלאָר: די דאָזיקע 11 „פּאָרטרעטן" זענען נישט קיין ביאָגראַפיעס און אַפילו נישט עפּעס, װאָס איז ענלעך צו אַ ביאָגראַפיע. דאָס זענען לויזע אימפּרעסיעס װעגן מענטשן, װאָס מען האָט לאַנגע יאָרן געזען פון דער נאָענט — מיט זיי צוזאַמען געלעבט, זיי אָפט געקענט גאַנץ אינטים און זיי כסדר געזען פון אַזאַ זייט פון זייער לעבן, װאָס דער דורכשניט־לעכער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע האָט נישט גע־קענט זען. דער מחבר מאַכט נישט דערביי קיין שום אָנשטעל פון אָביעק־טיװקייט — ער איז סוביעקטיװ אין יעדער שורה, װאָס ער שרייבט. ער איז סוביעקטיװ, װען ער שרייבט װעגן זיינע אידייאישע חברים און װעג־װייזער, װי אויך דאַן, װען ער שרייבט װעגן מענטשן, װאָס זענען אידיי־איש אים נישט געװען באַענט. מיט יעדן פון זיי האָט אים פונדעסטװעגן עפּעס געבונדן: אין איין פאַל — פּאָליטישע און אידייאישע קרובהשאַפט, אין אַ צװייטן פאַל — מענטשלעכע און ליטעראַרישע אינטימקייט און אין אַ דריטן פאַל — פּשוטער רעספּעקט. אין אַלע פאַלן איז עס געװען אַ פּאָזיטיװע סוביעקטיװקייט, אַ װאַרעמער געפיל — דאָס שפּירט זיך אַרויס פון יעדער זייטל פון דאָזיקן בוך. אַז איר װילט, שמעקט דאָס דאָזיקע בוך אַביסל אויך מיט זכרונות. מיט איין װאָרט: עס איז אַן אייגנאַרטיק בוך. די „פּאָרטרעטן" געװינען פון דעם, װאָס מען האַלט זיי צוזאַמען. אָפּגעזוּ־סענערהייט איז יעדער „פּאָרטרעט" נישט מער װי אַ פּאָרטרעט, אָבער װען זיי זענען צוזאַמען, זענען זיי אַ װערק.

די אַרויסגעבער גלויבן, אַז דאָס דאָזיקע בוך װעט זיין נישט בלויז

אַ דענקמאָל נאָכן יונג־פאַרשטאָרבענעם שרייבער, נאָר אויך אַ באַשיידע־נער צו־שטייער צו דער יידישער ליטעראַטור פון אונדזער צייט. בלי־ספק: זיינע נאָענטע פּערזענלעכע פריינד וועלן דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז אויך די אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען פון בער י. ראָזען זאָלן מיט דער צייט אַרויסגעגעבן ווערן.

***

לאָמיר דאָ געבן עטלעכע ביאָגראַפישע דאַטעס -- טרוקענע דאַטעס:

געבוירן געוואָרן אין וו אַ ר ש ע דעם 29סטן דעצעמבער 1900. די עלטערן: ער — אַ חסידישער ייד, זי — אַ פאָרגעשריטענע יידישע פאָלקס־פרוי מיט היינטוועלטיקע בענקשאַפטן און אַספּיראַציעס. צוויי שוועסטערלעך: פעסל און רבקהלע, ייִנגערע פון אים. פרי געבליבן אַליין - אָן דעם טאַטן. באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ היפּש ביסל טראַדיציאָנעלע בילדונג. וועלטלעכע בילדונג — דאָס האָט ער געמוזט נאַשן, דעריאָגן אין משך פון זיינע אַלע שפּעטערדיקע יאָרן. זיין איינגעבוירענע אינטע־ליגענץ און זיין גוואַלדיקער דורשט צו וויסן און קענען האָבן אים באַ־דייטנדיק אַרויסגעהאָלפן. ליידער: דער שטאַרקער ווילן צו העלפן דער מאַמען ברענגען ברויט אין שטוב אַריין האָט אים איינגעשפּאַנט גאָר פרי אין יאָך פון לעבן. ווי אַ יינגל געדינט -- צוליב געיעג נאָך ברויט — כלעריליי עבודה־זרות. געפרוווט זייגערמאַכעריי — נישט געבליבן דער־ביי. אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג אַ צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט פיל אַנדערע יידישע יונגעלייט ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער ביים בויען שאָ־סייען פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. אין די אָוונטן אומאויפהער־לעך געלייענט, זיך באַמיט וואָס מער צו וויסן און וואָס מער אויסצו־ברייטערן דעם אייגענעם האָריזאָנט. דאָס וווינען אין אָ ט וו אָ צ ק אין יענע יאָרן איז געווען איינע פון די מזלדיקסטע זאַכן, וואָס האָבן גע־קענט און זענען טאַקע געשען אין זיין לעבן. אָטוואָצק, דאָס באַקאַנטע הייל־שטעטל נישט ווייט פון וואַרשע, איז געווען פול מיט ליטעראַטן, קינסטלער, סתם־אינטעליגענטן. דאָס יונגע בחורל האָט זיך אַריינגעצייגן

אין דער דאָזיקער סביבה. מיט דער דאָזיקער סביבה איז ער שוין מיט־געגאַנגען זיין גאַנצן לעבן.

דאָס זענען טרוקענע פאַקטן און דאַטעס וועגן בער י. ראָזענס קינד־הייט און ערשטער יוגנט. אַ פּאָר ווערטער דאַרף דאָ געזאָגט ווערן וועגן זיין מאַמען רייזל ראָזען, וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען און איינ־פלוסן, וואָס זענען געווען דער צווייטער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין בער י. ראָזענס לעבן.

ווען מען וואָלט די דאָזיקע צוויי מענטשן — מאַמע און זון — נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן לאַנגע יאָרן פון דער נאָענט, וואָלט מען נישט אַזוי לייכט געקענט גלויבן, אַז אין דער יידישער פאָלקס־סביבה קען גאָר עקזיסטירן אַזאַ באַציאונג צווישן אַ יידישער פאָלקס־מאַמע און אַ מאָדערנעם זון, אַ וועלט־מענטש, אַ שרייבער, אַ מענטש מיט רעוואָלו־ציאָנערע אַספּיראַציעס.

זיינע ערשטע ליטעראַרישע בענקשאַפטן האָט ראָזען איינגעזאַפּט אין זיך נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן. אין פרייד און אין לייד (מער אין לייד ווי אין פרייד) איז זיין מאַמע תמיד געווען אַ צעשמייכלטע, אַ צעזונגענע, אַ באַרעדעוודיקע. איר יידיש — אויך נישט איין גוטן יידישן ליטעראַט געזאָגט געוואָרן, צו קיין גנאי זאָל עס אונדז נישט זיין. איר שפּראַך האָט געשפּרודלט און געבליצט מיט פאָלקס־אידיאָמען, וואָס האָבן געקלונגען אין איר מויל אַזוי נאַטירלעך און אַזוי פאָלקסטימלעך, אַז עס איז געווען דער גרעסטער נחת־רוח צו הערן איר רעדן. פרעמדווערטער זענען נישט געווען קיין טייל פון איר לשון, כאָטש איר יידיש, ווי פאָלקסטימלעך ער איז געווען, איז אָבער גלייכצייטיק געווען אַ סך געשליפענער ווי דער מענה־לשון פון אַ דורכשניטלעכער פאָלקס־יידענע. זי האָט געזונגען יידי־שע לידער, דערציילט וועגן מוראַנאָוזער טעאַטער, איבערדערציילט אַ סך זאַכן, וואָס זי האָט געלייענט אין די מיידלשע יאָרן, אָבער זי אַליין האָט זיך קיינמאָל נישט באַרימט און נישט קאָקעטירט מיט דעם. אין סך־הכל איז דאָס אַלץ אין איר געווען אַ טייל פון פאָלקסטימלעכער שלימות — זי איז געווען אַ פאַרבינד־רינג צווישן דער אַלטער און דער נייער יידי־שער וועלט אינעם יידישן פאָלקס־פוילן אין דער ערשטער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט.

בערל־איטשע — אַזוי האָט בער י. ראַזען געהייסן אין זיין מאַמעס שטוב — האָט אין זיין באַציאונג צו דער מוטער אימפּאָנירט מיט צוויי קעגנזעצלעכע געפילן: עס איז געווען אין דעם עפּעס פּאַטריאַרכאַלישעס פון איין זייט און עפּעס פון אַ גרויסער פאַרליבטקייט פון דער צווייטער זייט.

אין די דערוואַקסענע יאָרן, ווען בער י. ראַזען איז שוין געווען „אַ פּולער שרייבער" און אויך נישט קיין שלעכטער פאַרדינער, האָט ער זיינע וואָכן־טעג פאַרבראַכט אין וואַרשע — אין ליטעראַטן־פאַריין, אין די רעדאַקציעס, אין גערעכטן, אין דער פּרעסע־גאַלעריע פון פּוילישן סיים. די וואַרשעווער יידישע ליטעראַרישע באַהעמע האָט געהאַט עטלעכע צענטראַלע רינגען און בער י. ראַזען איז געווען היימיש אין יעדן פון זיי. ער איז געווען אַ גרויסער שטיפער, אַ וויצלינג, אַ פּאַראַדיסט, אַ פריילעכער לונג און לעבער, אַ שיינער טענצער און — וואָס נישט.ביים שיינעם מין האָט ער אויסגענומען ביז גאָר. די ווענט פון „טלאָמאַצקע 13" זענען גאַנץ אָפט ביז טיף אין די נעכט און אַמאָל טאָקע — ביז די גרויע פאַרטאָגן געווען פול מיט געזאַנג און פריילעכקייט, וואָס ער אַליין באַשרייבט מיט יאָרן שפּעטער אַזוי פאַרבנרייך אין זיין בוך „טלאָמאַצקע 13". ער אַליין איז תמיד געווען אין דער מיטן פון די דאָזיקע באַקאַנטישע נעכט פון דער וואַרשעווער ליטעראַרישער באַהעמע. אַזוי איז געווען טאָג ביי טאָג, וואָך ביי וואָך, יאָר ביי יאָר. פריינד פלעגן טיילמאָל פרעגן: בערל, ווען וועסטו אַמאָל חתונה האָבן? זיין פּנים פלעגט אין אַזאַ מינוט ווערן טויט ערנסט, זיין פאַרשפּיצטע נאָז פלעגט אין אַזאַ מינוט בייז אַרויסקוקן פון בלאַס־געוואָרענעם געזיכט — קיין וואָרט פלעגט ער אין אַזאַ מינוט נישט ענטפערן, בלויז אַ צי טאָן מיט די אַקסלען, בייז יענעם אָנקוקן, קוקן שטאַר, שווייגנדיק.

זיינע נאָענטע האָבן געוווסט: בערל קלייבט זיך נישט חתונה האָבן. דאָרט, צווישן די אָטוואָצקער סאָסנע־ביימער, האָט ער אַ „ווייב" און „קינדער" — זיין מאַמע און זיינע שוועסטערלעך. וואָס וועט געשען מיט זיי, ווען ער וועט חתונה האָבן?

יעדן פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט בערל פאָרן אויף שבת־זונטיק קיין אָטוואָצק — צו דער מאַמען און שוועסטערלעך. אַ פאָלקסטימלעכע ערב־

שבתדיקע אויסגעפוצטקייט פלעגט ליגן אויף דער מאַמען און אויף די שוועסטערלעך און אויף דער גאַנצער שטוב לכבוד בערל־איטשעס אַהיימ־קומען אויף שבת (זייער אָפט נישט אַליין, אַמאָל מיט אַ חבר און אַמאָל מיט מער ווי איין חבר).

אין יענער מינוט האָט בער י. ראָזען נישט אויסגעזען ווי אַ יונגער מענטש, וואָס קומט אַהיים צו דער מאַמען אויף שבת. מיט דער אַלטער יידישער פּאַטריאַרכאַלישקייט פון „אַ קאָפּ פון דער משפּחה" האָט ער זאַכלעך און שטרענג אָפּגענומען ביי די שוועסטערלעך חשבונות פון דער וואָך שול, אויסגעהערט דער מאַמעס דערציילונגען וועגן נייעס אין שטעטל, אָפּגעגעבן דער מאַמען דעם גרעסטן טייל פון זיינע פאַרדינסטן פון דער וואָך, אָנגעזאָגט פאַרשידענע זאַכן, געמאַכט באַמערקונגען וועגן זאַכן, וואָס געפעלן אים נישט, און לסוף זיך גענומען פונאַנדערפּאַקן די צאַלרייכע פּאַקעטן, וואָס ער פלעגט מיטברענגען פון שטאָט: מאַמע, דאָס איז פאַר דיר; און דאָס איז פאַר פעסלען, דאָס — פאַר רבקהלען, און דאָס, מאַמע, ווידער פאַר דיר...

איינציקווייז פלעגט זיך אין יענער מינוט פונאַנדערגיין אויף זיין געזיכט די אָפּיציעלע שטייפקייט פון „אַ קאָפּ פון דער משפּחה" און מילדע שמייכלען פלעגן זיך אויסלייגן אין די קנייטשן פון זיין מויל — נחת, נחת פון אַ פאַרזאָרגער, נחת און ליבשאַפט. שפּעטער, שפּאַצירנדיק מיט אַ ידיד צווישן די פאַרנאַכטיק־שווייגנדיקע אַטוואַצקער סאָסנע־אַלייען, פלעגט ער זיך צערעדן וועגן דער מאַמען. אַזוי רעדן געליבטע וועגן די אויסדערווײלטע פון זייער האַרץ. זיין מאַמע איז געווען נישט נאָר דער שוואַרצאַפּל פון זיין אויג אין מאַטעריעלן זין פון וואָרט, נאָר זי איז גע־ווען זיין אינספּיראַציע. אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַפונגען האָט ער גערעדט מיט דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך פון זיין מאַמען, מיט אי־רע אידיאָמען, מיט איר פאָלקס־חכמה.

זיין מאַמע, דאָס אייגנאַרטיקע שטעטל אַטוואַצק און די ליטעראַרי־שע קאָלאָניע אין דאָזיקן שטעטל — די דאָזיקע דריי עלעמענטן האָבן אויסגעפלאָכטן די וויג, וווּ עס איז אויסגעוואַקסן די פערזענלעכקייט פון דעם שפּעטערדיקן בער י. ראָזען.

***

געווען נאָך איין עלעמענט — אַ פערטער עלעמענט — וואָס האָט געלייגט אַ דעצידירנדיקן שטעמפּל אויף דער פּערזענלעכקייט פון בער י. ראָזענען: זיין רייסן־זיך צו ווערן אַ טייל פון יענע כוחות אויף דער יידי־שער גאַס, וואָס האָבן געשטרעבט צו ברענגען באַנייאונג אין יידישן לעבן, צו דערנענטערן דאָס יידישע לעבן מיט דער מאָדערנער וועלט, מיט־צוקעמפן די פרייהייטס־קאַמפן, וואָס האָבן דורך טיר און טויער זיך גע־נומען אַריינרייסן אין דער יידישער גאַס.

בער י. ראָזען איז דעמאָלט און אַלע יאָרן שפּעטער פריער פון אַלעם געווען אַ ליטעראַט. עס איז אַפילו אין אים טיילמאָל געווען אַ האַרבער ויתרוצצו צווישן זיין בענקשאַפט נאָך ליטעראַרישער שלימות און זיין שטרעבן צו זיין אַ מיטקעמפער אין סאָציאַלע שלאַכטן. אויב עס האָט זיך אין אים געשאַפן אַ סינטעז צווישן די דאָזיקע צוויי טרייב־קראַפטן, וואָס האָבן אים גענומען אין זייער באַזיץ, האָט ער עס געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וואָס האָט אים גענומען אַלץ מער און מער באַווירקן, דער „בונד", איז געווען און איז געבליבן אַלע שפּעטערדיקע יאָרן אַזאַ וווּנדערלעכע קאָמבינאַציע פון סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנערע שטרעבונגען און נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַקטיוויטעטן. אַליין אַ ווונדערלעכער סינטעז פון די דאָזיקע צוויי שטרעבונגען, האָט דער „בונד" אויסגעקנאָטן דעם זעלבן סינטעז אין דער נשמה און אין דעם מוח פון בער י. ראָזענען. דער ליטעראַט און דער סאָציאַליסט האָבן גע־שלאָסן שלום אין אים און געאָרעמט מיט זיי ביידן, האָט ער געמאַכט זיין וועג דורכן לעבן.

בער י. ראָזען פלעגט אָפטמאָל אַליין דערציילן וועגן דעם טיפן איינ־דרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט וולאַדימיר מעדעם.

ווי אַ יונג בחורל, אין די ערשטע צייטן פון פאַראינטערעסירטקייט מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט בער י. ראָזען זיך באַטראַכט פאַר אַ פּועלי־ציוניסט. אין שטעטל אָטוואָצק, וואָס האָט מיט געזונטער לופט (זאַמדיקער באָדן, אַ שפע פון סאָסנע־ביימער און אַ היילנדיקע טרוקנ־קייט), איז געווען אַ קרייז אינטעליגענטע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו האָבן באַקאַנטשאַפט מיט פאַרשידענע פּערזענלעכ־קייטן פון דער וואַרשעווער שרייבערישער און קינסטלערישער וועלט. בער

י. ראָזען האָט פאַרקערט אין דאָזיקן קרייז. דורכן דאָזיקן יונגוואַרג האָט ער באַקומען אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט פאַרשידענע וואַרשעווער פירנדיקע פערזענלעכקייטן, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט אין אַ סוף־וואָך זיך אַרויסכאַפּן אַהין אויף אַ טאָג־צוויי פונעם הייסן וואַרשע, כדי זיך דאָ אַביסל אויסצורוען און אָנצושעפּן אין די נישט־תמיד־געזונטע לונגען אַביסל טרוקענע לופט אויף צו קאָנען ווייטער אָנגיין מיט דער כסדרדי־קער קאָכעניש אינעם וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכן און פּאַרטייאישן הו־האָ.

צוויי מענטשן האָבן געמאַכט אויף ראָזענען אַ גאָר באַזונדערן איינ־דרוק. וועגן איינעם פון די צוויי וועט אונדז אויסקומען צו רעדן שפּעטער אויספירלעכער — וועגן ש. אַנסקין. דאָ, אין דעם מאָמענט, דאַרף געזאָגט ווערן אַ פּאָר ווערטער וועגן בונדישן פירער וול. מעדעם. אונטער דער ווירקונג פון מעדעמס פערזענלעכקייט איז בער י. ראָזען געוואָרן אַ בונ־דיסט.

בער י. ראָזען האָט געהאַט שעהן — סיי אין זיינע יוגנט־יאָרן און אַזוי אויך אין זיין רייפערן עלטער — ווען ער האָט געקענט שווייגן שעהנלאַנג, שווייגן האַמעטנע, שווייגן מיט פאַרשטשעמעטע ליפּן, מיט טיפער אומהיימלעכקייט אינעם בליק. אָבער דאָס זענען געווען זיינע זעל־טענערע שעהן, ווען עס פלעגט אים באַפאַלן עפּעס אַ פאַרטראַכטקייט, אַ מעלאַנכאָליע. פון דער נאַטור, אין זיין טאָג־טעגלעכער געשטאַלט, איז ער געווען אַ צוגעלאָזענער, אַ צעזונגענער, אַ באַרעדעוודיקער, אַ דרייס־טער. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן, צו לאָזן וויסן יענעם זיין (ראָזענס) מיינונג וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען, צו פירן וויכוחים וועגן פאַרשי־דענע העכערע מאַטעריעס.

בער י. ראָזענס באַגעגעניש מיט וול. מעדעמען ערגעץ אין אַן אָט־וואָצקער פאַרנאַכט אויף עפּעס אַ היימישער אָטוואָצקער ווערענדע האָט פון סאַמע אָנהייב אָן געווירקט אויף דעם אָטוואָצקער יונגן בחורל ווי עפּעס אַ כישוף. פנים אל פנים מיט וול. מעדעמען האָט ער זיך דערפילט נישט־דרייסט. הערנדיק וול. מעדעמס מעלאָדישע שטימע, זיין האַרטלעך־קלינגענדיקע און דאָך אַזוי פאַרכאַפּנדיקע יידישע שפּראַך און דעם גאַנצן נוסח פון זיין רעדן — האָט ער ווי אַ פאַרכישופטער געהערט מעדעמס

רייד און געקומען צום אויספיר, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוערס אין פּאַרטייאישע פירער, וואָס עס איז אים ביז דאַן אויסגעקומען צו באַגעגענען.

וואָס הייסט אַנדערש? אַנדערש הייסט אַפּאָסטאָליש און דאָך נישט אויפגעבלאָזן, עוואַנגעליסטיש און דאָך נישט מגידיש. זיין גאַנץ שפּע־טערדיק לעבן האָט בער י. ראָזען געקוקט אויף די סאָציאַליסטישע פירער ווי אויף פּרעדיקער פון אַ נייער רעליגיע. „דער ערשטער פּרעדיקער פון דעם מין, וואָס איך האָב געזען און געהערט אין מיין לעבן — פלעגט ער זאָגן אין מינוטן פון השתפכות הנפש — דער ערשטער פון דעם מין איז געווען מעדעם און מעדעם האָט מיך געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסט, פאַר אַ בונדיסט.“

בער י. ראָזען האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיטן „בונד“, זוכן אַ צוטריט צום „בונד“. פאַר דעם צוועק האָט ער גענומען זוכן אין שטעטל נייע באַקאַנטשאַפטן. בלית־ברירה האָט מען געדאַרפט זוכן בריקן צו דער „צווייטער זייט פון די שינעס“.

דאָס איז נישט קיין פּוסטער רעטאָרישער אויסדרוק. אין שטעטל אטוואָצק נעבן וואַרשע איז דאָס געווען אַ ממשותדיקער, אַ געאָגראַפישער באַגריף. אין פראָסטערע און קירצערע ווערטער האָט דאָס געהייסן: דאָס שטעטל גופא, דאָס שטעטל ממש.

ווען די באַן פלעגט פאַרפאָרן צום אטוואָצקער וואָקזאַל, איז יעדער איינער (געמיינט די געקומענע אויף אָפּרו) אַרויס דורכן בנין פון וואָק־זאַל צו דער פאַרפוצטער וואַרשעווער גאַס, ווו עס זענען געשטאַנען אַ צענדליק קראָמען און קרעמלעך און אַ לאַנגע שורה שיינע געמויערטע ווי־לעס — דער אטוואָצקער פראָנט. פון דאַנען האָבן זיך אָוועקגעשלענגלט לאַנגע און טיפע גאַסן, וואָס זענען געווען איינגעטונקען אין גרינס, אין באַשאָטנטע אַלייען און אין טיפער שלווה.

די דאָזיקע שטילע אָטוואָצקער גאַסן האָבן זיך געצויגן אויף מיילן. מייסטנס זענען די הייזער געווען טיף אַריינגערוקט — יעדעס הויז אַרומ־גערינגלט מיט אַ גרויסן סאָסנע־וועלדל און דאָס סאָסנע־וועלדל — מיט אַ שיינעם אייזערנעם אָדער הילצערנעם צוים. מען האָט דאָ געוווינט זו־מער און ווינטער. אין די ווינטערס איז די לופט געווען נאָך געזינטער און

נאָך היילנדיקער ווי זומער־צייט. מען איז געפאָרן אַהער, קיין אָטוואָצק, פון נאָענט און פון ווייט — פון אַלע עקן לאַנד. ווינטער־צייט איז אָטוואָצק געווען אַ שטאָט פון שווינדזיכטיקע, וואָס האָבן דאָ געהיילט זייערע לונגען. טויזנטער און טויזנטער האָבן דאָ אָפּגעווינט יאָרן לאַנג אין די צעוואָרפענע ווילעס, אין די צאָלרייכע גרויסע סאַנאַטאָריעס, אונטער דער שטענדיקער אויפזיכט פון דאָקטוירים (ווי אַ היילשטעטל האָט אָטוואָצק געהאַט צווישן אירע שטענדיקע איינוווינער אַ זייער גרויסע צאָל דאָקטוירים). אַן אומעט איז אין די ווינטער־חדשים געווען אויסגעגאָסן אויף אָטוואָצק. אין שטובן, אין די רעקרעאַציע־זאַלן פון די גרויסע פענסיאָנען, אין אַ ריי גאַסטפריינדלעכע הייזער פון דער אָרטיקער אינטעליגענץ האָט מען — צי איר האָט געוואָלט, צי איר האָט נישט געוואָלט — געטראָפן אָן אַ שיעור „געוועזענע מענטשן", וואָס האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף אָפּגעשניטענע פון לעבן — פאָלג מיך אַ גאַנג, ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן דאָ, אין אָטוואָצק, אויפן ריף פון מלאך־המוות?

פיל, זייער פיל מענטשן, האָבן זיך דאָ נאָכן אָפּזיין חדשים און אַמאָל יאָרן אויסגעהיילט און זיך שפּעטער צוריקגעקערט צום נאָרמאַלן לעבן אין זייערע שטעט און שטעטלעך פון וואַנען זיי זענען געקומען. נאָך מער אָבער האָבן שוין נישט באַוויזן מער צו פאַרלאָזן די דאָזיקע שוואַכדיקע סאָסנע־שטאָט און שטיל דאָ אויסגעגאַנגען ווי אונטערגעשאָסענע טייבן, אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע שטיקל לונג און געקומען צו קבורה אויף די גרויסע אָטוואָצקער בית־עלמינס ווייט אַוועק פון שטעטל.

דאַ, אין אָטוואָצק, האָבן געוווינט הונדערט און הונדערטער משפּחות, וואָס האָבן געביטן זייער גאַנצן לעבנסשטייגער, זיך אַרויסגעריסן פון זייערע שטעט און שטעטלעך און געקומען אַהער זיך דאָ צו באַזעצן צוליב איינעם (אין אַמאָל — מער ווי איינעם) משפּחה־מיטגליד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דעם לונגען־פרעסנדיקן טובערקולאָז.

זומער־צייט זענען די ווילעס געוואָרן פולער — די מיילן־לאַנגע גאַסן פון אָטוואָצק האָבן זיך אויסגעפילט מיט טויזנטער פאַמיליעס, וואָס זענען געקומען אַהער פאַרברענגען די זומער־חדשים. צווישן די צוויי „זאַנעס" האָט אַרום דעם וואָקזאַל און אַ צווייטע „זאָנע" ווייט־ווייט פון צענטער, די גרויסע סאַנאַטאָריעס — האָבן זיך באַזעצט גאַס־ביי־גאַס די

„לעטניקעס“ (יענע, וואָס זענען געקומען אַהער פאַרברענגען דעם זומער). פריילעכע שטימען און געלעכטערס האָבן אין די זומער־חדשים געקלונגען ביז טיף אין דער נאַכט אין די וועלדלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די טויזנטער ווילעס. דער ווינטערדיקער אומעט איז אין משך פון די זומער־חדשים פאַרהילכט געוואָרן מיט די קלאַנגען פון צאַפּלדיקן לעבן פון די געזונטע זומער־געסט. אויף די העל־באַלויכטענע וועראַנדעס האָט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט געשפּילט אין קאָרטן, אויפגענומען געסט און געהוליעט. אין די זונטיקדיקע שפּעטע נאַכט־שעהן האָט דער אָטוואָצקער וואָקזאַל אויסגעזען ווי אַ באַלאַגערונגס־פּונקט: טויזנטער אין טויזנטער סוף־וואָכעדיקע געסט האָבן זיך געריסן צו די וואַגאָנעס פון די באַנען, וואָס זענען אָפּגעפאָרן יעדע 20 מינוט צוריק קיין וואַרשע.

רעכטס פון די באַן־שינעס — קעגנאיבער דעם וואָקזאַל און קעגנאיבער דער פאַרפּוצטער וואַרשעווער גאַס — האָבן אין יענע שפּעטע באַנאַכטיקע שעהן שטיל געדרימלט אַ צענדליק פאַרחושכטע געסלעך פון אַ טיפּישן יידיש־פּוילישן קליין־שטעטל. הייזקע ביי הייזקע, אָן גרינס, אָן סאָסנע־ביימער, פאַרזונקען אין נישט־ברוקירטע אָדער שלעכט ברוקירטע געסלעך און הויפן איז דאָ געלעגן אויסגעשפּרייט דאָס אָריגינעלע שטעטל אָטוואָצק — די יידישע אָרעמקייט, וואָס האָט געצויגן חיונה פון באַדינען די אויסגעפּוצטע ווילע־שטאָט אויף „דער צווייטער זייט פון די שינעס“, די וואַרשעווער גאַס און ווייטער.

פון דאַנען, פון דאָזיקן צענדליק אָרעמע און שטויביקע קליין־שטעטלדיקע געסלעך, האָבן אין די פריע פאַרטאָגן זיך אַרויסגעלאָזן וועגעלעך מיט געבעקס, מיט מילך און מיט כלערליי אַנדערע פּראָדוקטן — אַהין, צו די אויסגעפּוצטע ווילע־גאַסן, צו די גרויסע סאַנאַטאָריעס און פּענסיאָנאַטן, צו די פּרעכטיקע נייע און אַלטע, שטיינערנע און הילצערנע פּאַלאַצלעך און ווילעס, צו די טויזנטער שווינדזיכטיקע און נאָך מערער טויזנטער זומער־געסט, וואָס האָבן באַוווינט יענע אַלע באַשאָטנטע גאַסן פון דעם צווייטן אָטוואָצק.

דאָ, אין די איינגעבויגענע הילצערנע כאַטקעס פון דעם טיפּישן קליין־שטעטל, האָבן געלעבט אַ קיילעכדיק יאָר שוסטערס און שניידערס, קרעמערס און קרעמערלעך, טרעגערס און דראָזשקע־פירערס, דינערס און

באַדינערס, פּרוכטהענדלערס און צושטעלערס פון גרינוואַרג. דאָ האָט מען געלעבט אין אָרעמקייט, ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך פון פּוילן — קוים זיך אויסגעשלאָגן אויף חיונה.

ווען בער י. ראָזען האָט זיך אונטער דער ווירקונג פון וולאַדימיר מעדעמען גייסטיק דערפילט ווי אַ בונדיסט, האָט ער גענומען זוכן אין דאָזיקן שטעטל פאַרבינדונגען, געזעלשאַפטלעכע קאָנטאַקטן — לעבעדיקע מענטשן, יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זאָלן אים העלפן אַריינבלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין זיין פילן זיך ווי אַ בונדיסט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און בער י. ראָזען, וועלכער האָט אַליין מיט זיין משפחה געלעבט אין דעם אויסגעפּוצטן אָטוואָצק, האָט גיך צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַ קרייז פון פּראָלעטאַרישער יוגנטוואַרג פון „דער צווייטער זייט שינעס" און זיי האָבן אויסגעפאָרמירט אַ בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער גרויסער וואַרשעווער בונדישער יוגנט־באַוועגונג, וועלכע איז דאַן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען סאָציאַל־דעמאָקראַטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" (פאַרקירצט: ס. ד. י. אָ. „צוקונפט").

אין שטעטל האָט שוין עקזיסטירט אַ קולטור־קלוב פון אַלע פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וואָס האָבן בשותפות אויסגעהאַלטן די דאָזיקע אינסטיטוציע. דאָ זענען פאָרגעקומען לעקציעס פון פאַרשידענע וואַרשעווער פּערזענלעכקייטן. ווען מען האָט אין שטעטל זיך דערוווּסט, אַז עמיץ פון די וואַרשעווער גדולים איז אַראָפּגעקומען אויף „דער צווייטער זייט פון די שינעס" אויף אַ פּאָר טעג אָפּרו, האָט מען גלייך זיך מיט יענעם פאַרבונדן און אויסגעבעטן ביי אים אַ לעקציע. מען האָט אויך אויסגענוצט דאָס ביסל שרייבערס, וואָס האָבן שטענדיק געוווינט אין אָטוואָצק. בער י. ראָזען אַליין איז אויך געווען איינער פון די לעקטאָרן. ווי פּאָר אַ בחורל פון 17־18 יאָר איז ער געווען זייער באַלעזן, געווען אויסגעקאָכט אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, פיל געוווּסט וועגן פאַרשידענע ליטעראַרישע שטרעמונגען ביי יידן און נישט־יידן, געווען אינטערעסירט און באַהאַוונט אין די פאַרשידענע אידייאיש־פּאָליטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן דאַן געבראַוזט אין אייראָפּע. ווי אַ לעקטאָר איז ער שוין אין

דער יוגנט געווען אינטערעסאַנט און אָריגינעל — מען האָט אים גע־הערט מיט אינטערעס.

יונגערהייט האָט בער י. ראָזען געצומען שרייבן לידער. דורך דער פאַרמיטלונג פון וואַרשעווער יונגע אינטעליגענטן, וואָס פלעגן פאַרברענ־גען זומער־צייט אין אָטוואָצק, האָט ער אָנגעהויבן דרוקן לידער און אַר־טיקלען אין וואַרשעווער זשורנאַלן. ווי אַ פאָרשטייער פון דער אָטוואָצ־קער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" האָט ער אָנגעהויבן קומען פון צייט צו צייט קיין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין דער רעדאַקציע פון אָקערשט־געגרינדעטן צווייוואָכן־בלאַט „סאָציאַליסטישע יוגנט־שטימע" — מען האָט דאָרטן געצומען דרוקן זיינע לידער און זיינע אַרטיקלען. דער דאָזיקער בונדישער יוגנט־זשורנאַל איז דאַן געווען דער אָרגאַן פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", וואָס האָט זיך געגרייט צו איר ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר — יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" האָבן סוף 1918 און 1919 אין די צענדליקער אַרויסגעשפּראָצט אויף דער אויבערפלאַך פון יידישן לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון לאַנד.

בער י. ראָזען איז געוואָרן אַן אָרגאַניזאַטאָר. מען האָט אים געצומען שיקן אויף לעקציעס, ער איז געפאָרן איבער דער וואַרשעווער פּראָווינץ צו אָרגאַניזירן אַלץ נייע און נייע „צוקונפט"־גרופּעס. ער האָט געברויזט מיט געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער אַקטיווקייט.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון בער י. ראָזענס געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער קאַריערע. שבועות 1919, אויפן ערשטן לאַנד־צוזאַמענ־פאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט", איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי איינער פון די 11 מיטגלידער פון ערשטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.

***

מער־ווייניקער אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אין בער י. ראָזענס לעבן אַ צווייטע געשעעניש, וואָס האָט אים שטאַרק באַווירקט און געלאָזן אין אים שפּורן אויף אַלע זיינע שפּעטערדיקע לעבנס־יאָרן — זיין דערנענטערונג און זיין מיטאַרבעט מיטן באַקאַנטן יידישן שריפט־שטעלער און רעוואָלוציאָנער ש. אַנסקי.

בלויז אַ יאָר און אַ האַלב האָט געדױערט די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט און מיטאַרבעט, אָבער זי האָט געהאַט אַ געבענטשטע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג און אויף דער פּסיכיק פון דעם יונגן ליטעראַרישן אָנפאַנגער.

אין דעם אַנסקי־„פּאָרטרעט", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם דאָזיקן בוך, דערציילט בער י. ראָזען אויספירלעך ווי אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט ש. אַנסקין און געוואָרן זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר. פּאַקטיש איז דאָס געווען ראָזענס ערשטער מער־ווייניקער זיכערער „פּאָסטן" מיט עפּעס אַ זיכערן פאַרדינסט. אָבער נאָך וויכטיקער פון דעם איז געווען דער געפיל פון גרויסער חשיבות, וואָס דער דאָזיקער פּאָסטן האָט מיט זיך געבראַכט: אַ קליינינקייט, דער מענטש, וואָס איז יונגערהייט געווען דער פּריוואַט־סעקרעטאַר פון גרויסן פּיאָטר לאַווראָוו *), האָט איצטער אויסגעקליבן אים, בערל ראָזענען, פאַר זיין פּריוואַט־סעקרעטאַר.

דער „טיטל" פון אַנסקיס סעקרעטאַר האָטווירקלעך זייער שטאַרק געהויבן אין אַלעמענס אויגן דעם אַנזען פון יונגן בער י. ראָזען. ער איז אין אַ קורצער צייט באַקאַנט געוואָרן אין די וואַרשעווער רעדאַקציעס און פאַרלאַגן, ווו ער פלעגט אַריינקומען 2־3 מאָל וועכנטלעך וועגן פאַרשידענע ענינים פון אַנסקין. זיין שאַרפזין, זיין וויציקייט, זיין אייגנאַרטיקער אופן פון רעדן און כאַראַקטעריזירן מענטשן און זאַכן, זיין צוגעלאָזנקייט האָט אים שנעל באַליבט־געמאַכט אין ברייטע וואַרשעווער ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן. ש. אַנסקי איז געווען צופרידן פון דער אַרבעט — ער האָט אַלץ מער און מער זיך גענומען פאַרלאָזן אויף ראָזענען, אַלץ זעלטענער אַליין געפאָרן קיין וואַרשע און אַלץ אָפטער זיך געלאָזן פאַרטרעטן דורך זיין סעקרעטאַר ביים באַזאָרגן די לויפנדיקע ענינים אין

*) פון 1894 ביז 1900 איז ש. אַנסקי געווען פּריוואַט־סעקרעטאַר פון באַקאַנטן רוסישן דענקער פּיאָטר לאַווראָוו, וועלכער האָט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין מערב־אייראָפּע (געשטאָרבן אין יאָר 1900 אין פּאַריז אין עלטער פון 77 יאָר). לאַווראָוו איז געווען דער פאַרגייער פון די רוסישע „נאַראָדניקעס", דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון דער דאָזיקער אידייע. אין דער ראַדיקאַלער רוסישער אינטעליגענץ האָט ער געהאַט זייער גרויס אָנזען ווי דער טעאָרעטישער „קאָפּ" פון „נאַראָדניטשעסטוואָ". צווישן אַנדערע איז ער געווען טעטיק אין די ערשטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען „זיעמליאַ אי וואָליאַ" און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (מייסטנס ווי אַ שרייבער).

די רעדאַקציעס און אין די פאַרלאַגן. ער האָט ליב־געהאַט צו שפּאַצירן מיטן דאָזיקן נייעם און יונגן באַקאַנטן זיינעם, הערן אים רעדן, דערציילן, לאַכן. עס איז געוואָרן צווישן די דאָזיקע מענטשן כמעט אַ פּערזענלעכע פריינדשאַפט. דער יונגער ראָזען איז איינציקווייז אַריינגעצויגן געוואָרן נישט נאָר אין אַנסקיס ליטעראַרישע עסקים, נאָר אויך אין די פּרטים פון זיין פּריוואַט לעבן. אַנסקי האָט ליב געהאַט צו הערן די יונגע, אַביסל צעשויבערטע רייד פון זיין סעקרעטאַר, אָבער ער האָט אויך אַליין פיל צו אים גערעדט, אים דערציילט וועגן זיך, וועגן זיינע איבערלעבונגען אַמאָל און אין די לעצטע יאָרן, וועגן זיין לעבנס־פריינדשאַפט מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקין אאַז״וו. ש. אַנסקי האָט מיט דער צייט פאַרטרויט דעם יונגן ראָזען פיל אינטימע פּרטים פון זיין לעבן, דערליידיקט דורך אים פיל פאַמיליע־ענינים אאַז״וו.

ווען ש. אַנסקי איז געשטאָרבן (נאָוועמבער 1920) איז דאָס געווען אַ שטאַרקער פּערזענלעכער קלאַפּ פאַרן יונגן ליטעראַרישן אָנפאַנגער בער י. ראָזען. אין משך פון די בערך 20 חדשים צוזאַמענאַרבעט איז בער י. ראָזען זיך שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסן מיטן נאָמען פון ש. אַנסקין. אַנס־קיס פאָטערלעכע באַציאונג צו ראָזענען האָט אים צוגעגעבן זעלבסטזי־כערקייט און אינערלעכע פעסטקייט. ער האָט זיך דערפילט ווי ער וואָלט פּערזענלעך פאַריתומט געוואָרן.

דער קאָמיטעט, וואָס האָט לויט אַנסקיס ווילן פאַרוואַלטעט מיט דער אַנסקי־ירושה (יצחק גרינבוים און אַלטער קאַ־ציזנע אין וואַרשע און חיים זשיטלאָווסקי און שמואל ניגער אין ניו־יאָרק), האָט פאַרבעטן אַנסקיס פריער־דיקן פּריוואַט־סעקרעטאַר בער י. ראָזענען צו פאַרוואַלטן מיט אַלע ירו־שה־ענינים.

אַ היפּשע פאַר יאָר האָט טאַקע שפּעטער בער י. ראָזען געטאָן די דאָזיקע אַרבעט. די אַנסקי־ירושה איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן צו אַ היפּשן פאַרמעגן, וואָס האָט כסדר געבראַכט הכנסות: די 15־בענדיקע אויסגאַבע פון ש. אַנסקיס ווערק אין יידיש (אונטער אַ ספּעציעלן נאָמען פון אַנסקי־פאַרלאַג, איז די דאָזיקע אויסגאַבע געשעפטלעך געפירט גע־וואָרן דורך דעם גרויסן וואַרשעווער יידישן פאַרלאַג פון ש. שרע־

ב ע ר ק), די באַרימט־געװאָרענע אַנסקי־פּיעסע „דער דיבוק", װעלכע איז אויפגעפירט געװאָרן כמעט אין אַלע ציװיליזירטע לשונות פון דער װעלט און איז איבערגעאַרבעט געװאָרן פאַר אַן אָפּערע, פאַר אַ פילם אאַז״װ. בער י. ראָזען האָט פאַרװאַלטעט מיט די דאָזיקע אַלע ענינים, געפירט אַ זייער ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט זייער פיל לענדער, געהאַט צו טאָן מיט אַדװאָקאַטן, מיט בענק, מיט כסדרדיקע געלט־שיקונגען צו די אַנס־קי־יורשים (אָרגאַניזאַציעס און משפּחה־מענטשן).

כל־זמן דער שרעבערק־פאַרלאַג איז געװען פאַרנומען מיט אַרויס־געבן די 15־בענדיקע אַנסקי־אויסגאַבע (1925־1920) איז ראָזען נישט נאָר געװען דער פאַרװאַלטער פון דער אַנסקי־ירושה, נאָר אויך קאָרעקטאָר און אויפזעער איבער דער גאַנצער אויסגאַבע. שפּעטער, צוליב פּרנסה האָט בער י. ראָזען אָנגעהויבן אָננעמען צו דער אַרבעט פאַרשידענע קאָ־רעקטורן. ער האָט דורכגעפירט די דאָזיקע אַלע באַשטעלונגען מיט גרויס התמדה — ער האָט ליב־געהאַט צו פלעגן און פלאַנצן יידיש לשון. ער האָט באַקומען אַ נאָמען פון אַ גוטן, פלייסיקן און אויפמערקזאַמען קאָ־רעקטאָר — עס האָט אים קיינמאָל נישט געפעלט קיין אַרבעט. אַ לאַנגע ריי יאָרן איז קאָרעקטור געװען ביי בערל ראָזענען אַ שטענדיקער זיי־טיקער פאַרדינסט.

אין יענע יאָרן, װען ער איז געװען באַשעפטיקט אינעם אַנסקי־פאַר־לאַג, האָט ער אָנגעהויבן פּרוּװן זיינע ליטעראַרישע כוחות אויפן געביט פון פּראָזע — זיינע דיכטונגען, אָפּגעדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן, האָבן אים נישט געגעבן קיין פולע באַפרידיקונג.

און נישט נאָר אויפן געביט פון ליטעראַטור האָט בער י. ראָזען דאַן געפּרוּװט זיינע כוחות. עס האָבן אין אים געריזלט פאַרשידענע פעאיקייטן און באַגאַבונגען — אויך טעאַטער־שפּיל האָט אים געצויגן. ער האָט טאַ־קע אָנגענומען איינמאָל עפּעס אַ קליינע ראָל ביי דער „װילנער טרופּע" —, באַלד אין ערשטן פעריאָד פון איר שפּילן אין קליינעם װאַרשעװער טעאַטער אויף קאַראָװע גאַס. שפּעטער, װען דוד הערמאַן האָט געעפנט זיין ערשטע דראַמאַטישע שול אין װאַרשע (זי האָט אָפּגעהאַלטן אירע לעקציעס אין פאַרשידענע לאָקאַלן — קיין אייגענעם לאָקאַל האָט זי נישט

געהאַט), האָט ער, בער י. ראָזען, זיך פאַרשריבן אין דער דאָזיקער שול און געהערט צו די פלייסיקסטע שילער.

אין מיטן פון די צוואַנציקסטע יאָרן (גענוי: אין יאָר 1926) גיט בער י. ראָזען אַרויס זיין ערשט בוך דערציילונגען „רויע ערד". צווישן טעאַטער, פּאָעזיע און פּראָזע, האָט ער אין יענעם מאָמענט שוין געהאַט אויסגעקליבן פּראָזע. און ער איז געווען גערעכט. עס פלעגט אים אַמאָל געלינגען אָנצושרייבן נישט קיין שלעכט שטימונג־לידל אָדער גאָר אַמאָל — אַ געגראַמטע סאַטירע, אָבער זיין אמתע ליטעראַרישע פּאַרטיפונג האָט ער געפונען אין זיינע ערשטע דערציילונגען. זיי זענען, אמת, נאָך געווען צו פראַגמענטאַריש און נישט פּערפעקט, אָבער ווי אַ ליטעראַרי־שער אָנהייב איז זיין באַנד דערציילונגען געווען אַן ערנסטער אָנזאָג. איי־נע פון די 7 דערציילונגען, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין דאָזיקן ביכל, האָט געהייסן „רויע ערד". פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען פון גאַנצן ביכל. אַרויסגעגעבן האָט עס איינער פון די חשובסטע פאַרלאַגן אין פּוילן — דער פאַרלאַג פון ה. בזשאָזע. דער נייער בעלעטריסט האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט דער קרעפטיקייט פון בילד, מיט דער דרייסטקייט פון זיין טעמאַטיק, מיט דער דירעקטקייט פון זיין דיאַלאָג און מיט פיל־קאָליריקער, פאָלקישער שפּראַך. דער אָפּגעהאַקטער סטיל, דער קורץ־געפּאַסטער און קערנדיקער זאַץ, די רויקייט פון די נישט־זשענירטקייט פון די סיטואַציעס זענען געווען אַ שטיקל סענסאַציע אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַרישער וואַרשע.

אַן אומרואיקער, פול מיט שטימונגען, האָט בער י. ראָזען מיט דער צייט גענומען פאַרנאַכלעסיקן זיין בלי־ספקדיקן בעלעטריסטישן טאַלאַנט לטובת דעם שרייבערישן מולך — דער טאָג־צייטונג. ראָזען האָט אַלץ מער און מער זיך אַריינגעצויגן אין זשורנאַליזם. אַ געוויסע ראָל האָט דאָ אָן צווייפל געשפּילט דער געיעג נאָך אַ שטענדיקער פּרנסה (דאָס פאַר־וואַלטן ש. אַנסקיס פאַרצוואייגטע ירושה האָט אַלץ מער און מער זיך גע־נומען איינשרומפּן). אָבער נישט קיין קלענערע ראָל האָט דאָ אויך גע־שפּילט דער הונגער פון טאַלאַנטפולן יונגן שרייבער נאָך דעם אַקטועלן, דעם נישט־אויסגעטראַכטן, נאָך דער לעבעדיקער דראַמע פון טאָג־טעג־

לעכע פּאַסירונגען: אין גאַס, אין געריכט־זאַל, אין עפנטלעכע פּלעצער, אויף די טריבונעס פון פּאַרלאַמענט.

ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער טעגלעכער וואַרשעווער צייטונג „אונדזער עקספּרעס" און ווי אַ כראָניקער פון דער „פאָלקסצייטונג" האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט די זעלבע מעלות, וואָס אין זיינע דערציילונגען: קלאָרקייט און דירעקטקייט פון סטיל, געפּרעסטקייט פון שפּראַך, קורצקייט פון זאַך. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן און פעיקן באַאָבאַכטער — צייטונגען האָבן ליב דעם מענטש, וואָס באַזיצט די דאָזיקע פעאיקייט.

מיט דער צייט איז זשורנאַליזם געוואָרן דער הויפּט־אינטערעס פון בער י. ראָזענען. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייבן לידער און דערציילונגען, אָבער נישט מיט אַזאַ אייפער, ווי מען האָט לויט זיין ערשטן דעביוט געקענט דערוואַרטן.

אַזוי האָט עס געדויערט ביזן אָנהייב פון לעצטן וועלט־קריג. אין טראַגישן נע־ונד איבער לענדער און קאָנטינענטן האָט זיך אָנגעהויבן און אַנטוויקלט אין אים אַ נייער ליטעראַרישער זשאַנר, וואָס האָט אים פריער ווייניק אינטערעסירט — דער עסיי. די יאָרן פון וועלט־קריג און וואַנדערונג ווי אויך זיינע לעצטע 7 יאָר אין אויסטראַליע זענען בכלל געווען דער פרוכטבאַרסטער קאַפּיטל אין בער י. ראָזענס ליטעראַרישן שאַפן. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַלע הינזיכטן און ער איז אויך רייפער געוואָרן ליטעראַריש. זיין ליטעראַרישער ביישטייער אין דאָזיקן פּעריאָד איז געווען אַ פיל גרעסערער ווי אין אַלע פריערדיקע יאָרן.

**
*

אין זיינע יוגנט־יאָרן איז געשען איינמאָל אַ פאַל, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין כאַראַקטער בכלל און גאַנץ באַזונדער — פאַר זיין באַציאונג צום „בונד". עס איז ווערט דאָס היינט דאָ צו דערמאָנען — היינט, אַחרי מות.

בערל ראָזען איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר 19־20. קיין פּאָזיציע אין לעבן האָט ער נאָך נישט געהאַט זיך דערוואָרבן, קיין בעל־פּרנסה איז ער

נישט געווען. זיין געפּאַלדעוועטע טשופּרינע האָט ער טאָקע געטראָגן הויך, זיין קאָפּ איז פול געווען מיט בלויע חלומות וועגן זיין ווייטערדיקן באַרג־אַרויף דורכן לעבן און ליטעראַטור, אָבער פּאַקטיש וואָלט ער אָן מאַטעריעלער הילף זיך נאָך ווייט אין יענע יאָרן נישט געקענט אויס־לעבן און צום גליק האָט ער אַזאַ הילף באַקומען — אַמעריקאַנער קרובים פלעגן אים פון צייט צו צייט אַרויסהעלפן.

דער „בונד" איז דאַן געווען זייער לינק און אַזוי איז אויך געווען די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע יוגנט־אָר־גאַניזאַציע „צוקונפט" (באַקאַנט אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווי דער יוגנט־בונד „צוקונפט"). ווי אַלע לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּן אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער, האָט דער „בונד" ערנסט געטראַכט וועגן אַריינטרעטן אין דעמאָלטיקן ניי־געגרינדעטן קאָמוניסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל (צוליב די דראַקאָנישע באַדינגונגען, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט דאַן אַרויסגעשטעלט, איז צום גליק פון דעם גאָר־נישט נישט געוואָרן). דערווייל האָט מען אונטערהאַנדלט, געשריבן נאָ־טעס אַהין און צוריק אַאַז״וו.

ענדלעך זענען דער „בונד" און די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע פאַר־בעטן געוואָרן אין יאָר 1921 צו אַ קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל און פון קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן גע־דאַרפט ענגילטיק באַשליסן וועגן אָננעמען אָדער נישט־אָננעמען דעם „בונד" (און נאָך עטלעכע אַנדערע לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען).

עס האָט אָבער געהאַלטן דערביי, אַז די דעלעגאַציע פון דער בונ־דישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע זאָל נישט קענען פאָרן. מילא, אַז מען האָט געדאַרפט פאָרן אומלעגאַל און האַלטן די גאַנצע זאַך בסוד, כדי די דע־מאָלטיקע פּוילישע רעגירונג זאָל נישט קענען אַרעסטירן די דעלעגאַטן — דאָס איז געווען פון די „קלייניקייטן": וועלכע סאָציאַליסטישע רעוואָ־לוציאָנערן שטעלן זיך אָפּ צוליב אַזעלכע זאַכן? אָבער: מען האָט געדאַרפט האָבן געלט אויף די נאָרמאַלע רייזע־הוצאות, אויף שמוגלען די גרענעץ אומלעגאַל און אויף לעבן אין מאָסקווע עטלעכע וואָכן. נישט גוט, צו־ליב דוחק אין אַביסל געלט אויף רייזע־הוצאות זאָל אַזאַ וויכטיקע נסיעה נישט רעאַליזירט ווערן?

מיטאָמאָל, װען אַלע האָפענונגען צו שאַפן געלט האָבן זיך כמעט שוין געהאַט אויסגעלאָזן, האָט אומגעריכט זיך געיאָװעט בערל־איטשע ראָזען און אַרויסגעלייגט אויפן טיש 100 דאָלאַר:

— נאַט, זאָל די דעלעגאַציע פאָרן...

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ראָזענען, אַז ער איז אין „בונד" תמיד געװען אַ רעכטער און װי אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט ער געהאַט היפשע רעזערװאַציעס קעגן אַריינטריט אין קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. אָבער אַ באַשלוס איז אַ באַשלוס: די אָרגאַניזאַציע דאַרף האָבן געלט אויף דורכצופירן אירן אַ באַשלוס, איז עס דער חוב פון יעדן טרייען חבר צו זאָרגן דערפאַר, אַז געלט זאָל װערן. ער האָט דעריבער נישט פיל געטראַכט און אָװעקגעגעבן אויף דער רייזע 100 דאָלאַר, װאָס ער האָט אָקערשט געהאַט באַקומען פון אַמעריקע — הונדערט דאָלאַר, װאָס האָבן אים געדאַרפט קלעקן אויף אַ האַלב יאָר אָדער לענגער װי אַ ביישטייער צו די הוצאות פאַר אים גופא און פאַר דער פאַמיליע אין אָטװאָצק.

מען האָט אים דערקלערט, אַז מען קען נישט גאַראַנטירן װען מען װעט אים דאָס געלט קענען אָפּגעבן.

— אָבער אָפּגעבן װעט מען? — האָט ער טראַציק געפרעגט.

— אַװדאי — האָט מען אים געענטפערט — מען װעט עס האַלטן פאַר אַ חוב און מען װעט זאָרגן עס זאָל זיין אָפּצוגעבן, אָבער װען מען װעט האָבן געלט אויף דעם, קען מען איצטער נישט װיסן...

— דאָס איז גענוג און זאָל מען פאָרן.

מען האָט דאָס געלט אים קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן. געװען צייטן װען ער האָט גוט פאַרדינט און זיך נישט גענייטיקט אין די דאָזיקע 100 דאָלאַר. אָבער אויך געװען מאָמענטן, װען ער האָט שטאַרק געדאַרפט האָבן דאָס געלט און ער האָט עס קיינמאָל נישט באַקומען — נישט געװען פון װאָס אָפּצוגעבן. סוף־כל־סוף האָט ער אַ מאַך־געטאָן אויפן געלט מיט דער האַנט און װיציק אַ זאָג־געטאָן:

— איך װיל בלויז אַ פייערלעכן צוזאָג, אַז מען װעט דאָס גאַנצע לעבן מיר שיקן אומזיסט דעם „יוגנט־װעקער" (דאָס איז געװען אַ צװיי־װעכנטלעכע צייטונג פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע)...

מען האָט עס אים פייערלעך צוגעזאָגט. ער אַליין איז שוין דאַן גע־ווען אַרויסגעצויגן פון דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אָבער דעם טיפסטן סענטימענט פאַר איר האָט ער איינגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן, מיטגעאַרבעט פון צייט צו צייט אין „יוגנט־וועקער" און אַז עס איז געקומען די דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי, האָט ער תמיד מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ שטאָלץ מאַרשירט אין די ערשטע פאַר רייען פון דער בונדישער יוגנט — צוזאַמען מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער יוגנט, ווי ער וואָלט נאָך געווען איינער פון זיי. פאַר דעם טאָג פלעגט ער זיך פייערלעך אויספּוצן אין אַ ספּאָרט־קאָס־טיום, כדי עס זאָל לייכט זיין צו מאַרשירן, און צווישן די זינגער האָט זיין שטימע זיך אויסגעטיילט — ער איז תמיד געווען צווישן די, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן געזאַנג:

— מיר שווערן אַ טרייהייט אָן גרענעצן...

יאָ, ער איז טריי געווען דעם „בונד" אָן גרענעצן — דעם „בונד" און זיינע פירער. וועגן מעדעמען האָבן מיר געשריבן פריער. אָבער ער איז געווען ממש פאַרליבט אין בייניש מיכאַלעוויטשן, אין הענריק ערליכן, אין יוסף כמורנערן. אַנדערע האָט ער אויך רעספּעקטירט, געהאַט פאַר זיי דרך־ארץ, געהאַלטן ווי אַ כבוד צו הערן פון זיי אַ גוט־מאָרגן. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע האָט פריער פון אַלעם געהערט דער באַרימטער און כמעט לעגענדאַרער נח (פּאָרטנאָי). דאָסזעלבע — וויקטאָר אַלטער. מיט פיל בונדישע טוער האָט ער זיך פערזענלעך געחברט און עס איז פאַר אים געווען אַ יום־טוב מיט זיי צו פאַרברענגען אַן אָוונט אַפילו אין יענע יאָרן, ווען ער פלעגט אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען זיך זעלטן באַווייזן. שליחותן פון „בונד" — ער האָט געקענט זיין ווי פאַרנומען, איז גענוג געווען נח זאָל אים אַרויסרופן און זאָגן „מען דאַרף, חבר ראָזען, טאָן דאָס און דאָס", אַז ער זאָל קיין שאלות נישט פרעגן, נאָר גיין און אויס־פירן די שליחות. טיילמאָל האָט עס געשמעקט מיט געוויסע „קאָמפּליקאַ־ציעס" — דאָס האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. ווען מען האָט אַמאָל זיך געריכט אויף בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט פאַשיסטישע כור־ליגאַנעס, פלעגט ער זיין גוואַלדיק ערנסט, בלאַסלעך, אָבער נישט קור־מען? — וועגן דעם האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

— איך בין אַ פּחדן -- פּלעגט ער זיך װיצלען מיט באַװוּנדערלעכער פּשטות (אין זײַנע באַציאונגען מיט מענטשן איז ער בכלל געװען גװאַלדיק דירעקט) — איך בין אַ פּחדן, איך באַװוּנדער יענע, װאָס האָבן נישט קיין מורא, אָבער עס איז נישט קיין חכמה אױסצופּילן אַ פּאַרטײ־באַפעל, װען מען איז דרײסט און פול מיט קוראַזש... אַ חכמה איז װען מען איז דערשראָקן און דאָך טרעט מען נישט אָפּ פון שלאַכטפעלד...

זײַנע גלײכװערטלעך זענען בכלל געװען אַ שם־דבר. ער האָט זיך אױסגעצײכנט מיט שאַרפזין, מיט אָריגינעלן צוגאַנג צו זאַכן און מיט מערקװירדיק־דרײסטער אױפריכטיקייט אַפילו אין אַזעלכע פאַלן, װען דורכשניטלעכע מענטשן האַלטן אױפריכטיקייט נישט פאַר צװעקמעסיק. װאָס־װאָס, נאָר קיין צו פּראַקטישער מענטש איז ער קיינמאָל נישט געװען!

***

אין די דרײסיקער יאָרן איז בער י. ראָזען פאַרבעטן געװאָרן דורכן װאַרשעװער יידישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט (עס איז געװען אַן אױטאָנאָמע סעקציע פון אַלגעמײנעם פּױלישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט) צו אַרבעטן װי זײער באַאַמטער פאַר פּראָפעסיאָנעלע ענינים: צו היטן ביי די צײַטונגס־אַרױסגעבער די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די צײַטונגס־מענטשן, דורכפירן פון צײַט צו צײַט אינדיװידועלע און קאָלעקטיװע עקאָנאָמישע אַקציעס פאַר די זשורנאַליסטן, צו היטן זײערע יקרות־הר־ספּות, זײערע רעכט אױף װאַקאַציע אאַז״װ. צו אים האָט אױך געהערט די פליכט צו באַזאָרגן אַרבעטלאָזע ליטעראַטן פון „טלאָמאַצקע 13" מיט אַזױ־גערופענע זומער־פאַרטרעטונגען אין דער פּרעסע. ער איז געװען אַ געװיסנהאַפטער און פּינקטלעכער אַרבעטער. ער האָט געקענט אַרבעטן שנעל — ער האָט געהאַט אומדערשעפּלעכע ענערגיע. איך סך־הכל האָט ער דעריבער תמיד באַװיזן אױסצופירן עטלעכע פונקציעס גלײכצײטיק און נאָך צו האָבן אַביסל פרײע צײַט צו פאַרברענגען.

אין טאָג, װען די ערשטע גרופּע יידישע און פּױלישע זשורנאַליסטן פון װאַרשע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט (דעם 5טן סעפּטעמבער 1939, דעם

די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער סעקציע פון וואַרשעווער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט (1938)

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: חיים פינקעלשטיין, בערנאַרד זינגער, נתן שוואַלבע, ב. כילינאָוויטש, מאַרק טורקאָוו. עס שטייען: דוד פלינקער, ש. קלעץ, פנחס שוואַרץ און בער י. ראָזען.

פינפטן טאָג נאָך היטלערס אָנפאַל אויף פּוילן), האָט אויך בער י. ראָזען געזאָלט אָפּפאָרן: ער איז געװען איינער פון די קנאַפּע צװאַנציק יידישע זשורנאַליסטן, װאָס האָבן זיך געפונען אויף דער רשימה עװאַקויִרט צו װערן. אָבער אין די טראַגישע און דראַמאַטישע שעהן פאַרן אָפּפאָר האָט ער אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ דעם דיכטער ז. ס ע ג אַ ל אָ װ י ט ש. ער אַליין האָט פאַרלאָזט װאַרשע מיט אַ טאָג שפּעטער — צוזאַמען מיט די גרויסע מאַסן מענער אין מיליטערישן עלטער, װאָס האָבן יענעם טאָג, דעם 6טן סעפּטעמבער, אָנגעפּראַפּט אַלע שאָסייען און זייטיקע װעגן, װאָס האָבן געפירט פון װאַרשע צום מזרח.

די גרופּע זשורנאַליסטן מיט אַ טאָג פריער האָבן געהאַט די פּריװוי־לעגיע צו פאָרן מיט אַ ספּעציעלער באַן, װאָס די גוסטדיקע דעמאָלטיקע פּוילישע רעגירונג האָט נאָך באַװיזן צו מאָביליזירן פאַר זיי און פאַר פאַרשידענע העכערע רעגירונגס־באַאַמטע. בער י. ראָזען מיט זיינע פריינד — װי 99 פּראָצענט מענטשן, װאָס האָבן פאַרלאָזט װאַרשע צו מאָרגנס — זענען געגאַנגען צופוס מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע. זיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון 200 זלאָטעס — זיין חלק פון דער קאַסע פון װאַר־שעװער יידישן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, װעלכע איז מיט אַ טאָג פריער אָפּגענומען געװאָרן פון שעראָשעװסקיס באַנק און צעטיילט געװאָרן צװישן אַלע מיטגלידער פון סינדיקאַט. צוזאַמען מיט אים זענען אַרויס פון װאַר־שע זיינע פריינד: ה ע ר מ אַ ן ק ר ו ק, מ אַ ר ק ק אָ ז ש י ק און פ ל ע ש ע ל.

דורך װעגן און אומװעגן, אונטער אַ האָגל פון כסדרדיקע היטלערישע באָמבאַרדירונגען, אַביסל צופוס און אַביסל מיטכאַפּנדיק זיך אויף װאָגנס, האָבן זיי זיך דערשלעפּט קיין ל ו צ ק. דאָרטן, מיט װאָכן שפּעטער — װען לוצק איז שוין געװען אונטער דער סאָװיעטישער אָקופּאַציע — זענען זיי אויפגעזוכט געװאָרן דורך דער אָרגאַניזירטער גרופּע װאַרשע־װער יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער, װאָס האָבן פאַרלאָזט די פּוילישע הויפּטשטאָט אַ טאָג פאַר בער י. ראָזענען. יענע האָבן, האַלטנדיק זיך צו־זאַמען, דורכגעװאַנדערט גאַנץ פּוילן ביז דער רומענישער גרענעץ, לויפנ־דיק פון היטלערס נאָכקומענדיקע אַרמייען. זיי זענען געװען נישט מער װי אַ צענדליק קילאָמעטער פון דער סאָװיעטישער גרענעץ, װען סטאַלין האָט

דעם 17טן סעפּטעמבער באַפֿוילן זיין אַרמיי צו פֿאַרנעמען די גאַנצע מזרח־טייל פֿון פּוילן. דאַן האָט די דאָזיקע גרופּע, אויפֿקלייבנדיק פֿאַרשידענע וואַרשעווער יידישע זשורנאַליסטן אויפֿן וועג אין פֿאַרשידענע שטעט פֿון מזרח־פּוילן, אויך מיטגענומען מיט זיך בער י. ראָזענען פֿון לוצק.

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אָקטאָבער איז די גאַנצע שרייבער־גרופּע — און בער י. ראָזען צוזאַמען מיט זיי — אָנגעקומען קיין ווילנע. ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פֿון וואַרשעווער שרייבער־פּליטים האָבן זיי דאָ, אין ווילנע, דורכגעמאַכט עטלעכע אָקופּאַציעס. בעת זייער אָנקום קיין ווילנע איז דאָרטן געווען די סאָוויעטישע אַרמיי. דאַן האָט סטאַלין — אין איינער פֿון זיינע דיפּלאָמאַטישע מאַנעוורעס — אָפּגעגעבן ווילנע דער קאָוונער ליטווישער רעגירונג, איבערלאָזנדיק אין דער ליטע בלויז 4 קליינע גאַרניזאָנען (סאָוויעטישע באַזעס) אין 4 ליטווישע שטעט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט זיך די סאָוויעטישע אַרמיי צוריק אַריינגעקליבן קיין ליטע (במילא אויך קיין ווילנע) — גאַנץ ליטע איז געוואָרן אַ טייל פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד.

אָנהייב 1941 איז בער י. ראָזענען צוזאַמען מיט זיין פֿרוי געלונגען אַרויסצופֿאָרן פֿון ליטע — ער האָט געהאַט אַ סאָוויעטישן אַרויספֿאָר־פּאַפּיר און אַ יאַפּאַנישע וויזע (דאָ, אין ליטע, האָט ראָזען חתונה געהאַט פֿאַרן אָפּפֿאָר). דורך סאָוויעט־רוסלאַנד איז זיי געלונגען זיך צו דער־שלאָגן קיין יאַפּאַן, וווּ עס האָט זיך אויפֿגעקליבן אַ היפּש ביסל יידישע פּליטים פֿון פּוילן, וואָס האָבן געמאַכט באַמיאונגען צו קענען פֿאָרן ווייטער — קיין ארץ־ישׂראל, קיין קאַנאַדע, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. צווישן די דאָזיקע פּליטים איז אויך געווען אַ געוויסע צאָל יידישע שרייבער פֿון פּוילן — געקומענע פֿון ווילנע. ליידער איז נאָר געציילטע פֿון זיי נאָך געלונגען צו קריגן וויזעס און אָפּצופֿאָרן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אָדער קאַנאַדע. אַלע איבעריקע זענען סוף־כּל־סוף אָפּגעשיקט געוואָרן דורך די יאַפּאַנישע מאַכט־אָרגאַנען סוף 1941 קיין שאַנכײַ.

אָפּגעריסן פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן די פֿאַרשיקטע פּוילישע יידן אָפּגעפּײַנצטערט אין שאַנכײַ ביזן סוף פֿון דעם לעצטן וועלט־קריג. אַ צאָל יידישע שרייבער פֿון פּוילן האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען. די הילף פֿון

די איינגעזעסענע שאַנכייער יידן, וואָס זענען מיט יאָרן פריער, אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוויעטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, געקומען אַהער און זיך דאָ באַזעצט, איז געווען אַ מינימאַלע. מען האָט פּשוט געהונגערט. דורך דער שווייץ (מיט דער הילף פון פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש) איז זיי צום גליק געלונגען איינצושטעלן עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט ניו־יאָרק און צו קריגן אַביסל הילף פון „דזשאָינט", פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און פון ניו־יאָרקער פּרץ־שרייבער־פאַראיין. פאַרשידענע מענטשן האָבן געפּרווט זוכן באַשעפטיקונגען. צווישן בער י. ראָזענס איבערגעבליבענע כתבים איז פון יענער צייט פאַראַן אַ מאַנוסקריפּט „קומט מאָרגן". אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם באַשרייבט דאָ בער י. ראָזען זיינע איבערלעבונגען אין שאַנכיי, ווען ער איז געווען דער אינקאַסענט פון דעם שאַנכייער יידישן קלוב. דאָס איז אַ גרעסערער מאַנוסקריפּט, פול מיט דעם בייסיקסטן סאַרקאַזם — אַ פאַרווייטיקטער פאַמפלעט קעגן די רייכע דאַמען און הערן פון שאַנכייער יידישן קלוב.

אונטערן איינפלוס פון היטלערן האָט די יאַפּאַנישע רעגירונג אַריינגעשפּאַרט די יידישע פּליטים אין אַ געטאָ. עפּעס אַ משוגענער יאַפּאַנעזישער פידלער גאָיאַ איז געווען דער קאָמענדאַנט פון געטאָ. אַ קליינגעוויקסיקער, אַ מיאוסער, אַ מין פאַרזעעניש — ווי אַלע כאַראַקטעריזירן אים איינשטימיק — האָט ער „געקיניגט" איבער די יידן אין שאַנכייער געטאָ. אַ מענטש מיט משוגענע קאָמפּלעקסן האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן פאַרוויס ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין זיין אַנוועזנהייט, אַז גאָיאַ זאָל נישט אַרויס פון די כלים. גערעדט האָט ער אַליין וועגן זיך ווי וועגן דעם „קעניג פון די יידן". מען האָט אָפט געדאַרפט צו אים אָנקומען נאָך עפּעס אַ קליינע פאָרמאַליטעט און אויב ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, פלעגט ער פּראָסט־פּשוט שלאָגן און אַמאָל טאַקע דעם מענטש צעממיתן ביז בלוט.

אין דעם קנאַפּן צענדליק יאָרן, וואָס בער י. ראָזען האָט געלעבט נאָך דעם, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן די קלעפּ, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם דאָזיקן משוגענעם יאַפּאַנעזער, ווען ער איז אַמאָל צו אים געקומען בעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון געטאָ. נישט די קלעפּ גופא

— דער באַליידיקטער מענטשלעכער שטאָלץ האָט אים כּסדר דערמאָנט וועגן דאָזיקן „אינצידענט". ער פלעגט אָפט וועגן דעם רעדן, שרייבן וועגן דעם צו פריינד און אַנדערע לענדער. די שווידערלעכע איבערלעבונגען אין שאַנכייער געטאָ האָבן געלאָזט אין אים טיפע שפּורן. סוף־כּל־סוף, נאָך דעם ווי דער קריג איז געווען פאַרענדיקט און דער שאַנכייער געטאָ איז געוואָרן אָפּגעשאַפט, האָט בער י. ראָזען — פיזיש און גייסטיק אויסגע־שעפּט, צעבראָכן פון די ידיעות וועגן יידישן חורבן אין אייראָפּע, צעפּיי־ניקט פון דער ידיעה וועגן אומקום פון זיין גאַנצער פאַמיליע אין וואַר־שע — באַקומען אומגעריכט אַ האַרץ־אַטאַק.

דעם האַרץ־אַטאַק האָט ער באַקומען דעם 23סטן נאָוועמבער 1946 און וואָכן לאַנג האָט זיין לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר. אַדאַנק דער אָפּ־פערוויליקער זאָרג פון אַ גרופּע קאָלעגן־שרייבער און פון זיין אייגענער פרוי, האָט מען אים סוף־כּל־סוף אַרויסגעריסן פון די נעגל פון מלאך־המוות. געזונט איז ער שוין קיינמאָל נישט געוואָרן. גענוי צום אַכטן יאָר־טאָג פון ערשטן האַרץ־אַטאַק — שוין אין אַ נייעם לאַנד און פאַרפונדע־וועט אין אַ נייעם לעבן — האָט ער באַקומען אַ צווייטן האַרץ־אַטאַק און אין געציילטע צוויי שעה צייט אַוועק פון דער וועלט.

***

די הונגער־יאָרן אין שאַנכיי זענען פאַר בער י. ראָזענען אומגעריכט געוואָרן יאָרן פון באַנייטער שרייבערישער פּראָדוקטיוויטעט. סיי פאַר דעם געטאָ, סיי בעת דעם געטאָ און סיי נאָך דעם געטאָ האָט בער י. ראָזען פיל געשריבן: טאָג־ביכער, אימפּרעסיעס פון יאַפּאַן און כינע, פּאָרטרעטן פון גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן אאַז״וו.

דאָס אָריגינעלסטע און דאָס אינטערעסאַנטסטע ווערק, וואָס בער י. ראָזען האָט אָנגעשריבן אין שאַנכייער געטאָ, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „יידישע שפּראַך", די באַקאַנטע שפּראַך־פאָר־שערישע ייוואָ־אויסגאַבע (נומער 3־6, באַנד 6 פון יאָר 1946). די דאָזי־קע אַרבעט („אַ זאַמלונג אידיאָמאַטישע אויסדרוקן") פאַרנעמט 35 דרוק־זייטן. כאָטש דאָס איז בלי־ספק בלויז אַן אַמאַטאָרישער פּרווו אויפן גע־

ביט פֿון ייִדישע שפּראַך־שטודיעס, האָט די דאָזיקע אַרבעט אַרויסגערופֿן אין די ניו־יאָרקער ייִדישע װיסנשאַפֿטלעכע קרײַזן אָנערקענונג סײַ פֿאַר איר עצם־װערט און סײַ צוליב די אומשטענדן װי אַזױ די דאָזיקע אַר־בעט איז אַנטשטאַנען.

אין אַ פֿאָרװאָרט צו דער דאָזיקער אַרבעט דערציילט דער מחבר װעגן דעם װי אַזױ עס איז בײַ אים אַנטשטאַנען דער געדאַנק װעגן אַזאַ אַר־בעט און אין װעלכע באַדינגונגען ער האָט די זאַך רעאַליזירט. לאָמיר עס איבערגעבן מיט זײַנע אײגענע װערטער:

„די דאָזיקע זאַמלונג אידיאָמאַטישע אויסדרוקן האָט זיך איר געשיכטע. אין די „הייסע״ טעג פֿון זומער 1945 אין שאַנכײַ, אין דער צייט פֿון טעגלעכע לופֿט־אָנגריפֿן אויף דער דאָזיקער שטאָט, האָב איך „געוווינט״ אין דער היגער תפֿיסה, אַ ריזיקער בעטאָן־קאָמפּלעקס, באַקאַנט מיטן נאָמען — דער סינג־סינג פֿון וויטן מזרח. אין די קעלערן פֿון אָט דער תפֿיסה האָב איך, ווי טויזנטער אַנדערע, טאָג־טעגלעך געזוכט שוץ קעגן די באָמבעס און שפּלי־טערס פֿון אַפּוער. עס איז אויסגעקומען צו זיצן דאָרטן שעהן לאַנג יעדער טאָג. כּדי צו פֿאַרטרײַבן די צייט און נישט צו מוזן כּסדר זיך צוהערן צום געררויש פֿון די שווערע באָמבעס, די אויפֿ־רייסן און דעם געקנאַל פֿון אַפּוער, בין איך איין מאָל געפֿאַלן אויף דער המצאה — פֿאַרנאָטירן אידיאָמאַטישע אויסדרוקן אין ייִדיש, אַזוי ווי זיי קומען מיר אין קאָפּ אַריין. ווי אַ מיטל אָפּצוווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם וואָס עס טוט זיך איבערן קאָפּ איז עס געווען אויסגעצייכנט און איך האָב אויסגענוצט יעדער טאָג. איך האָב תּחילת נישט געקלערט אַז איך טו עפּעס אַ נוצלעכע זאַך. ביז אין ביכל האָבן זיך נישט אָנגעקליבן הונדערטער אידיאָמאַטישע אויסדרוקן. ערשט דעמאָלט איז געקומען דער רעיון באַוווסטזיניק און מיט אַ קלאָרן ציל צו קלייבן וואָס מער אידיאָמען. איך האָב אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרנאָטירט פֿון זכּרון קרוב צוויי טויזנט אויס־דרוקן. די אַלע אידיאָמען האָבן זיך אַליין אויפֿגעזוכט, פֿון זיך, אָן דער הילף פֿון ביכער, אָן אַ צושטייער מצד מיטשמועסערס.

„קלאָר אַז די זאַמלונג קען נישט פּרעטענדירן צו זיין אַן אויסשעפּנדיקע — גיי שעפּ אויס אַ קוואַל, און דערצו נאָך אַליין! איך האָב די אויסדרוקן געקליבן מיטן געפיל פון טיפער אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט און פּיעטעט און נישט מיט קיין קלענער געפיל פון ווייטיק און צער. ליבשאַפט צו מיין מאַמע־לשון און צער איבערן אויסגעשאַכטענעם עמך, וואָס האָט געלעבט מיט אָט דעם מאַמע־לשון, געליטן, געהאָפט און געשאַפן אויף אים און געקעמפט פאַר אים. דער קערן פון דעם גרויסן אַנאָנים, דער שאַפער פון די אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, איז שוין נישטאָ. זאָל־זשע כאָטש אויפגעהיט ווערן דאָס וואָס ער האָט אין משך פון דרייסיק דורות געשאַפן בילדעריש, שאַרפזיניק, אייגנאַרטיק, גייסטרייך — דער אוצר פון זיינע אידיאָמאַטישע אויסדרוקן.“

די רעדאַקציע פון דעם ייוואָ־זשורנאַל באַגלייט דעם דאָזיקן פאָרוואָרט מיט אַן אויפקלערונג, אַז די אָפּגעדרוקטע אַרבעט שטעלט פאָר מיט זיך בלויז מער־ווייניקער אַ העלפט פון דעם, וואָס בער י. ראָזען האָט אויפגעקליבן פון זכרון. אָט איז די דאָזיקע אויפקלערונג פון דער רעדאַקציע:

„מיר גיבן נישט די פולע זאַמלונג, ווייל די באַדינגונגען פון דער אַרבעט זענען דאָך געווען אַזעלכע, אַז זיי האָבן געמוזט לאָזן דעם שטעמפּל פון צופעליקייט אויף איר. ווי אַ יסוד פאַר אַ זאַמלונג, וואָס זאָל שפּעטער דערגאַנצט ווערן, איז די רשימה צו קליין. דעריבער האָבן מיר דאָ ווייטער נישט געדרוקט די גאָר־פאַרשפּרייטע אויסדרוקן, אַזעלכע וואָס איז קיין ספק נישט, אַז אַלע יידיש־ריידערס פון די פאַרשידנסטע געגנטן קענען זיי. אַזעלכע אַלגעמיינע באַקאַנטע אידיאָמען קומען בלויז דעמאָלט, ווען זיי פאָרן זיך מיט אַנדערע, וואָס זענען נישט אַזוי פּאָפּולער. פריינד ראָזענס זאַמלונג איז פאַרקלענערט געוואָרן מער ווי אויף אַ העלפט. דורך דעם — מיינען מיר — האָט די זאַמלונג געקראָגן נאָך אַ גרעסערן ווערט. זי האָט אין זיך דער עיקר אידיאָמען פון פּוילישן יידיש

און אַ היפּשע צאָל אידיאָמען פון אומעטום, וואָס זענען אָבער נישט אַזוי פּאָפּולער.״

מיר גייען דאָ נישט אַריין אין קיין פּאָלעמיק מיט דער רעדאַקציע פון דעם חשובן ייוואָ־זשורנאַל, צי די זאַמלונג האָט — אַדאַנק דער פאַר־קירצונג — דורך דעם געקראָגן נאָך אַ גרעסערן ווערט. מעגלעך אַז ווען דער זשורנאַל וואָלט נישט געווען אַזוי באַגרענעצט אין פּלאַץ וואָלט נישט אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו מאַכן די קירצונגען. עס איז אָבער נישט קיין שום ספק, אַז אויך געקירצטערהייט האָט די דאָזיקע אָפּגעדרוקטע זאַמלונג אַ היפּשן ווערט — עס איז ווונדערבאַרער יידישער פּאָלקלאָר. די אַרבעט זאָגט עדות נישט נאָר אויף בער י. ראָזענס גלענצענדיקן זכרון, נאָר אויך אויף זיין טיפער פאַרוואָרצלטקייט אין דער עשירות פון יידישן לשון און פון יידישע שפּראַכלעכע אייגנאַרטיקייטן. הלוואי זאָל קומען עמעץ, וואָס זאָל — אין גליקלעכערע באַדינגונגען ווי עס האָט געהאָט בער י. ראָזעןביים טאָן זיין אַרבעט — ממשיך זיין די דאָזיקע ביז־גאָר אינטערעסאַנטע אידיאָמאַטישע זאַמלונג.

**
*

אין אַ ריי צייטונגען און זשורנאַלן אין נ י ו ־ י א ר ק, ב ו ע־נ אָ ס ־ א י ר ע ס און מ ע ל ב ו ר ן זענען צעוואָרפן זייער אַ סך פאַרשידנאַרטיקע עסייען, וואָס זענען אַרויס פון אונטער בער י. ראָזענס פעדער אין די יאָרן פון וועלט־קריג און נאָכן וועלט־קריג: רייזע־באַשריי־בונגען, ליטעראַרישע מאמרים, פּובליציסטישע אַרטיקלען, חורבן־פּאָע־זיע, שאַרפע פּאָלעמיק אאז״וו.

בער י. ראָזען האָט זיך געריסן קיין אַמעריקע. ביי זיינע ניו־יאָרקער פריינד ליגן צענדליקער בריוו פון אים — בריוו, וואָס זענען פול מיט בענקשאַפט צו אַ גרעסערן יידישן ישוב, וואָס זאָל פאַר אים פאַרטרעטן דעם היימישן יידיש־פּוילישן ישוב, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאָט.

מיט אַ שווער געמיט, נאָך אַ סך וואַקלונגען, האָט ער זיך געלאָזן אי־בערערדן פון זיין פרויס משפּחה און פון זיינע נאָענטע פריינד און ער

איז סוף־כל־סוף אין זומער 1947 אָפּגעפּאָרן קיין א ו י ס ט ר אַ ל י ע, ווו עס האָט אין יענער פּעריאָד זיך אויפגעקליבן יענער טייל פון זיין פּרוּיס משפחה, וואָס האָט איבערגעהאַלטן דעם קריג און זיך באַזעצט אין אויסטראַליע (אַ טייל פון זיי האָט איבערגעלעבט דעם וועלט־קריג אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַן אַנדערע טייל — אין וואַרשעווער געטאָ און שפּעטער אין באַהעלטענישן ביי „גוטע פּאָליאַקן" אין אַ וואַרשעווער פאָרשטאָט).

שווער איז געווען בער י. ראָזענען זיך איינצולעבן אין דער נייער סביבה, שווער געווען זיך צוצוגעווינען צום געדאַנק, אַז דער קליינער יידישער ישוב אין אויסטראַליע וועט שוין אויף אייביק פאַר אים בלייבן זיין היים און זיין לעבנס־שטח.

אָבער איינציקווייז, איינציקווייז האָט זיך בער י. ראָזען אַריינגע־צויגן אין דער נייער סביבה און געוואָרן אין איר טעטיק. מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט פון אַמאָל, האָבן געזען די גוואַלדיקע ענדערונגען, וואָס זענען אין אים פאָרגעקומען. צוגעדריקט פון גרויסן יידישן חורבן אין איראָפּע, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען צוגע־דעקט מיט אַ גרויען באַרג אַש. זיין אַמאָליקע פריילעכקייט איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן. אַ רעזיגנירטער, באַהערשט פון אַ טיפער מעלאַנכאָליע, האָט ער פונדעסטוועגן זיך געצוווּנגען צו ווערן אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אינעם ישוב, וואָס איז אַדאַנק דער נאָכ־מלחמהדיקער איינוואַנדערונג פון צענדליקער טויזנטער יידן באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן און גענומען פולסירן מיט נייעם לעבן. ער האָט געשריבן אין דער לאָקאַלער יידישער פּרעסע, ער האָט זיך געמאַכט נוצלעך און באַ־ליבט ווי אַ לערער פון יידישער ליטעראַטור אין דער אָרטיקער יידישער שול. ער איז געוואָרן אַ לעקטאָר, וואָס האָט געצויגן גרויסע אוידיטאָ־ריעס. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פּרעסע פון ניו־יאָרק און בוענאָס־איירעס. מיט באַזונדערער האַרציקייט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער קולטור־אַרבעט פון דער גרויסער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מעלבורן. זיינע לעקציעס און זיינע אַרטיקלען אין דעם אָרטיקן בונדישן זשורנאַל „אונדזער געדאַנק" האָבן געאָטעמט מיט טיפן אידעאַליזם.

אין יאָר 1950 איז אין פאַרלאַג פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע

יידן אין אַרגענטינע דערשינען זיין מעמואַרן־בוך „טלאָמאַצקע 13״ — אַ מין געשיכטע פון דעם פאַרשניטענעם װאַרשעװער יידישן ליטעראַרישן צענטער. װעגן דעם דאָזיקן בוך האָט ש. ניגער געשריבן די װייטערדיקע כאַראַקטעריסטיק („טאָג״, ניו־יאָרק, 8 אַפּריל 1951):

„עס זענען דאָ אַ סך װיכטיקע איינצלהייטן אין בער י. ראָזענס כראָניק. און נישט נאָר ביאָגראַפישע, אויך אַלגעמיין־היסטאָרישע פּרטים. זיי זענען שייך צו דער געשיכטע פון דעם יידישן לייענער, פון דער פּרעסע, פון דער ליטעראַטור, פון דעם טעאַטער, פון דער מאָלעריי, פון דער געזעלשאַפטלעכקייט צװישן ביידע װעלט־מלחמות אין פּוילן. דער עיקר אָבער איז עס אַ באַשרייבונג פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט לעבן און קאַמף פון יידישע זשורנאַליסטן, דיכטערס און קינסטלערס אין פּוילן — אַ באַשרייבונג פול מיט בענקשאַפטלעכן ענטוזיאַזם, אָבער אויך מיט פאַקטן און דאַטן, אַן אויספירלעכע און װירדיקע מצבה־אויפשריפט אויפן קבר פון טלאָמאַצקע 13.״

סוף 1954 איז בער י. ראָזען געװען פול מיט פּלענער פון פאַרשידענע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. ער איז אויך געװען באַערשט פון אַ פרייידיקער דערװאַרטונג צו פאָרן אין עטלעכע חדשים אַרום קיין אַמעריקע װי אַ דעלעגאַט פון דער מעלבורנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״ צום בונדישן װעלט־צוזאַמענפאָר, װאָס האָט זיך דאַן געגרייט אין מ אָ נ ט ר ע אַ ל, קאַנאַדע. בלויז דער געדאַנק אַליין װעגן אַ באַגעגעניש מיט זיינע צאָלרייכע פריינד, קאָלעגן און חברים, װעלכע האָבן זיך בעת און נאָכן לעצטן װעלט־קריג באַזעצט אין די אַמעריקאַנער לענדער, האָט אויפגערודערט אַלע זיינע געפילן, זיין האַרץ און זיין מוח.

אָבער — נישט געװען, זעט אויס, באַשערט. אומגעריכט, אין הויז פון אַ פריינד, װו עס איז גראָד פאָרגעקומען אַ משפחה־שמחה, האָט ער זיך דערפילט שלעכט — אַזוי שלעכט, אַז ער האָט שטיל זיך אַרויסגעגליטשט פונעם הויז און גענומען פאָרן אין דער ריכטונג פון זיין היים. ער איז אָבער אַהיים נישט דערפאָרן. עס איז אים געװאָרן פון מינוט צו

מינוט ערגער און ערגער. ער איז געשטאָרבן אין מיטן וועג. עס איז גע־
זועץ אַרום 11 בייגאַכט פון 23סטן נאָוועמבער 1954 — געגוי צום 8טן
יאָרטאָג פון דער ערשטער האַרץ־אַטאַקע, וואָס ער האָט באַקומען אין
שאַנכייער פאַרוואָגלטקייט.

אין מאָמענט פון טויט איז ער אַלט געווען נישט קיין גאַנצע 54 יאָר.

ש. אַנ-סקי

1916

א.

זומער 1919 איז קיין אַטוואָצק (אַ קוראָרט אין וואַרשע) געקומען ש. אַנסקי.

געקומען איז ער פון ווילנע געעלטערט, דערשיטערט און פיזיש צעבראָכן. די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, רעוואָלוציע און בירגערקריג אין רוסלאַנד זענען פאַר אים געווען יאָרן פון שווערער אינטענסיווער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, יאָרן פון פּיינלעכע איבערלעבונגען — געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און פּערזענלעכע.

אין די מלחמה־יאָרן איז ער געווען טעטיק ווי אַ פאָרשטייער פון רוסישן פאַרבאַנד פון שטעט („סאָיוז גאָראָדאָוו"), וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן ליבעראַלן פירשט לוואָוו און האָט זיך פאַרנומען מיט געבן הילף דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געליטן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס. אַנסקי האָט דאָ געהאַט די געלעגנהייט פון דער נאָענט זיך צו באַקענען מיטן שוידערלעכן חורבן פון די יידישע קיבוצים אין פוילן, דער עיקר — אין מזרח־גאַליציע. אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געלעגן נאָענט צום דעמאָלטיקן רוסיש־דייטשן קריגס־פראָנט (1914—1915), האָט ער דאָרטן געטראָגן מאַטעריעלע הילף, אַדורכגעפירט אינטערווענצן קעגן רדיפות אויף דער יידישער באַפעלקערונג און זייער אָפט אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן און פאַרמעגן פון איינצלנע יידן, ווי פון גאַנצע ישובים.

דאָס זענען געווען טראַגישע יאָרן. אַנסקי האָט זיך געפילט גוואַלטיק מאַכטלאָז קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער צאַרישער מאַכט און קעגן די אָפענע און געהיימע בלוט־דורשטיקע פאַראָרדענונגען מצד דעם צאַרישן בלוט־הונט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש (הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער צאַרישער אַרמיי). די דאָזיקע טראַגיק קומט צום אויסדרוק אין אַנסקיס פיר־בענדיקן בלוטיקן עפּאָס „דער יידישער חורבן פון פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע".

דערנאָך איז געקומען די רעוואָלוציע און דער בירגערקריג אין רוס־

לאַנד. די יידישע ישובים אין ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע זענען אָפּגעגאַנ־גען מיט בלוט, און אין יידישן בלוט האָבן געוויקט די הענט נישט נאָר ווייס־גוואַרדייער, פּעטלורעס, מאַכנאָס און אַנדערע באַנדעס. אַנסקי איז פון לאַנגע יאָרן געווען אַן ס. ר. און האָט אין דער באַוועגונג געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביז און בעת דער רעוואָלוציע. עס האָט אים ווייי־געטאָן וואָס די ס. ר. האָבן נישט גענוג ענערגיש זיך קעגנגעשטעלט די בלוטיקע שחי־טות אויף יידן און איינצלנע פון זיי האָבן עס מיט אַ האַלב מויל אַפילו גערפרווט פאַרענטפערן מיטן „תירוץ״, אַז די יידן זענען כלומרשטע באָל־שעוויקעס, און אַז עס איז שווער אין אַ צייט פון בירגערקריג און רעוואָלו־ציע איינצוהאַלטן די צעהיצטע געמיטער...

ווי אַן אַקטיווער פּאָליטישער טוער האָט אַנסקי נאָכן זיג פון די באָלשעוויקעס געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה נאָכן צעטרייבן די קאָנסטיטואַנטע, ווו אַנסקי איז געווען אַ מיטגליד און ווו ער האָט צוזאַמען מיט טשערנאָוון אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די באָלשע־וויקעס.

אַנסקי איז געקומען קיין ווילנע. אין דער סביבה פון יידישן קיבוץ אין ווילנע, אין דער וואַרימער אַטמאָספער, וואָס דער דאָזיקער ישוב האָט פאַר אים געשאַפן, אינעם קרייז פון נאָענטע און איבערגעגעבענע פער־זענלעכע פריינד, האָט ער געהאָפט זיך אָפּצורוען, קומען צו זיך. ער האָט געהאַט גרויסע פּלענער — קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע.

די פאַרדינטע רו איז אים אָבער נישט באַשערט געווען: אַ שווערער בלוטיקער פּאָגראָם פון די נייע פּוילישע מאַכט־האָבער פון ווילנע — און דער מאָרד, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן איבער זיין נאָענטן פריינד, דעם יידישן שריפטשטעלער א. ווייטער (דעוועניששקי) — האָט אַנסקין אינ־גאַנצן צעבראָכן פיזיש און מאָראַליש. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח ווייטער צו בלייבן אין ווילנע. לויט דער עצה פון דאָקטוירים האָט ער זיך באַזעצט אין אָטוואָצק, אַ קוראָרט 40 מינוט רייזע מיט דער באַן פון וואַרשע. דאָרט האָט ער געוווינט ביז סוף זומער 1920.

בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אויף פּוילן אין יענעם יאָר, ווען די רויטע אַרמיי איז געשטאַנען ביי וואַרשע, איז אַנסקי אַריבערגע־פאָרן קיין וואַרשע גופא. ער איז דעמאָלט גראָד געווען נאָך אַ שווערער

לונגען־אַנטצינדונג און האָט זיך גענייטיקט אין פּאַכמענישער און גע־טרייער מעדיצינישער השגחה. בדרך אויסנאַם האָט מען פּאַר אים געקריגן אַ צימער אין דער כירורגישער קליניק פונעם וואַרשעווער יידישן דאָקטער הורוויץ, אויף זשאַבע 3. דאָרט איז אַנסקי אין נאָוועמבער 1920 געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג.

ער איז אַלט געווען קוים 57 יאָר.

ב.

איך האָב זיך באַקענט מיט אַנסקין אין אָטוואָצק, וואו איך בין דע־מאָלט געווען אַ תושב. דאָס איז געווען קורץ נאָכדעם ווי אַנסקי האָט זיך דאָרט באַזעצט. איך פלעג זיין אַן אָפטער איינגייער צום באַקאַנטן דיכ־טער און דראַמאַטורג יעקב פרעגער — אויך אַ תושב אין אָטוואָצק. איך האָב אים געוויזן מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוון, פון אים געהערט די ערשטע מבינות, קריטישע באַמערקונגען און שריפטשטעלערישע עצות. אין איינעם אַ טאָג קומט ער מיר אַנטקעגן מיט אַזאַ שפּריך:

— אַז אַנסקי ווינט דאָ־הי, דאָס ווייסט איר דאָך. איר ווילט זיך מיט אים באַקענען?

פרעגערס פּנים איז געווען צעשמייכלט פריינדלעך און מילד. ער אַליין האָט געענטפערט אויף דער פראַגע:

— אַ שאלה, איז האָב אים דערציילט וועגן אייך. ער האָט געבעטן איך זאָל מיט אייך קומען צו אים. ער וויל אייך קענען. וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַררויטלט ווי אַ כלה־מיידל?

איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער. געפילט אַ היץ אין פּנים.

— אַגב, — מאַכט ער צו מיר — קען זיין, אַז איר וועט האָבן עפּעס אַרבעט ביי אים אויך. אַ שטיקל נצרך זענט איך דאָך, האַ? דער אַלטיטש־קער איז מיד און קראַנק. אויף להכעיס אַלע דאָקטוירים אַרבעט ער זייער אַ סך. ער שרייבט, זעצט איבער זיינע ווערק פון רוסיש, קאָרעספּאָנדירט און האָט נאָך דערצו אַ סך אַרבעט ביים ברענגען אין אָרדענונג זיינע מאַ־טעריאַלן. ער גרייט צו אַן אויסגאַבע פון זיינע ווערק.

פאַרנאַכט זענען מיר אַוועק צו אַנסקין.

די ווילע, ווו ער האָט געוווינט, האָט זיך געפונען אין אַ געגנט, וואָס מען האָט אין אָטוואָצק גערופן „קליין מעראַן". הינטער דער שטאָט, בערגיק און געדיכט באַוואַלדיקט, אין אַ רחבותדיקער און זאָרגעוודיק־ציכטיקער ווילע, אין אַ זוניק הויז מיט גרויסע ווענעציע־פענצטער, האָט אַנסקי פאַרנומען צוויי צימערן. דער באַלעבאָס פון הויז, אַן אָפּגעקומענער נגיד, האָט אויפגענומען אַנסקין אויף אַלעם גרייטן: דירה, קעסט און באַדינונג. אָט־דאָס באַטעמטע אָטוואָצקער ווינקעלע, פאַרזונקען אין שטילקייט און רו, איז געווען ווי אַנגעמאָסטן פאַר אַנסקיס אויסגעמאַטערטן גוף, פאַר זיינע צעשויבערטע נערוון.

אויסגעזען האָט ער מלכותדיק. הויך, ברייטפּלייציק — בולטע סימנים פון אַמאָליקער גבורה און פיזישער אויסהאַלטעוודיקייט. אַ וווּנדער־שיינער קאָפּ זילבערנע האָר האָט באַקרוינט זיין מאָגער, אָפּגעצערט ברוינלעך פּנים. פון אונטערן הויכן למדנישן שטערן, וואָס האָט זיך טיף און שאַרף געשניטן איבערן לענגלעכן פּנים, איבער דער אָדלער־נאָז, האָבן ווייך און מילד אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טונקעלע, מאַט־מידע אָבער קלוגע און באַזונדערס גוטע אויגן.

דורכן פענצטער האָט ער אונדז באַמערקט, אַז מיר קומען אָן, און פון צימער אַרויס האָט זיך דערהערט זיין קול:

— פרעגער גייט, געסט גייען, אַ גוטינקער אייך.

און באַלד דערנאָך האָט זיך אויף דער וועראַנדע, אינעם סאַמע אַריינגאַנג, באַוויזן ער אַליין, אַנסקי.

איך האָב זיך דערפילט אַביסל אומדרייסט, זשעגירט. פרעגער האָט עס באַמערקט און לאַכנדיק אַ זאָג געטאָן צו אַנסקין:

— אָט האָב איך אייך געבראַכט אַ נייעם שלימזל, נאָך גאָר אַ יונגיטשקער, אַ קורטשאַקל.

— זייער גערן — האָט אַנסקי געשמייכלט, אַראָפּגעלאָזט אַ פוס אויף אַ טרעפּ נידעריקער פון די שטיגלעך ביים אַריינגאַנג, דערלאַנגט מיר אַ ברייטן און וואַרעמען „שלום עליכם", מיט דער צווייטער האַנט אונטערגעכאַפּט מיין פּלייצע און אַזוי מיך אַריינגעפירט אין צימער.

אויפן טיש — אַ הויפן צעוואָרפענע צייטונגען, אויסגעמישט מיט גרויסע פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר, אַ גרויס שאַכטל מיט היימיש־גע־

מאַכטע סיגאַרעטן און — אַ טעלער מיט פּרוכט. אַנסקי האָט געמאַכט, איינס און צוויי, אַ שטיקל אָרדענונג אויפן טיש און באַלד דערנאָך איז אויפן טיש אויסגעוואַקסן אַ רוסישער סאַמאָוואַר. מען האָט געטרונקען טיי, געגעסן איינגעמאַכטס און גערויכערט.

אַנסקי האָט זיך גוטמוטיק צערעדט, באַמיט זיך מיך אַרויסצופירן פון מיין שעמעוודיקייט.

— פרעגער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ „געכאַפּטער אין דער מעשה" — האָט ער זיך צו מיר געווענדט — איר שרייבט.

איך האָב אים נישט געענטפערט. בלויז שעמעוודיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, און אַז איך וועל אייך פאָרלייגן, אַז איר זאָלט מיר צוהעלפן שרייבן?

— וואָס הייסט?

— פשוט, הייסט עס, איר וועט מיר צוהעלפן אין מיין אַרבעט. איך האָב אַ סך אַרבעט. אַ היימישער מענטש, משלנו, וועט מיר קענען אַ סך צוהעלפן.

— אויב איר האַלט, אַז איך וועל אייך קענען העלפן מיט עפּעס, פאַר־וואָס נישט?

און זינט יענעם טאָג בין איך געוואָרן אַ טעגלעכער איינגייער צו אַנסקין, געוואָרן זיינס אַ מיטאַרבעטער, „געהאָלפן אים שרייבן". ביי מיי־נע נישט גאַנצע 19 יאָר, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט אָפּגעלעבט — אַן איבערלעבונג אַ שטאַרקע, אַן איבערלעבונג וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון זכרון ביז היינטיקן טאָג.

נישט איין מאָל באַדויער איך, וואָס איך האָב נישט געפירט קיין טאָגבוך פון מיין דאָזיקער אַרבעט און אָפטן צוזאַמענזיין מיט אַנסקין. אַ סך ווערטפולע פרטים צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער דאָזיקער איידע־לער געשטאַלט האָט די צייט זיכער אָפּגעמעקט פון זכרון. זאָל גילטן דער כלל, אַז דאָס וואָס איז פאַרבליבן שטאַרקער פון צייט, דאָס, וואָס צייט האָט נישט געמאַכט פאַרגעסן, איז דאָס וועזנטלעכסטע און צומייסט כאַ־ראַקטעריסטישע.

ג.

אַנסקי איז געווען זייער קראַנק. אַ צוקער־קרענק, אַן אָנגעגריפן האַרץ און שוואַכע לונגען. דריי „גוטע" זאַכן באַזונדער און צוזאַמען — אַוודאי און אַוודאי. ער האָט וועגן דעם צופיל נישט געוווסט. נאָך ווייניקער האָט ער וועגן דעם געוואָלט וויסן. געלאַכט און געשפּאָט פון אַלערליי קרענק, דאָקטוירים און רפואות. וועגן זיין געזונט־צושטאַנד האָבן געוווסט און זיך ערנסט געקימערט זיינע מקורבים. אין די יונגע יאָרן איז אַנסקי געווען זייער אַ געזונטער מענטש, אַ גברן, געקאָנט אייזן ברעכן. פון דער אַמאָליקער גבורה איז פאַרבליבן בלויז די יוגנטלעכע לעבנס־לוסט, וואָס איז נישט אויסגעוועפּט געוואָרן נאָך אַזוי פיל יאָרן נע־ונד, שווערע האָרעוואַניע און ליידן.

אין אָטוואָצק האָט זיך אַנסקי געפונען אונטער אַ טרייער השגחה. ער האָט געהאַט אַ סך, זייער אַ סך פריינד. צווישן די אָפטע געסט, וואָס פלעגן קומען צו אים, זענען אויך געווען צוויי וואַרשעווער דאָקטוירים — דער שריפטשטעלער, איינער פון פרצעס מקורבים גרשון לעווין (געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ אין 1940) און פרוי דאָקטאָר סירקין־בינשטיין. זיי האָבן קלאָר געוווסט ווי ס'האַלט מיט אַנסקין. זיי האָבן פאַר אים איינגעשטעלט אַ שטרענגן סדר, אַ דיעטע, פאַרשריבן אים כלערליי רפואות, פאַרזאָגט אים — נישט, אָדער גאָר ווייניק צו רויכערן (פועלן ביי אים אינגאַנצן נישט צו רויכערן איז געווען אוממעגלעך), נישט צו גיין קיין סך, דער עיקר — נישט גיך, און ענלעכע דאָקטאַרישע אָנווייזונגען. מען האָט ספּעציעל דערצו אינסטרואירט די הויז־מענטשן און די נאָענט־סטע פריינד, וואָס האָבן געלעבט אין אָטוואָצק, אָנגעזאָגט מען זאָל אים היטן. אַנסקי איז אָבער געווען אַ שווערער פּאַציענט. ער האָט די דאָקטוירים זיינע געהערט ווי דעם קאָטער. טאָמער האָט מען אים עפּעס־וואָס געזאָגט, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף עפּעס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן געזונט־צושטאַנד, פלעגט ער זיך צעבייזערן:

— וואָס מאַכט איר מיך פאַר אַ חולה מסוכן. גרשון לעווין האָט אייך דאָרט אָנגעזאָגט. אויך מיר אַן אויטאָריטעט. סך־הכל אַ דאָקטאַר. וואָס ווייסט אַ דאָקטאָר? — אַ קרענק...

ער האָט זיך ליב געהאַט צו בריהן. ווייזן אַלעמען, אַז לא דובים ולא יער. ער איז גאָרנישט קראַנק. עס הייבט זיך נישט אָן. אַ בייזע אויסטראַכ־טעניש פון זיינע „שונאים" און גאָרנישט מער. באַזונדערס פילבאַר איז ער געווען אויף די פאַרשידענע הינטערגענג מצד היימישע. ער פלעגט מאַכן אָפטע שפּאַצירן. ער האָט עס ליב געהאַט. דערצו האָט ער דווקא ליב געהאַט צו גיין נישט ווי אַ טשאַפּע, נאָר טאַקע מיט אַ געזונטן מענערישן טריט, אַזוי אַז ער זאָל פילן, אַז ער גייט. די באַגלייטער פלעגן זיך באַ־מיען אָפּצושוינען אים. מען פלעגט דאָס מאַכן אויף פאַרשידענע אופנים, כלערליי אויסריידן:

— וואָס יאָגט איר זיך אַזוי? וואָס האָט איר קיין צייט נישט? מען קאָן דאָך אייך נישט אָניאָגן.

— נו, נו, — פלעגט ער ענטפערן — מאַכט נישט אייערע הינטישע שטיק.

אַנסקי האָט נישט ליב געהאַט מען זאָל אַרום אים צופיל אומגיין. נישט ליב געהאַט מען זאָל אים באַדינען. געווען עפּעס אַ מין קאָמפּלעקס ביי אים: זאָל מען נאָר נישט מאַכן פון אים קיין אינוואַליד, אַ לא יוצלח. איינמאָל האָט ער זיך געגרייט צו פאָרן קיין לאָדזש אויף אַ פאַרלעזונג. ער האָט יענעם טאָג אַרומגעשמייעט איבער דער שטוב, געמאַכט הכנות צו דער רייזע. אויף דער שאַנק איז געשטאַנען אַ וואַליזקע אין וועלכער עס זענען געלעגן אַ פּאָר שטיוול מיט גרויסע ווייכע קאַליעוועס, וואָס האָבן זיך געשרומפּן ווי אַ בלאָז־זאַק. אַנסקי האָט זיך געישובט, צי ער זאָל פאָרן אין די שיך און מיטנעמען קאַלאָשן אויפן פאַל פון רעגן (געווען האַרבסט־צייט), אָדער ער זאָל אָנטאָן די שטיוול.

— כ'מיין, בעסער די שטיוול.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט ער אונטערגעכאַפּט — איר האָט מיר צוגעטראָפן. עס וועט אויסזען אַביסל פּאַניש, אָבער נישקשה.

איך האָב גענומען אַ שטול און געוואָלט זיך אַרויפשטעלן אויף איר, כדי צו גרייכן צו דער וואַליזקע אויף דער שאַנק. פּלוצלינג האָט מיך אַנסקי אַ צי געטאָן פון הינטן. נישט געוווסט, וואָס עס איז געשען, בין איך אַראָפּ פון דער שטול.

— נו, און איך בין שוין ביי אייך גאָרנישט? — האָט ער זיך צו מיר

אָפּגערופן — אָט וועלן מיר אָקאָרשט זען, צי איך טויג נאָך אויך צו עפּעס.

אַליין אַרויף אויף דער שטול, אַראָפּגענומען פון דער שאַנק די וואַ־ליזקע און מעשה־יונגערמאַן אַראָפּגעשפּרונגען, אָנגעטאָן די שטיוול. דאַן האָט ער אַ צופרידענער אונטערגעטאַנצט און געשעפּט נחת פון די „טרע־טערס":

— אַזוי פּילט מען דאָך, אַז מען לעבט. אַ טריט איז אַ טריט. מען הערט עפּעס. ווען דאָ וואָלט איצט געווען די מאַדאַם פּרעגער, וואָלט זי מיר געעצהט אָנצוטאָן די קאַלאָשן. איר ווייסט גאָרנישט ווי פּיינט איך האָבן קאַלאָשן. כ'האָב פּיינט דאָס שטילע, ווייכע גענגעלע פון קאַלאָשן...

באַרימען זיך מיט זיין „גבורה" און אויסהאַלטעוודיקייט איז געווען זיינס אַ באַזונדער פאַרגעניגן. אַזוי האָט ער זיך איינמאָל, ביי אַ געלעגנ־הייט, גדלותדיק פונאַנדערגעלאָזט וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך אַליין „אויסגעהיילט" פון אַ לונגען־אַנטצינדונג, אינגאַנצן אָן דאָקטוירים אויס־געהיילט. געווען איז דאָס אין די צייטן ווען ער האָט געאַרבעט אין איי־נעם פון די רוסישע זאַלץ־גרובנס. דערפּילט זיך עפּעס איינמאָל נישט מיט אַלעמען: אַ שטעכונג אַזאַ אין די פּלייצעס און אין ברוסט־קאַסטן. וואָס האָט ער געטאָן? געקויפט אַ גרויסע פלאַש בראָנפן, אויסגעטרונקען זי, אַוועקגעלייגט זיך, גוט צוגעדעקט און איינגעשלאָפן. געשלאָפן אַזוי אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

ד.

צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגן זיך אין „מאָמענט" דרוקן אַנסקיס אַרבעטן. איינע — אַ פּובליציסטישע און די צווייטע — אַ בעלעטריסטי־שע. די אַרבעטן פלעגן באַזאָרגט ווערן קיין וואַרשע דורך פאַרשידענע גע־לעגנהייטן. דעם האָנאָראַר פלעגט מען אים צושיקן אַהיים. אַזוי אַרום האָט מען אים איינגעשפּאָרט צו אָפטע רייזעס קיין וואַרשע.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַנסקי אַראָפּכאַפּן אויף אַ פּאָר שעה קיין וואַרשע. ס'האָט אים געצויגן צו דער גרויסער שטאָט. היימישע מענטשן האָבן תמיד געוווסט מיט וועלכער באַן ער וועט צוריקקומען, און

מען האָט אים אָפּגעוואָרט: פּרעגער מיט דער פרוי, דער מאָלער זיידענ־בייטל, אויב ער האָט זיך געפילט גוט (געווען אַ לונגען־קראַנקער און איז פון דער קרענק יונג געשטאָרבן) און אַנדערע. אויפן וועג אַהיים פלעגט זיך אַנסקי פאַרהאַלטן אויף אַ קליינעם אָפּרו ביי די פּרעגערס, וועלכע האָבן געוווינט נאָענט פון דער באַן. דערנאָך פלעגט מען אים אָפּפירן אַהיים. געווען אַ שפּאַציר צופוס. אַנסקי האָט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, דערציילן נסים, וויצן פאַרשידענע און מעשיות. ער האָט הנאה געהאַט ווען דער עולם צוהערער האָט געלאַכט, אָנגעקוואָלן פון זיינס אַ דערציילטער מעשה צי אַ וויץ. און אַנסקי איז געווען אַ ווונדערבאַרער דערציילער. תמיד געהאַט וואָס צו דערציילן און געקענט גוט די מלאכה פון דערציילן. איינ־מאָל בעת אַזאַ שפּאַציר האָט ער דערציילט עפּעס אַ פּיקאַנטע מעשה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ צווייטייטיקן וויץ. פּרעגער האָט זיך צעלאַכט, אַ שטויס געטאָן מיר אין דער זייט אַריין, און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס דעם אַלטן ליגט אין קאָפּ?

אַנסקי האָט עס דערהערט: „דעם אַלטן!" ער האָט עס נישט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט זיך געטאָן אַ שטעל אָפּ, אויסגעדרייט זיך און אָפּגע־מאָסטן פּרעגערן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ בליק — גרייט אים צו פאַר־צוקן, און מיט געמאָכטער רוגזה האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ווען ביי אייך, פּרעגער, וועט שוין קיין איין צאָן אין מויל נישט זיין (פּרעגערס פרוי איז געווען אַ צאָן־אַרצט), וועל איך אייך ווייזן וואָס איך קען און — ווער עלטער איז. גרויזאַם וועט דעמאָלט זיין די נקמה...

און דער „גרויזאַם" איז געווען גרויזאַם אַרויסגעזאָגט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, בעת דער טרויער־רעדע, וואָס אַנסקי האָט געהאַלטן אויפן וואַרשעווער בית־עולם אויפן קבר פון פאַרשטאָרבע־נעם יעקב דינעזאָן, האָט זיך אַנסקי צוגעקילט, אָוועקגעלייגט זיך אין בעט אויף עטלעכע וואָכן אויף אַ לונגען־אַנטצינדונג.

אַן אויפפּאַסונג האָט ער געהאַט אַ קייזערלעכע. פרוי ד"ר סירקין־בינשטיין איז די גאַנצע צייט פון דער קרענק נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בעט. יעדן טאָג זענען פון וואַרשע געקומען יידישע דאָקטוירים מיט גרשון לעווינען בראש. אויפן אָרט — צוהילף ד"ר סירקין־בינשטיינען — איז געווען אַן אָטוואָצקער פעלדשער שנייגיינער — אַ מענטש, וואָס האָט מיט

מסירת־נפש איבערגעגעבן זיך דער רעטונג פון אַנסקיס לעבן. ביים בעט האָט טאָג און נאַכט געוואַכט אויך דער באַלעבאָס פון הויז, פּרעגער און אַנדערע.

די דאָזיקע שווערע קראַנקייט איז געווען אַן איבערברוך־מאָמענט אין אַנסקיס פּסיכיק. ער האָט זיך שוין שפּעטער, ווען עס איז אים בעסער געוואָרן, מער נישט געבריט, נישט גערימט זיך מיט זיין „גבורה״ — נישט געהאַט מער קיין כוח זיך און אַנדערע איינצורעדן, אַז ער איז אַ גברן. נאָך אין בעט ליגנדיק, ווען די סכנה פאַרן לעבן איז שוין געהאַט פאַרביי, האָט ער אָנגעשריבן זיין צוואה, וועלכע ער האָט שפּעטער מיט אַ קורצער צייט איבערגעשריבן און מוסיף געווען. די צוואה האָט זיך אָנ־געהויבן מיט די ווערטער: „זייענדיק ביים קלאָרן שכל און פולן באַוווסט־זיין״ אאַז״וו. פאַר עדות אונטערצושרייבן די צוואה האָט ער גענומען פּרע־גערן און טאַקע דעם פעלדשער שנייגיינער. פּרעגער און פרוי ד״ר סירקין־בינשטיין האָבן תחילת געפּרווט סאַבאָטירן דאָס גאַנצע שרייבן פון דער צוואה, געפּרווט אים אָפּרעדן דערפון, ווי דער שטייגער, געמאַכט די גאַנצע זאַך צו קליינגעלט און אַפילו זיך געוויצלט. אָבער די ראָלן האָבן זיך געביטן. מען האָט אים געפּרווט איינרעדן, אַז ער „פּיעסטשעט״ זיך צו פיל. די קראַנקייט איז אַריבער און אַלץ איז אין אָרדענונג:

— וואָס אַ מענטש קען איינפאַלן: צוואות שרייבן...

אַנסקי האָט זיך נישט געלאָזט איינרעדן. ער האָט זיך גוט פאַרשטאַ־נען דערויף און אויך גוט, זעט אויס, געקענט זיין אייגענעם צושטאַנד. ער האָט אָוועקגעלייגט אין אַרכיוו אַן אויסגעפּאַרטיקטע, גוט־דורכגעטראַכטע און אונטערגעשריבענע צוואה.

די גאַנצע צייט, וואָס אַנסקי האָט פאַרבראַכט אין אָטוואָצק און שפּע־טער אין וואַרשע, ביזן טאָג, ווען ער האָט אויסגעהויכט די נשמה, האָט ער געאַרבעט אויסערגעוויינלעך אינטענסיוו. ווי ער וואָלט פאָראויסגע־פילט, אַז קיין סך צייט איז שוין נישט פאַרבליבן; ווי ער וואָלט געוואָלט דעריאָגן פאַרלוירענע צייט, באַווייזן...

ה.

נאָך דער לונגען־אַנטצינדונג האָט זיך דאָס דאָזיקע ביטערע געפיל,

יעדנפאַלס פאַרשטאַרקט אין אים. דער קורצער פעריאָד אין זיין לעבן, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן פון דער נאָענט, האָט זיך אויסגעצייכנט ביי אים מיט אַ סך פלייס, שעפערישקייט און געשטייגערטער אַרבעטסזאַמקייט. אַחוץ פובליציסטישע אַרבעטן פאַרן „מאָמענט", אָפרופן וועגן די אַקטועלסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים אין יענער צייט (און אַ צייט איז דאָס געווען פאַרן יידנטום אין אייראָפּע אַ דראַמאַטיש־שטורמישע), האָט ער סיסטעמאַטיש צוגעגרייט די יידישע אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק, וועלכע זענען בעיקר געווען געשריבן און געדרוקט אין רוסיש. אַלץ האָט געמוזט ווערן איבערגעשריבן פון ציטונגס־קאָמפּלעטן (דער ראָמאַן „אין שטראָם", געדרוקט אין פּעטערבורגער „פריינט"), איבערגעזעצט פון רוסיש דאָס, וואָס איז געווען געדרוקט אין רוסיש אין ביכער און צייטשריפטן, חוץ דעם האָט ער געשריבן נייע ווערק: אַ סעריע חסידישע מעשיות, זכרונות — אַ קוואַל נישט צום אויסשעפּן. אין משך פון זיין כמעט פערציק־יעריקער געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַריש־פובליציסטישער טעטיקייט אין רוסלאַנד, ווי אויף דער עמיגראַציע אין דער שווייץ און אין פראַנקרייך האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ גרויסער צאָל פערזענלעכקייטן, מענטשן מיט וועלט־נעמען, און ער האָט אָנגעזאַפּט דעם קאָפּ, ווי אַ שוואָם, מיט אַ שלל דעריי נערונגען פון אויסערגעוויינלעכן היסטאָריש־ליטעראַרישן ווערט. זיינע צוויי בענד זכרונות, וואָס זענען שפּעטער דערשינען אין דער יידישער אויסגאַבע, געהערן אָן ספק צו די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע ווערק אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור.

אין אַנסקיס קאָפּ האָבן כסדר זיך געפּיקט פּראָיעקטן, ליטעראַרישע פּלענער, וואָס האָבן אים קיין רו נישט געגעבן בייטאָג ווי ביינאַכט. למשל, דאָס דראַמאַטישע ווערק אין ווייסן פערז „טאָג און נאַכט", וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן — עס זענען בלויז פאַרבליבן פראַגמענטן מיט אָן אויספירלעכן פּלאַן פון אַלע דריי אַקטן פון דאָזיקן ווערק — אַן אַרבעט סיי טעמאַטיש, סיי ליטעראַריש אָן אַן ערך שטאַרקער פון „דיבוק". חוץ דעם איז אים אויסגעקומען אויפסניי אָנצושרייבן פיר בענד פון „חורבן גאַליציע". דער גאַנצער כתב־יד איז אים אַוועקגעקומען אין זיין נע־ונד נאָך דער רעוואָלוציע. דאָס טאַקע איז געווען די ערשטע און גרעסטע אַר־

בעט, ביי וועלכער עס איז מיר אויסגעקומען אים צו העלפן. שעהן פלעגן מיר זיצן ביים טיש און אַנסקי האָט דיקטירט דעם טראַגישן עפּאָס פון די יידישע מאַסן אין קאָנגרעס־פוילן, מזרח־גאַליציע, פּאָדאָליע און בוקאָווינע. די גאָטיצן, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט ביי אים, זענען, על פּי רוב, באַשטאַנען פון ציפערן, דאַטעס און נעמען פון שטעט און מענטשן.

אַנסקי איז געווען אַ בעל־זכרון און דאָס האָט אים אַ סך צוגעהאָלפן. די דאָזיקע אַרבעט איז פאַר אים געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג. ביים דיקטירן איז ער נישט געווען צו איבערקלייבעריש מיט אַ וואָרט און נישט גאָר שטאַרק מדקדק געווען אויף דעם בוי פון זאַץ, אַבי וואָס גיכער אָנצופּיפערן דעם מאַטעריאַל און אַנטשפּאַנען דעם אָנגעשטרענגטן זכרון. שפּעטער האָט ער איבערגעקוקט דאָס אָנגעשריבענע, פאַרבעסערט, רעדאַקטירט און דערנאָך איז עס איבערגעשריבן געוואָרן שוין אויף ריין.

די אַרבעט איז אַזוי אָנגעגאַנגען יעדן טאָג. על פּי רוב פלעגט ער אַרבעטן ביז מיטיק. דערנאָך פלעגט ער רוען, שפּילן עטלעכע פאַרטיעס שאַך. שאַך־שפּיל איז פאַר אים געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן. אַ פאַרגעניגן איז אָבער אויך געווען צו אָבסערווירן אים ביים שפּילן: אויפגעלייגט, באַרעדעוודיק און מיט אַ סך הומאָר. האָט ער ביים שאַך־ברעט געשפּילט די ראָליע פונעם „גזלן". געדראָט דעם צד שכנגד, אַז ער וועט אים צערייבן אויף שטיקלעך, מאַכן פון אים קרעפּל־פלייש. טיילמאָל פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט בלייבן זיצן שטיל: פאַרהויקערט, איבערגעבויגן איבערן שאַך־ברעט, מיט דער אָדלער־נאָז אין די פיגורן אַריין און זייער פאַרזאָרגט.

— האָט ער מיר געשטעלט אַ קשיא, — האָט אַנסקי אַריינגעברומט אין די פיגורן אַריין, — האָט ער מיר געשטעלט אַ קשיא, שוין איינמאָל אַ קשיא.

אָבער קורץ נאָך דעם האָט זיך געקענט הערן זיין טריאומפירנדיקע שטים און הויך, אויפגעלייגט:

— ער איז דאָ. איך האָב אים געפּאַקט. ער וועט זיך שוין קיינמאָל קיין גאַנצער נישט אַרויסקריגן פון מיינע ידים.

דערביי האָט ער אָנגעביילט צוויי פויסטן און געקוואָלן, געשעפּט נחת פון זיך אַליין, פון זיינע אייגענע שאַך־המצאות.

אין אַרכיוו איז פאַרבליבן אַ צייכענונג פון יוסף זיידנבייטלען: אַנסקי ביים שאָך. די פאַרטנערן געצייכנט שפּיציק, שאַרף — צווײ גערוגזהטע העגער, גרייט אַרויפצופאַלן אויף זיך, גרייט איינער דעם אַנדערן צו דורסן. און אין דער מיט — דאָס שאָך־ברעט מיט די צעשטעלטע פיגורן.

די שעהן, ווען אַנסקי פלעגט זיצן ביי דער אַרבעט, זענען ביי אים געווען שעהן ווי פאַרקויפטע צו עמיצן, ווי ער וואָלט געאַרבעט ביי אַ באַלעבאָס און געמוזט דערפילן די פליכט פון איינעם, וואָס אַרבעט ביי יענעם. געלעגן דערין אַ גוואַלדיקער כוח פון זעלבסטדיסציפּלין און פליכט־געפיל.

אין די פרייע שעהן, ווידער, האָט ער זיך געפילט ווי אַ מענטש פאַר זיך, אַ פרייער פויגל, מיט געמיט, מיט אויפגעלייגטקייט און הומאָר. דער באַלעבאָס און אָנגעשטעלטער אין איין פערזאָן מיט די פונקציעס געהעריק פאַרטיילט און איינגעשטעלט. דער נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג פלעגט טיילמאָל געשטערט ווערן מיט אַן אומגעריכטן גאַסט. על פי רוב אָבער האָט מען געוווסט, אַז אין די וואָכן־טעג פאַרמיטיק איז ער תמיד פאַרנומען. אַן אויסנאַם פלעגן זיין פרייטיק און שבת. אין די דאָזיקע טעג פלעגן צו אים קומען זייער פיל געסט פון וואַרשע. מען האָט געטרונקען טיי, געקיבעצט, געפירט שמועסן איבער אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע יידישע ענינים, שמועסן איבער ליטעראַטור, וועגן נייעס אין דער ליטעראַרישער און אַרטיסטישער וועלט. די וואַרשעווער שרייבער, געוווינט צו די טראַדיציאָנעלע צוזאַמענקונפטן ביי פּרצן, ווען ער האָט געלעבט, האָבן איצט אין אַנסקין צוריקגעפונען דעם טרעף־פּונקט. אַנסקי איז געווען דער צענטער פון דער וואַרשעווער שרייבער־משפחה, ווי ער איז עס פריער געווען אין ווילנע.

אַנסקי איז געווען אַ מענטש פון שטימונגען און — רעליגיעזע דערציי. ער האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צו מיסטיציזם, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג. איך ווייס נישט צי אַנסקי איז געווען אַ גלויביקער. אין זיין טעגלעכן לעבנסשטייגער זענען קיין שפּורן פון פרומקייט און ריטואַל יעדנפאַלס נישט געווען. דער פאַקט, אַז אַנסקי האָט זיך אין זיין צוואה באַוואָרנט מיט אַ טלית אין קבר אַריין, און מיט אַ קדיש אויפן קבר, זעען אויס צו זיין נישט מער ווי סמנים פון

טראַדיציאָנעלער, פאָלקסטימלעכער פאָרם אַזוי ווי ער האָט דאָס פאַר־שטאַנען, אָדער בעסער — געפילט, און צו וועלכער ער איז געווען מיט לייב און נשמה צוגעבונדן. דאָס האָט אָבער לחלוטין נישט געהאַט צו טאָן מיט תשובה און צוריקקער, ווי דאָס איז געווען מיט מתתיהו אחר (ד״ר נתן בירנבוים — איינער פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און שפּעטערדיקער אידעאָלאָג פון דער אָר־טאָדאָקסיע).

געבוירן אין רוסישן תהום המושב, אין וויטעבסק, איז ער, אַ ייִנגל נאָך, אַרויס „לתרבות רעה״ — אַוועק פון דער היים. געלערנט זיך און אויסגעהאַלטן זיך פון געבן לעקציעס, פון לערנען אַנדערע. גאָר גיך האָט ער זיך איבערגעוואָרפן אויף פיזישער אַרבעט, געלערנט אַ פאַך. אַ צייט פאַרפאָלגט געוואָרן אַלס אַפּיקורס. אָנגעהויבן, הייסט עס, ווי אַ טיפּישער משכיל. ער איז גיך מיטגעריסן געוואָרן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג אין רוסלאַנד. די „נאַראָדאָוואָלטשעסקע״ ליטעראַטור האָט אויף אים געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפלוס, אַן איינפלוס אויפן גאַנצן לעבן, אויף אַזוי ווייט, אַז ער איז אַליין געוואָרן אַ פּראַקטישער „נאַראָדניק״, געגאַנגען אין פאָלק (אין רוסיש), געאַרבעט און געלעבט מיטן פאָלק צו־זאַמען, געלערנט, אַגיטירט און גלייכצייטיק קענענגעלערנט דאָס לעבן און דעם שטייגער פון פאָלק. אַנסקי איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַן „ס. ר.״ און אַן „ס. ר.״ געשטאָרבן.

אַנסקי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, מיט לייב און לעבן איבערגע־געבן דער זאַך פון פאָלק, פון יעדן פאָלק, פון אַלע געפּלאָגטע און פאַר־פאָלגטע און קעגן אַלע באַדריקער און באַצווינגער. ער שרייבט דעם הימן פון „בונד״ מיט אַ „שבועה אויף לעבן און טויט צו היטן אַ בלוטיקן האַס״. ער שרייבט אַן דעם „זאַלציקן ים״, אַ רעוואָלוציאָנער ליד קעגן „משיח און יידנטום״, קעגן „גבירישע קינדער, משכילים, רבנים, וואָס רופן קיין ציון דעם ייד״ — מיט יאָרן שפּעטער (1919) שרייבט ער אַן אַ סעריע חלו־צים־לידער, אין וועלכע ער באַזינגט דעם אידעאַליזם, די מסירת־נפש פון יונגע ענטוזיאַסטן, וואָס צאָלן אַ פּרייז מיט בלוט און שווייס פאַר זייערע אידעאַלן.

איז אַנסקי געווען אַ בונדיסט, ווען ער האָט געשריבן די „שבועה״?

— ניין. איז ער געווען אַ ציוניסט, ווען ער האָט געשריבן די חלוצים־לי־דער? — אויך נישט. דאָס זענען געווען שטימונגען פון אַ מענטש, וואָס איז מיט זיין גאַנצן וועזן איבערגעגעבן געווען צו איין גרויס און מעכטיק געפיל — אַ געפיל פון מענטשלעכער דערהויבנקייט, צו וועלכער מען קען דערגיין דורך גרויסע, העראָאישע אָנשטרענגונגען און איידעלער זעלבסטאָפּפערונג.

אויב אַנסקי האָט געזוכט גאָט, האָט ער אים געזוכט נישט אין די הימלען, נאָר ביי די מענטשן אין די הערצער, אין זייערע מעשים. דאָס איז געווען זיין רעליגיע. ער האָט געגלויבט אין גאָט — אַז ער איז דאָ, אַז די שכינה בלאָנדזשעט אַרום אַן אומרואיקע איבער דער וועלט, זוכנדיק אַן אָנשפּאַר אינעם מענטש, אין זיינע טוגנטן, אין זיין מאָראַלישער שלימות. זי, די שכינה, פילט זיך שוואַך, איינזאַם און פאַרלאָזן. זי איז פול מיט עצבות און זי וויינט, אויב זי ווערט אָפּגענאַרט, אויב זי געפינט נישט צווישן מענטשן דאָס, וואָס זי זוכט.

אין אַ הייסן, הויך־זומערדיקן טאָג, ערב תשעה באָב, גיט מיר פּלי־לינג אַנסקי אַ זאָג:

— כ׳וואָלט וועלן היינט גיין צו קינות. איר וועט גיין מיט מיר? דאָ וווינט דער גערער רבי. איך קען אים. געהאַט מיט אים אַמאָל אַ שמועס אין גער, וועלן מיר גיין צו אים. איך וויל אים זען.

די באַגעגעניש, וואָס אַנסקי האָט געהאַט מיטן גערער רבין איז באַ־שריבן אין „חורבן גאַליציע״. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין רבינס רעזידענץ אין גער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, 1914—1918, ווען אַנסקי איז אַרומגעפאָרן די געגנטן אַלס פאָרשטייער פון רוסישן פאַרבאַנד פון שטעט. גער ליגט אויף דעם לינקן ברעג ווייסל און די יידישע ישובים פון לינקן ברעג ווייסל האָבן געהאַט אַ באַזונדערס בייזע מערכה ביים צאַ־רישן הויפּט־קאָמאַנדיר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. אַנסקיס פּערזענלעכער איינדרוק וועגן גערער רבין איז, אין אַלגעמיין, געווען אַ גינסטיקער און ער האָט אים געשילדערט נישט אָן סימפּאַטיע.

פאַרנאַכט זענען מיר אַוועק צום גערער רבינס בית־המדרש. אַנסקי האָט זיך ספּעציעל איבערגעטאָן פאַר דעם וויזיט. אָנגעטאָן דעם שוואַרצן, שוין היפּש־אָפּגעטראָגענעם און פאַרעלטערטן סורדוט, אַ שוואַרצן קראַ־

וואָט און אויפן קאָפּ אַ האַרטן מעלאָן־הוט. עס האָט דאָמינירט שוואַרץ, פייערלעכער טרויער. אַרום די האַרטע, אַרויף־פאַרבויגענע ראַנדן פון זיין הוט האָבן זיך באַזונדערס בולט געצייכנט די זילבערנע קאַנטן פון זיין וווּנדער־שיינעם גרויען קאָפּ האָר. ער האָט אויסגעזען באַזונדערס פייער־לעך. פון דער שראַנק האָט ער אַרויסגענומען אַ קינה, פאַררוקט זי אונטערן אָרעם און מיר זענען אַוועק צום גערער רבין צו קינות. אויפן וועג איז אַנסקי געווען עפּעס מאָדנע אומרואיק, פאַרטראַכט. פּלוצלינג טוט ער אַ זאָג, מער אין דער וועלט אַריין איידער צו מיר:

— יידן זענען אַ פאַרעקשנט פאָלק. זיי פאַרגעסן נישט... צוויי טויזנט יאָר טרויערט אַ פאָלק זיין חורבן...

אַז אַנסקי איז געווען די סענסאַציע פון דער עדה גערער חסידים, וואָס זענען געקומען צום רבין אויף קינות, איז פאַרשטענדלעך. ווי נאָר מיר זענען אַריין אין הויף פון בית־מדרש, האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ שושקעניש:

— אַנסקי... אַנסקי... דער שרייבער אַנסקי.

עולם האָט מיט נייגער און רעספּעקט אים באַטראַכט פון דער ווייטנס און פון דער נאָענט.

דאָס בית־המדרש איז געווען פול, אויף דער ערד איז געלעגן צע־וואָרפן שטרוי איבער וועלכן דער עולם איז אַרומגעגאַנגען אין זאָקן און אין ווייכע שטעק־לאַטשן. שוין געווען אָוונט און עולם האָט געוואַרט, די בליקן געווענדט צום רבינס טיר. אָט־אָט מאַכט זי זיך אויף און דער רבי קומט אַריין צו קינות.

עס איז אונדז נישט אָנגעקומען שווער אַדורכצוקריגן זיך דורכן עולם און געפינען אַ פּאַסיקן ווינקל טאַקע נישט ווייט פון רבינס טיר. עולם האָט מיט אָפּשיי געמאַכט אָרט אַרום אַנסקין אַזוי, אַז מיר האָבן זיך אַן שום שטערונג געקענט אָפּקלויבן אַ פּלאַץ ווו מיר האָבן זיך דערנאָך אַוועק־געזעצט צו קינות. אין בית־מדרש איז געווען פינצטערלעך און טומלדיק.

מיטאַמאָל האָט זיך צעעפנט דעם רבינס טיר און עס איז געוואָרן שטיל. פון ביידע זייטן טיר האָבן זיך געשאָפן צוויי געדיכטע מענטשן־ווענט. דער רבי — אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער, איז מיט גיכע, אייליקע טריט אַריין אין בית־מדרש. די הענט — פאַרקלאַמערט אין גאַרטל, דער

אויבערשטער האַלבער קערפּער פאַרבויגן פאַראויס, איז ער אַזוי דורכגע־לאָפן די דאָפּלטע מענטשן־וואַנט און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט. צוזאַמען מיט אים האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָס גאַנצע בית־מדרש און אין שאַטנדיקער שטילקייט האָט זיך דערהערט דער אומעטיקער ניגון פון „איכה ישבה בדד", וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט שטילע קרעכצן און וויספּערן.

נאָך די קינות איז דער רבי מיטן זעלבן וועג, אויפן זעלבן אופן, גיך, אייליק, אַוועק צוריק צו זיך אין צימער. ווי נאָר די טיר פון רבינס חדר האָט זיך פאַרמאַכט, האָט זיך אין בית־מדרש אויפגעהויבן אַ טומל. עס האָט זיך צעוויגט אַ האַמפּערניש און האַרמידער. מיר זענען אַרויס פון בית־מדרש. אַנסקי איז געגאַנגען צוריק אַהיים אַ פאַרשוויגענער, די אַקס־לען נאָך מער געהויקערט ווי געוויינלעך. דער קאָפּ — אַראָפּגעלאָזט, פאַר־זונקען אין מחשבות. אויפן פּנים איז געווען קענטיק אַן אומצופרידנקייט און אַנטוישונג. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צעפּירט פאַר זיך ביידע הענט, און אַ בורטשע געטאָן צו זיך אַליין:

— אַזוי ווי אַ בער איז ער אַריינגעקומען. אַזוי ווי אַ בער...

און ער האָט גענומען ווייטער גיין פאַרטראַכט, פאַרטיפט אין זיך. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט מיט זיך אַליין געפירט עפּעס אַ האַרבן שמועס.

— אַ שאָד, וואָס איך בין געגאַנגען...

אַנסקי האָט, זעט אויס, איבערגעלעבט אַ שווערע אַנטוישונג. אַן אַנ־טוישונג אין דער געשטאַלט פון גערער רבין און אפשר אויך אין דעם צוויי טויזנט־יעריקן טרויער... נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געפונען דאָרט דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט דאָרט אפשר אַ סך פאַרלוירן...

ז.

אַנסקי האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט פאַר פריינד, אַז ער האָט אָפּגע־לעבט אַ לעבן אויף צוויי גאַסן: אַ רוסישער שרייבער, אַ טוער אין אַ טי־פּיש־רוסישער באַוועגונג און — אַ יידישער שרייבער און טוער, מיט אומ־

צייליקע פעדעם פֿאַרבונדן מיט יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און באַוועגונגען.

אין זיין דראַנג צו פֿולקאָמנקייט האָט אַנסקי ביי זיך אַליין דערזען חסרונות, וועלכע ער האָט לסוף געוואָלט אויסבעסערן, פֿאַרפֿילן מיט וואָס מער יידישן אינהאַלט, פֿאַרכאַפּן און אויסגלייכן וויפֿל און וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן. דער עיקר — אויפֿן געביט פֿון זיין ליטעראַריש־פּובליציס־טישער טעטיקייט. וואָרום אידייאיש איז ער ביזן לעצטן אָטעם־צוג גע־בליבן אַן ס. ר. — געבליבן אַפֿילו דעמאָלט, ווען דאָס האַרץ האָט אין אים געוויייטיקט צוליב די יידן־שחיטות אין רוסלאַנד אין די יאָרן פֿון רע־וואָלוציע און בירגערקריג.

אין 1920 איז קיין וואַרשע געקומען אייגער פֿון די באַדייטנדיקסטע אַמאָליקע פֿירער פֿון די ס. ר., דער העלד פֿון אַ גאַנצער ריי טעראָר־אַקטן אין צאַרישן רוסלאַנד, אַנסקיס פּערזענלעכער פֿריינד — באָריס סאַווינ־קאָוו. אַנסקי איז שוין דעמאָלט געווען אין וואַרשע און סאַווינקאָוו האָט אים באַזוכט אין זיין וווינונג אויף זשאַבע גאַס 3, אין דעם כירורגישן אָב־טיילונג פֿון דאָקטאָר הורוויץ. עס איז פֿאַרגעקומען אַ געשפּרעך צווישן די צוויי אַלטע חברים און גוטע פֿריינד. דער געשפּרעך איז געווען פֿול מיט דראַמאַטישן שטאָף בעיקר, טאַקע דעמאָלט, ווען אַנסקי האָט שאַרף און פֿאַרביטערט גערעדט וועגן דער האַלטונג פֿון די ס. ר. בעת די פּאָגראָמען. ער האָט אָפֿן פֿאַרגעוואָרפֿן די ס. ר., אַז זי האָט אויף איר געוויסן דאָס פֿאַרגאָסענע יידישע בלוט. סאַווינקאָוו ענטפֿער האָט אַנסקין אַ סך צער פֿאַרשאַפֿט. ער האָט שפּעטער פֿאַר אייגענע מענטשן געלאָזט פֿאַלן קאַרגע, אָבער זייער גאַליקע ווערטער וועגן זיין באַגעגעניש און געשפּרעך מיט סאַווינקאָוון. דער אידייאישער און אידעאָלאָגישער תוך און תוכן אַנסקיס איז אָבער אויף אַ האָר נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. — און פֿון דעסט־וועגן — האָט ער געזאָגט — ווי אַלט און קראַנק איך בין, וועל איך אויפֿן באַפֿעל פֿון מיין פּאַרטיי אויספֿירן יעדע אַרבעט, וואָס זי וועט מיר אָנ־פֿאַרטרויען. ווען אַפֿילו די שווערסטע, ווען אַפֿילו מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט...

די דאָזיקע שטאַרקע פֿראַזע איז דורך קיינעם פֿון זיינע פֿריינד דע־מאָלט נישט פֿאַרשטאַנען געוואָרן ווערטלעך. אַנסקי איז שוין דעמאָלט

ווייט נישט מסוגל געווען צו נעמען אויף זיך אַ וועלכע נישט איז „אַרבעט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט״. די דאָזיקע פראַגע כאַראַקטעריזירט בלויז אַנסקיס באַציאונג צו זיין פּאַרטיי, די ס. ר., אַלס אַזעלכע. די דאָ־זיקע באַוועגונג איז אים געלעגן אין בלוט.

אַנסקי איז געווען אַ גוטער, אַ צוגעלאָזענער, מיט גוואַלדיקער פּשטות. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן פריי געמאַכט דעם וועג צום האַרץ און געמיט פון יעדן איינעם, מיט וועלכן ער איז נאָר געקומען אין באַרי־רונג. ער האָט ליב געהאַט מענטשן און מענטשן האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע.

באַזונדער כאַראַקטעריסטיש איז געווען זיין באַציאונג צום איינפאַכן מענטש — צום פאָלקס־מענטש, דעם „מענטש אָן אַ נאָמען״, דעם „מענטש פון גאַס״. צי דאָס איז געווען דער שטעטלדיקער פעלדשער שנייגייבער, צי דער פריזירער, ביי וועלכן אַנסקי האָט זיך געשוירן, אָדער גאָר דער פורמאַן פון אָטוואָצקער בריטשקעלע, מיט וועלכער אַנסקי פלעגט טיילמאָל זיך אַדורכפאָרן ערגעץ, אָדער די צייטונגס־טרעגערין — מיט יעדן איינעם פון אָט די דאָזיקע מענטשן האָט ער פאַרבונדן קאָנטאַקט. געהאַט מיט זיי וואָס צו שמועסן, וואָס צו פרעגן און וואָס צו זאָגן. אַ פריינד פונעם פאָלקס־מענטש, אַ קענער פון דער פאָלקס־נשמה, האָט ער גוט געקענט דעם וועג צו איר. דער עיקר — ער האָט געהאַט די נייטיקע מיטלען דערצו: שפּראַך, געמיט, צוגאַנג און דאָס וויכטיקסטע — אָן איוג, וואָס האָט דערזען, אָן אויער, וואָס האָט דערהערט, און איבער דעם אַלעם — אַ האַרץ, אָן אָפן האַרץ פאַר אַלץ, וואָס איז מענטשלעך. אַ האַרץ, וואָס האָט דערפילט און רעאַגירט אויפן איידלסטן, אויפן סובטעלסטן אופן.

כ׳וויל דאָ דערמאָנען אָן אומגעהויער כאַראַקטעריסטישע געשיכטע און טאַקע מיט דער דערמאָנטער צייטונגס־טרעגערין. איר נאָמען איז גע־ווען גלאַוויטשאַווער:

אָטוואָצק איז אַ קוראָרט פאַר לונגען־ליידנדיקע. אַ טיפּישע משפחה פון לונגען־ליידנדיקע זענען געווען די גלאַוויטשאַווערס: אַ פּאָרפאָלק מיט דריי קינדער — צוויי טעכטער און אַ זון. אין דער גאַנצער משפחה איז געווען איין געזונטער מענטש — די מאַמע. באַזעצט זיך אין אָטוואָצק — און לעבן מוז מען — האָבן זיי זיך צוגעקליבן אַ פּרנסה: צייטונג־פאַר־

שפּרייטונג. די גאַנצע משפּחה האָט דערביי געאַרבעט — פונאַנדערגע־טראָגן צייטונגען איבער די אָטוואָצקער ווילעס, אין די פּענסיאָנאַטן און צו די שטענדיקע קליענטן אין פּריוואַטע וווינונגען. אַ בכבודיקע פאַמיליע, האָט מען מיט איר געהאַט איינזען און זי אונטערגעהאַלטן.

די גאַנצע אַרבעט איז געווען קאָנצענטרירט אין די פּאַרמיטיק־שעהן, ווען מען האָט געדאַרפט אין איילעניש, אין יאָגעניש אויסגיין דאָס צעלע־גענע אָטוואָצק אין דער לענג און דער ברייט און פאַרטיילן די צייטונגען צווישן די קליענטן. אַ שווערע אַרבעט. די קליענטן — באַמיטלטע מענטשן, טייל אַפילו זייער רייכע, האָבן פאַר צושטעלן די צייטונג אַהיים באַצאָלט אַ העכערן פּרייז ווי זי האָט געקאָסט. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַזונ־דערס שיין באַלוינט פאַר דער טרחה. געווען פּרנסה דערפון און די משפּחה גלאַוויטשאַוער האָט געוווינט מענטשלעך און גאָר נישט שלעכט זיך דערנערט.

איינער פון גלאַוויטשאַוערס קליענטן איז געווען אַנסקי. און אַ גו־טער קליענט. יעדן אינדערפרי איז אים געוואָרן צוגעשטעלט אַ גאַנצער קאָמפּלעט צייטונגען: די גאַנצע וואַרשעווער יידישע טאָג־פּרעסע און פאַר־שידענע צייטונגען אין אַנדערע שפּראַכן. מיט איין וואָרט — עס האָט זיך געלוינט צו גיין אַזש ביז „קליין מעראַן". בפרט, אַז דער קליענט אַליין, אַנסקי, האָט באַזונדערס גוט באַצאָלט פאַר צושטעלן אים די צייטונגען.

על פּי רוב פלעגט די צייטונגען ברענגען צו אַנסקין גלאַוויטשאַווערס זון, אַ שוואַרץ און אָפּגעצערט בחורל פון אַ יאָר 17, מיט אַ קרענקלעך פייערל אין די איינגעפאַלענע שוואַרצע אויגן. האָט עס געטראָפן, ער פלעגט אַמאָל נישט זיין מיט אַלעמען, האָט אים פאַרטראָטן די מאַמע — אַ הוי־כע, מאָגערע פרוי מיט אַן אויסגעמאַטערט און פאַרהאָרעוועט פּנים. אַנסקי פלעגט דעם בחור, צי די מוטער זיינע, תמיד באַגעגענען מיט אַ ברייטן און הייטערן „גוט־מאָרגן", ווי זיין שטייגער.

„אַ גוטינקער" — און דאָס פּנים האָט ביי אים געשיינט פון פריינד־לעכקייט, — „זעצט זיך צו אַ ווייילינקע. רוט זיך אָפּ פון וועג. איר זענט דאָך מיד" — פלעגט ער זאָגן.

אָבער צייטונגס־טרעגער אין די מאָרגן־שעהן האָבן נישט קיין צייט

צו רוען. די סחורה מוז פאַרטיילט ווערן וואָס גיכער, צוגעשטעלט ווערן דעם קליענט אין בעט אַריין.

דאָס יאָר 1919 איז פאַר די גלאַוויטשאַווערס געווען אַ ביטער גורל־יאָר. אַ גזר־דין, וואָס האָט אויף אַ גרויזאַמען אופן געמאַכט אַ תל פון דער גאַנצער משפחה. סוף ווינטער איז דער אַלטער גלאַוויטשאַווער קראַנק געוואָרן. איבערליגן זיך אַ פאָר וואָכן אין בעט איז פאַר אַ לונגען־קראַנקן קיין שום נייעס נישט. אָבער דאָס מאָל איז דער אַלטער גלאַוויטשאַווער שוין פון בעט נישט אויפגעשטאַנען.

אָפּגעזעסן שבעה, אָפּגעטרויערט — לעבן מוז מען — האָט מען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. פאַרביי אַזוי עטלעכע חדשים קוים, איז פּלוצלינג אַוועקגעשטאָרבן די עלטסטע טאָכטער — אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. אויף להכעיס האָט זי אויסגעזען צו זיין די געזינט־סטע פון אַלע אין דער משפּחה. זי האָט געבליט: וווקסיק, פול אין קער־פּער און זייער געשיקט. אַ בלוט־שטורץ און דאָס מיידל איז אויסגעגאַנגען.

אַנסקי האָט גוט געקענט אַלע פּרטים פון אָט דער פאַמיליען־טראַגע־דיע. די פרוי גלאַוויטשאַווער האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון איר טראַגיש לעבן און ספּעציעל — פון די שווערע קלעפּ, וואָס זי האָט געקראָגן די לעצטע חדשים. אָבער דערמיט האָבן זיך די איוב־נסיונות פאַר דער אומגליקלעכער פרוי נישט געענדיקט. אָנהייב האַרבסט איז אויף דעם זעלביקן אומדערבאַרעמדיקן אופן — פון אַ פּלוצלינגן בלוט־שטורץ — געשטאָרבן דער בן־יחיד.

אין משך פון אַ וואָך צייט האָט זיך קיינער פון די גלאַוויטשאַווערס נישט געוויזן פאַר אַנסקין. נישט געבראַכט אים קיין צייטונגען. דער ערשטער טאָג, דער צווייטער — פאַרביי אָן שום באַזונדערן חשד.

— מען איז דאָך נאָר אַ מענטש.

דערנאָך איז שוין אַנסקי געוואָרן אַביסל אומרואיק.

— ווער ווייס וואָס איז דאָרט ווידער געשען ביי די גלאַוויטשאַווערס.

נאָך אַ וואָך האָט זיך מיטאַמאָל אין דער טיר פון אַנסקיס צימער באַ־וויזן די הויכע, אָפּגעצערטע געשטאַלט פון דער פרוי גלאַוויטשאַווער מיט אַ פּעקל צייטונגען אין האַנט. דאָס פּנים אירס איז געווען שוואַרץ און פאַרגליווערט.

— אַ גוטינקער — האָט אַנסקי דערפרייט אויסגערופן. — וואָס־זשע זעט מען אייך נישט? שוין איבערגעקלערט וועגן אייך. אַ וואָך צייט מיך אויסגעהונגערט. נישט איר און נישט אייער קדיש...

דאָס פנים פון דער פרוי איז געוואָרן נאָך שוואַרצער ווי געוועזן. די ליפּן אירע האָבן זיך נערוועז צעציטערט און קאַלט, טעמפּ האָט זי שטיל איבערגעחזרט:

— מיין קדיש... מיין קדיש?...

אַנסקי האָט באַמערקט דעם געוואַלדיקן שינוי אין איר פּנים. דער־פילט עפּעס אויסערגעווייינלעך שוידערלעכס. ער איז געוואָרן ערנסט און אַביסל ווי פאַרלוירן. ער האָט, נישט ווילנדיק, אַ ריס געטאָן ביי אַ מענטש אַ מוראדיקע און פרישע ווונד. אַנסקי האָט דער פרוי אונטערגערוקט אַ שטול און גענומען גלעטן די פרוי איבערן אַקסל:

— זעצט זיך צו. וואָס איז געשען מיט אייך? איך ווייס דאָך גאָר־נישט.

— איר ווייסט גאָרנישט? — האָט זי מיט חידוש און טענה געקוקט אויף אַנסקין — מיין זון, מיין קדיש איז שוין נישטאָ. מיין זון לעבט שוין נישט און איר ווייסט גאָרנישט דערפון.

אַ ווייילע איז זי געזעסן אַ דערדריקט פאַרשוויגענע. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן:

— ביי מיין באַלעבאָס פון הויז, וווּ איך וווין, איז געהאָט געשטאָרבן אַ קינד פון עטלעכע יאָר קוים, האָבן אַלע מענטשן געוווּסט דערפון. די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט, אין די בלעטער האָט מען געשריבן וועגן דעם. און דאָ, ביי מיר, אַן איינציקער זון. 17 פינצטערע יאָר אַלט געוועזן. קיינער ווייסט נישט, קיינער נישט...

צומאַרגנס אין אין „מאָמענט״, אויף דער ערשטער זייט, געווען אָפּ־געדרוקט אַ גרויסער נעקראָלאָג, אין וועלכן אַנסקי האָט אויסגעדריקט עפּנטלעך זיין „צער און טיפן מיטגעפיל דער פרוי גלאַוויטשאַווער צוליבן טויט פון איר איינציקן זון — משה״. אַנסקי האָט אין טעלעפאָן צו דער רעדאַקציע אַריינגעשריגן: געדענקט, איך בעט אייך: ערשטע זייט, גרויס, מיט אַ פעטער ראַם און גרויסע אותיות...

אַנסקי האָט שפּעטער אָנגעשריבן אַ סקיצע, וווּ עס דערציילט זיך די

געשיכטע מיטן דאָזיקן נעקראָלאָג, און אַ צווייטע געשיכטע, וואָס ער האָט, אַלס מיטגליד פון פאַרבאַנד פון שטעט, בייגעוווינט אין אַ סאַני־טאַר־צוג אויפן רוסיש־עסטרייכישן פראָנט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דאָרט האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שווער־פאַרוווּנדעטן זעלנער, וועלכן מען האָט אין שפּיטאָל־וואַגאָן אָראָפּגענומען אַ פוס. אָבער די גאַנגרענע איז געגאַנגען ווייטער. דער גורל פונעם זעלנער איז געווען אַ געחתמטער. געציילטע שעהן בלויז. ער שטאַרבט. בלויז דער קראַנקער האָט נישט געוווּסט וועגן דעם. די לעצטע שעהן פון זיין לעבן זענען געווען פאַר־העלטניסמעסיק לייכטע און דער קראַנקער האָט געבעטן עסן. ער האָט אויסגעבעטן, וואָס מען זאָל אים געבן: געבראָטן פלייש זאָל מען אים געבן. „געבראָטן פלייש מיט אַ סך צוויבל“. און אַנסקי פאַרענדיקט די דאָזיקע קורצע דערציילונג מיט אַ רעזאָנירנדיקער שלוס־באַמערקונג: „אַ מענטש, געציילטע מינוטן פאַרן טויט, בעט מען זאָל אים געבן געבראָטן פלייש, און נישט אַנדערש נאָר „מיט אַ סך צוויבל“. אַ מאַמע באַגראָבט איר איינ־ציקן זון און געפינט אַ טרייסט אין אַ געדרוקטן נעקראָלאָג וועגן טויט פון איר זון“.

און דערנאָך — דער לאַקאָנישער און פיל־זאָגנדיקער סוף־פּסוק אַנסקיס, סך־הכל צוויי ווערטער:

— „מענטשן נעבעך“...

ז.

איינע פון די אָנגעזעענסטע געביטן אין אַנסקיס פּילזייטיקער טעטי־קייט איז געווען — פאָלקלאָר־אַרבעט: זאַמלונג און פאָרשונג. די ממש ליידנשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונג מיטן דאָזיקן געביט צייכנט זיך בולט אין זיין גאַנצער טעטיקייט אין משך פון יאָרן. אָבער זאַמלונג און פאָרשונג פון יידישן פאָלקלאָר איז נישט געווען ביי אים דער אָנהייב, נאָר דער סוף פון זיין טעטיקייט אויף דעם געביט.

וואָס ווייטער און טיפער ער דרינגט אַריין אין דעם דאָזיקן „ווינקל“, אַלץ שטאַרקער וואַקסט און שטייגערט זיין פאַראינטערעסירונג, ביז זי

דערגייט צו דער מדרגה פון פאַנאַטישער איבערגעבנקייט. אין 1911 קומט צו שטאַנד די ערשטע יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע אונטער דער אָנפירונג טאַקע פון אַנסקין און פינאַנסירט מיט אַ ברייטער האַנט דורכן רוסיש־יידישן מאַגנאַט באַראָן גינזבורג. ביי דער גאַנצטסטער מיטאַרבעט פון אַנסקיס שוועסטערן־זון, דעם באַגאַבטן יידישן מאַלער שמעון יודאָווין, פאָרט אַנסקי אַרום איבער די יידישע ישובים פון אַמאָליקן תחום־המושב, זאַמלט און פאַרשרייבט פאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, גלויבונגען, לידער, ווערטלעך און מנהגים. מען פאָטאָגראַפירט אָפּ אַלטע שולן, אינטערעסאַנטע מצבות; מען קויפט־אויס כתב־ידן, אַלטע דרוק־זאַכן, זילבערנע עטרות, פּרוכתער געשטיקטע אין גאָלד און אין זילבער, מנורות, חנוכה־לאָמפּן און כלערליי אַנדערע חפצים פון יידישן פאָלקס־באַנוץ און באַציר. באַלד דערנאָך ווערט אין פּעטערבורג געשאַפן די ערשטע יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט.

די דאָזיקע אַרבעט האָט אים אינגאַנצן פאַרשלונגען. אין משך פון דער קורצער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווילנע, האָט ער באַוויזן אויפצורודערן די אָרטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אַרויסצורופן דעם געהעריקן אינטערעס פאַר דער אַרבעט אַרום יידישן פאָלקלאָר. לויט זיין איניציאַטיוו ווערט אין ווילנע געשאַפן אַ יידיש־היסטאָרישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט שפּעטער, נאָך זיין טויט, געטראָגן טאַקע דעם נאָמען פון ש. אַנסקי. אין רשות פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גאַנצער אויפגעזאַמלטער מאַטעריאַל, וואָס איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד. די חפצים זענען אויפגעהיט און אויסגעשטעלט געוואָרן אין ווילנער מוזיי אויף אַנסקיס נאָמען, אין דער געביידע פון דער אָרטיקער יידישער קהילה און אונטער דער געטרייער השגחה פונעם ווילנער יידישן שריפטשטעלער אין שפּעטערדיקן קדוש פון ווילנער געטאָ א. י. גאָלדשמיד.

אין 1920, אין וואַרשע, קורץ דערנאָך ווי די רוסישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט, האָט אַנסקי אונטערגענומען אַ נייע איניציאַטיוו אויף דעם געביט: שאַפן אויך אין וואַרשע אַ יידישע היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט — דאָס מאָל מיט ווייניקער הצלחה. ס'איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע

צענדליק וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכע טוער. צווישן זיי — אַ טייל פון די פאַרמעגלעכע יידן. אַזאַ זאַך פאָדערט געלט. אַנסקי האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן יידישן פאָלקס־שאַפן. באַטאָנט, פאַרשטייט זיך, די נויטווענדיקייט פון אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל פינאַנסירן, זאַמלען און אויפהיטן די געזאַמלטע אוצרות פון יידישן פאָלקס־שאַפן, אוצרות וואָס די צייט מאַכט פאַרשווינדן, וואָס ווערן פאַרגעסן און גייען לאיבוד, אויב מען זאַמלט זיי נישט אויף.

געווען צווייפלערס:

— ווו וועט מען נעמען געלט דערויף? דערצו באַדאַרף מען דאָך אַ סך געלט און די באַדערפענישן אויף אַלע אַנדערע געביטן זענען זייער גרויס. אויסגעבן געלט אויף אַזעלכע זאַכן איז דאָך אַ „לוקסוס״.

אַנסקי האָט זיך אויפגערעגט. גערעדט שאַרף, בייסיק, אַפילו — באַליידיקנדיק. ער האָט גערעדט וועגן „פעטע הערצער, פאַרגאָסענע מיט שמאַלץ״.

די פאַרזאַמלונג איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט גאָרנישט. ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. מיט אַ שווער געמיט איז אַנסקי אַוועק אַהיים. נישט געקענט זיך באַרואיקן און מיט פאַרביטערונג און גאַל געטיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פון דער פאַרזאַמלונג מיט די נאָענטסטע פון זיין סביבה.

אינעם פּלאַן, וואָס אַנסקי האָט אויסגעאַרבעט פאַר דער אויסגאַבע פון זיינע ווערק אין יידיש, האָט ער נישט פאַרגעסן אָן די פאָלקלאָר־זאַמלונגען. און אויפגעזאַמלט האָבן זיך אַרום פערציק בענד. ער האָט געוואָלט כאָטש אַ טייל פאַרעפנטלעכן. אין דער צוואה האָט ער פאַרזיכערט גלייכע חלקים ירושה פאַר דער עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פעטערבורג — אויב זי וועט צוריק אויפלעבן — פאַר ווילנע און אַ קרובישער אָרגאַניזאַציע אין ירושלים, צוגלייך מיט זיינע פאַמיליע־יורשים. ער האָט געהאָפט, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס וועלן זיך פאַרנעמען מיט אַרויסגעבן דעם געזאַמלטן פאָלקלאָר־מאַטעריאַל.

ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן קיין גרינטלעכער סך־הכל פון אַנסקיס אַרבעט אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר — אַ געביט, וועלכן ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן.

קינדער פון פּרצעס דור, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו געהערן צו פּרצעס פּערזענלעכן קרייז, ווייסן נישט איין פאָלקס־מעשה, וואָס אַנסקי האָט דערציילט אין פּרצעס סביבה, האָט דורך פּרצן געפונען אַ קינסטלע־רישן תיקון. דער „דיבוק" אַליין שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסע זאַמלונג פון פאָלקלאָר, פון יידישן שטייגער און גלויבונג. און אַפילו פון פריער נאָך — אַזאַ פּרעכטיק פאַנטאַסטיש ווערק פון יידישער דעמאָנאָלאָגיע, ווי דאָס איז דער „אשמדאי".

אין די יאָרן 1919־20 האָט אַנסקי אָנגעשריבן צענדליקער חסידישע דערציילונגען, מעשיות וועגן רביים און צדיקים. על פּי רוב זענען דאָס געווען קורצע און קינסטלעריש אפשר שוואַך באַאַרבעטע דערציילונגען, אויף גיך פאַרפיקסירטע אויפן פּאַפּיר, ווי ער וואָלט זיך געאיילט. ווי עס וואָלט אים געטריבן אַן אומהיימלעך געפיל, אַז ער קאָן אַמאָל נישט באַ־וויזן אַלץ אויסצוליפערן, אַז ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן און אוצרות גע־זאַמלטער פאָלקס־מאַטעריאַל, וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן אין אים אַליין, קאָן נאָך מיט אים פאַרלוירן גיין...

אַ גאַנצע פּלעיאַדע שריפטשטעלער און קולטור־טוער זענען דערוואַ־רעמט און דערמוטיקט געוואָרן דורך אַנסקין אין זייער אינטערעס צו פאָל־קלאָר־זאַמלונג, צו אַרבעטן דערפאַר, צו דערמאָנען אַזעלכע ווי נח פּרי־לוצקי, מ. קיפּניס, ש. לעמאַן, פּנחס גראַבאַרד, למשל. און נאָך און נאָך אַנדערע.

און נישט בלויז זאַמלער איז אַנסקי געווען. ער האָט אויך פאַרעפנט־לעכט ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן פאָלקס־שאַפן, וויסנשאַפטלעכע אָנ־ווייזונגען וועגן דעם אופן פון זאַמלען פאָלקס־שאַפן. אַנסקי האָט נישט נאָר געזאַמלט און אָרגאַניזירט זאַמלונג. ער האָט אויך געלייגט די פונ־דאַמענטן פון אַ יידישער פאָלקלאָר־וויסנשאַפט.

ח.

זומער 1920, אַז די רויטע חילות האָבן זיך דערנענטערט צו וואַרשע, איז אַנסקי אַוועק פון אָטוואָצק, וואָס איז טאַקע שפּעטער פאַרנומען גע־וואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. אַנסקי האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע.

אַ צוקער־קראַנקער, מיט אַ זייער אָפּגעשוואַכט האַרץ נאָך דער שווע־דער לונגען־אַנטצינדונג, האָט ער זיך באַזונדערס גענייטיקט אין רו און אין גוטער פּאָטערלעכער אויפזיכט. אויפזיכט האָט ער געהאַט, נאָר נישט קיין רו. ער האָט זיך אַליין די דאָזיקע רו געשטערט. איבערגעלאָדן מיט אַר־בעטס־ווילן און ענערגיע, האָט ער פּלאַנמעסיק געאַרבעט איבער דער אויס־גאַבע פון זיינע ווערק. מיטן פאַרלעגער ש. שרעבערק האָט ער געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן דער יידישער אויסגאַבע און דער ערשטער באַנד „פון אייביקן קוואַל" איז שוין געלעגן כמעט פאַרטיק צו זעצן. דעם „שטיבל־פאַרלאַג" האָט ער פאַרקויפט די רעכט אויף אַ פיר־בענדיקער אויסגאַבע פון „חורבן גאַליציע" אין העברעאיש.

אַ באַזונדער קאַפּיטל און פאַר אַנסקין — אַ זייער שווער און פּיינ־לעך קאַפּיטל — איז געווען דער ענין וועגן דער אויפפירונג פון „דיבוק" אויף דער בינע. דאָס איז געווען זיין הייסטער באַגער, זיין חלום און אַמ־ביציע. זינט אַ צייט האָט ער מיט דער ווילנער טרופּע געפירט געשפרעכן וועגן דעם. אין מיעדזשעשין, אַ „דאַטשע" צווישן וואַרשע און אָטוואָצק, האָט אין 1919, פאַרן אָפּפאָר קיין אַמעריקע, געוווינט ש. ניגער. טאָקע ביי ניגערן אין דער דירה איז פאָרגעקומען די לעזונג פון „דיבוק". דער גאַנצער אַנסאַמבל פון דער ווילנער טרופּע איז געווען אַנוועזנדיק. עולם איז געווען באַגייסטערט. די טרופּע האָט באַשלאָסן אַריינצונעמען דעם „דיבוק" אין איר רעפּערטואַר, און אַקטיאָרן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דינגען איבער די ראָלן. מיטן „דיבוק" האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט דער רעזשיסער דוד הערמאַן. אָבער דער ענין האָט זיך עפּעס נישט גע־רירט פון אָרט. באַזונדערס הייס האָט זיך אינטערעסירט מיטן „דיבוק" אַנסקיס גוטער פריינד, דער אַרטיסט אברהם מאָרעווסקי. עס האָט אים געצויגן סיי די רעזשי פונעם שטיק, סיי די ראָל פון מיראָפּאָלער צדיק. אָבער מיט דער עצם־אויפפירונג האָט עס געהאַלטן זייער ווייט נאָך. עס זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע ספיקות, עס האָבן זיך אַרויסגערוקט מני־עות, דער ענין האָט זיך פאַרשלעפּט און אַנסקי האָט דאָס זייער שווער איבערגעלעבט. ער האָט ממש פיזיש געליטן דערפון. העכער אַ יאָר צייט האָט עס אַזוי געדויערט און פּלוצלינג איז פאַר אַנסקין געקומען דער אומדערוואַרטער און שווערער קלאַפּ, וואָס האָט אים אינגאַנצן דערשי־

טערט: די דירעקציע פון דער ווילנער טרופּע האָט ענדגילטיק דערקלערט אַז די טרופּע פילט זיך נישט בכוח אויפצופירן דעם „דיבוק" — אַן אויפפירונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אומגעהויערע אָנשטרענגונגען און גרויסע הוצאות. דערצו — די קלערענישן וועגן דער גרויסער ריזיקע, אַז די פּיעסע וועט נישט „נעמען", נישט האָבן קיין דערפאָלג. (אגב, איז ביי דער געלעגנהייט כדאי צו דערמאנען, אַז אין דעם זעלבן יאָר איז אין פּשעמישל (מזרח־גאַליציע) אויפגעפירט געוואָרן דער „דיבוק" דורך אַ דראַמאַטישן קרייז אונטער דער אָנפירונג פון פּשעמישלער ראש הקהל און באַרימטן יידישן אַדוואָקאַט, ד"ר לייב לאַנדע, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון מיראָפּאָלער. אַנסקי האָט, דאַכט זיך, וועגן דעם נישט געוווסט. די מעשה איז אין וואַרשע באַקאַנט געוואָרן אַ ביסל שפּעטער, שוין נאָך אַנסקיס טויט.)

עס איז אַזוי געשען, אַז צומאָרגנס, נאָך דעם ווי די דירעקציע פון דער ווילנער טרופּע האָט אַנסקין מודיע געווען, אַז זי ציט זיך צוריק פונעם פּלאַן צו שטעלן דעם „דיבוק", האָט אַנסקי שוין נישט געלעבט. אוונטצייט האָט ד"ר הורוויצעס אַסיסטענט פּלוצלינג דערהערט פון אַנסקיס צימער אַ פּאַטשן מיט די הענט. דער אַסיסטענט האָט אויפגעמאַכט די טיר, אַריין אין צימער. אַנסקי איז געלעגן אין בעט. גראָד איז ביי אים דאָס מאָל קיינער נישט געווען. ער האָט שווער געאָטעמט, געאַרבעט מיטן האַרץ, מיט די הענט געוויזן אויפן פענצטער און מיט די לעצטע כוחות געבעטן:

— לופט... לופט...

קיין שום רעטונג האָט נישט געהאַט קיין פּעולה. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז אַנסקי אַנטשוויגן געוואָרן. געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג.

***

יעדער טויט האָט זיין אויסרייד. דער יידישער פאָלקס־זינגער און שריפטשטעלער מנחם קיפּניס, וועלכער איז געווען אַן עדות ווי אַנסקי האָט געפלאַקערט אין כעס אויף דער פאַרזאַמלונג וועגן גרינדן אַ היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אין וואַרשע, האָט מיט ביטערניש געוואָרפן די שולד פון אַנסקיס טויט אויף די „פּעטע געלט־זעק", וועלכע

האָבן אַנסקין מקצר־ימים געווען. ער איז אַוועק פון דער דאָזיקער פאַר־זאַמלונג אייס מענטש, אַנטוישט, אויפגערעגט. דאָס האָט אים פאַרשאַדט. אַנדערע האָבן געוואָרפן די שולד אויף דער ווילנער טרופּע. די „בשורה", אַז די טרופּע רעזיגנירט פון אויפפירן דעם „דיבוק", האָט — הייסט עס — אַנסקין טיף דערשיטערט און צום קבר געפירט. אַ שעה פאַרן טויט איז ביי אַנסקין געווען מאַרעוווסקי. געוועדט האָט מען וועגן „דיבוק". אַנסקי האָט גערעדט מיט פאַרביטערונג און ווייטיק. אויסערלעך איז אין אַנסקין נישט געווען צו דערקענען, אַז די קאַטאַסטראָפע איז אַזוי נאָענט. אַנדערש וואָלט מאַרעוווסקי נישט אַוועקגעגאַנגען פון אים. מארעוווסקי איז אַוועק פון אים אָן שום שפור פון וועלכן עס איז אומרו. ער איז אַוועק אין טעאַ־טער אַריין, ווו מען האָט דעם זעלבן אָוונט געשפּילט „יאהאנס פייערן". פאַרן אויפצי פון צווייטן אַקט האָט די דירעקציע פון דער טרופּע באַקומען די ידיעה וועגן אַנסקיס טויט און די פאָרשטעלונג איז אין גרויס טרויער איבערגעריסן געוואָרן.

אַנסקי האָט געפּלאַנט צו פאָרן קיין אַמעריקע, נישט געקוקט אויף דער וואַרעמער אַטמאָספער אין וואַרשע, אויף דעם גרויסן קרייז פריינד, וועלכע האָבן אים ביים לעבן אַרומגערינגלט, האָט ער זיך דאָרט געפילט איינזאַם. ער האָט אין פּוילן נישט געהאַט קיינעם פון זיינע קרובים, קיין איין נאָענטן, אייגענעם פון זיין משפחה. צוויי עלטערע שוועסטער מיט זייערע קינדער — און צווישן זיי דער קינסטלער שמעון יודאָווין — אין רוסלאַנד. אין אַמעריקע האָט געלעבט זינט יאָרן זיין יוגנט־חבר, אידייעך־פריינד און בן־עיר ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. אים האָט ער געווידמעט אַלע זיינע ווערק — פערציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט, און צו אים האָט אַנסקין געצויגן, געוואָלט פאָרן צו אים, זען אים און זיין נעבן אים, כדי אין אַ געוויסער מאָס צו לינדערן דאָס ביטערע געפיל פון איינזאַמקייט. וואָס האָט אים די לעצטע צייט פון זיין לעבן באַזונדערס געפּייניקט.

דער פּלוצלינגער טויט האָט געמאַכט אַ שטריך איבער אַלע זיינע פּלענער.

ט.

אַנסקיס טויט האָט אין וואַרשע געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם, וואָס

ש. אַנסקי אין אָרון

(געצייכנט דורך יוסף זיידנבייטל)

איז ווייט אַריבער די גרענעצן פון די ליטעראַריש־קינסטלערישע און גע־זעלשאַפטלעכע קרייזן.

די ידיעה וועגן אַנסקיס טויט האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט און נאָך דעם זעלבן אָוונט איז דער ריזיקער הויף אויף זשאַבע 3 פאַרפולט געוואָרן מיט מענטשן. מערקוויר־דיק: אַ לעבן אָפּגעלעבט אויף דער „רוסישער גאַס", געשריבן בעיקר אין רוסיש. דער נאָמען טיפּיש רוסיש: סעמיאָן אַקימאָוויטש, האָט פאַרן אויער פון יידישן מאַסן־מענטש געקלונגען פרעמד, נישט פאָלקסטימלעך, און דאָך איז די פּאָפּולאַריטעט פון פאַרשטאָרבענעם און דער טרויער ביי די יידישע מאַסן אין וואַרשע געווען אומגעהויער גרויס. די יידישע מאַסן האָבן געוווסט און אַוודאי האָבן זיי עס מיטן געזונטן פאָלקס־אינסטינקט גע־פילט, אַז אַנסקי געהער צו זיי; אַז עס איז אַוועק פון דער וועלט אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק, געלעבט און געשאַפן פאַרן פאָלק.

אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט זענען מענטשן, יונג און אַלט, פרומע און וועלטלעכע, באַלעבאַטישע יידן און יידן פון דער טיפסטער וואַרשעווער אָרעמקייט, פאַרפינצטערטע האָרעפאַשניקעס, אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן און טרעגער פון גאַס — יענע וואַרשעווער יידישע טרעגער אין וואַטענע בורקעס מיט שטריק אַרומגעגאַרטלט — פאַרבייגעגאַנגען דעם אָרון, אָפּגעגעבן דעם פאַרשטאָרבענעם דעם לעצטן כבוד. אַזוי זענען פאַרבייגעגאַנגען צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אין אויפריכ־טיקן טרויער באַוויינט די אבידה.

די לוויה האָט אָרגאַניזירט „טלאָמאַצקע 13" — דער פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע. אין לוויה־קאָמיטעט, וואָס איז פאַר דעם צוועק געשאַפן געוואָרן, זענען געווען פאַרטראָטן פאַר־שטייער פון אַלע יידישע פּאָליטישע ריכטונגען — פון די ציוניסטן ביזן „בונד". יעדע ריכטונג, יעדע גרופּע אין יידישן לעבן האָט געהאַט איר שותפות מיטן פאַרשטאָרבענעם און געזוכט אַ וועג צו ברענגען צום אויס־דרוק איר טרויער און פאַרערונג.

אין הסכם מיט דער צוואה פון פאַרשטאָרבענעם זענען אויף דער לוויה קיין קרענץ נישט געטראָגן געוואָרן. געווען בלויז בענדער מיט אַנט־שפּרעכיקע אויפשריפטן, געטראָגן דורך דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע אָר־

גאַניזאַציעס — בערך צוויי הונדערט אין צאָל. די ווילנער טרופּע איז געווען פאַרטראָטן מיט אַ באַנד, אויף וועלכער עס איז געווען די אויפשריפט „ש. אַנסקין — אויפן וועג צווישן צוויי וועלטן". כידוע, איז דער „דיבוק" טיטולירט אויך מיטן נאָמען „צווישן צוויי וועלטן".

שוין אין טאָג פון דער לוויה האָט דער ראָט פון דער ווילנער טרופּע באַשלאָסן, פאַר יעדן פרייז, צו די שלושים אויפצופירן דעם „דיבוק". די אויפשריפט אויף דעם באַנד איז געווען דער נדר, וועלכן די טרופּע האָט זיך געגעבן.

אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער טויזנטער מענטשן. נאָך פּרצעס לוויה איז דאָס געווען די צווייטע לויט דער גרויס און פאַרנעם. די גאַסן, דורך וועלכע די לוויה איז געגאַנגען און דאָס בית־עולם איז געווען געפּאַקט — אויף גענשע זענען געווען שוואַרץ פון מענטשן. אויף די צווייגן פון דיביימער האָבן זיך מענטשן געקלאַמערט. אויף די צוימען פון מצבות און אַרום די מצבות גופא איז מען געשטאַנען בעת דער קבורה.

אויך די קבורה איז פאָרגעקומען אין הסכם מיט דער צוואה. עס איז געווען דער ווילן פון פאַרשטאָרבענעם, אַז די קבורה זאָל טראָגן אַ פאָלקס־טימלעכן כאַראַקטער — באַשיידן און איינפאַך, אָן רעדעס. בלויז איינער פון די נאָענטסטע פריינד זאָל פאָרלייענען די ביאָגראַפיע פון פאַרשטאָר־בענעם און זאָגן קדיש. לויטן ווילן פון פאַרשטאָרבענעם האָט מען אַנסקין קובר געווען אין אַ טלית.

די ביאָגראַפיע האָט אָנגעשריבן און געלייענט אַלטער קאַציזנע. דאָס איז געווען אַ דערציילונג וועגן אַ מענטש, וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט אין נע־ונד. אַ לעבן פול מיט אַרבעט און שעפערישקייט. איינפאַכע ווער־טער, דאַטעס, פאַקטן, אָן שום באַפּוצעכץ, אָן שום באַלויכטונג. געווען בלויז דאָס, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט אין משך פון זיין גרויס לעבן געטאָן. אויפן פאָן פון די דאָזיקע פאַקטן האָט זיך געצייכנט אַ וונדער־לעכע געשטאַלט פון אַ מענטש — די געשטאַלט פון ש. אַנסקי. קדיש האָט געזאָגט דער צווייטער נאָענטער פריינד — אברהם מאַרעווסקי.

אַנסקי איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה נעבן פּרצן און יעקב דינע־זאָנען. דאָס אָרט איז געווען רעזערווירט פאַר דער אלמנה, העלענע פּרץ.

זי האָט אָבער פון אייגענעם ווילן און איניציאַטיוו אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר אַנסקין.

אויפן גענשער בית־עולם אין וואַרשע, אין דער הויפּט־אַליי, שטייט אַ ריזיקער מאָנומענט א. נ. „אוהל פּרץ" — פּראָיעקטירט און אויסגע־פּאַרטיקט דורך דעם טאַלאַנטירטן סקולפּטאָר אברהם אסטזשעגע. עס רוען דאָרט די ביינער פון יעקב דינעזאָן — פּרצעס נאָענטער פריינד פון איין זייט, די ביינער פון ש. אַנסקי — פון דער אַנדערער, און אין דערמיט — די ביינער פון י. ל. פּרצן. פון אוהל שיינען אַראָפּ די פּאַטעטישע שורות פון דער „גאָלדענער קייט":

...און אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
מיר גרויסע, שטאָלצע יידן...

און אין טעג פון טרויער און פרייד פון די יידישע מאַסן, אין די טעג פון יידישע מאַסן־יום־טובים, איז דאָס דאָזיקע קבר געווען אַן אָרט, צו וועלכן די יידישע מאַסן האָבן עולה־רגל געווען, געקומען אַהין באַצירן דעם קבר מיט בלומען, אָפּגעבן כבוד און אַכפּערונג דעם אָנדענק פון די, וואָס האָבן מיט די מאַסן געלעבט, געקעמפט פאַר זיי און פאַר זיי געשאַפן.

ה. ד. באַמבערג



ש. אַנסקי אין יאָר 1914

אין לאָקאַל פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָ־מאַצקע 13, איז זינט יאָרן געהאַנגען אַ גרויסע געראַמטע פאַרגרעסערונג פון אַ געלעגנהייטלעכער פאָטאָגראַפישער אויפנאַמע פון הערש דוד נאָמ־בערגן. געהאָנגען אויך אַן אייל־פּאָרטרעט אויסגעמאָטערט דורכן טאַלענ־טירטן מאָלער פעליקס פרידמאַן. אַ מומחה צו מאָלן פּאָרטרעטן, האָט ער זיך פון דעסטוועגן מיט נאָמבערגס קאָפּ נישט געקענט קיין עצה געבן — געאַרבעט שווער און ביטער, אָפּעריַרט מיט כלערליי פאַרבן־קאָמבינאַציעס כדי אַרויסצוקריגן דאָס צומייסט כאַראַקטעריסטישע פון אָביעקט: דאָס ניכטערע, קוים־באַמערקבאַרע סקעפּטישע שמייכעלע, וואָס איז געווען און נישט געווען אויף נאָמבערגס פנים. און עס איז אים נישט געלונגען, פריד־מאַנען. אויפן באַמאָלטן לייוונט איז נישט געווען עמעץ אַנדערש ווי נאָמ־בערג: די פאַרבענקטע, אַביסל טרויעריקע און ווייט־בליקנדיקע אויגן מיט די צוויי טיפע שניטן פון ביידע זייטן מויל אַרויף ביז צו דער נאָז — שניטן וואָס עסן זיך איין אין פנים ביי מענטשן, וואָס לעבן אָפּ אַ לעבן אין חכמהדיקן סקעפּטיציזם און אומצופרידנקייט. און דאָך איז דער דאָזי־קער פאָרטרעט געווען אַ טויטע זאַך, פאַרפיקסירט בלויז דעם סטאַטישן צושטאַנד פון נאָמבערגן, איבערגעגעבן בלויז איין און ממילא איינזייטיקן צושטאַנד פון דער געשטאַלט. דאָס קאַלטע גלאָז פון פאָטאָגראַפישן אָב־יעקטיוו האָט דאָס מאָל פאַרקאָנקורירט די אויגן און די הענט פון קינסט־לער, דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט אַ כאַפּ געטאָן נאָמבערגן אין אַ שעת הכושר, וואָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרפיקסירן נאָמ־בערגן אין זיין דינאַמישן צושטאַנד, צו פאַרדויערן נישט בלויז דאָס קליי־נע און ראַכיטישע געביין, נאָר אויך דעם גרויסן, אומרואיקן גייסט: אויפן פאָן פון אַ נאַקעט פעלד, איבער אַ שמאָל שטעגל, וואָס שלענגלט זיך ווי אַ סערפּענטין פאַר און הינטער אים, שפּרייזט אַ קליין און שמאָלביייניק מענטשעלע, דער האַרבסט־מאַנטל פונאַנדערגעשפּילעט, די פּאָלעס צע־פּאַטלט, געטריבן פון ווינט; דער אויבערשטער האַלבער קערפּער פאַרבויגן פאָראויס ווי ער וואָלט מיטן קאָפּ אָן אַ וואַנט זיך פאַרמאָסטן — שפּרייזט ער; אין דער רעכטער האַנט אַ קליין רענצל, אונטערן אָרעם — דער פאַ־

ראַסאָל, און אין מויל, אין סאַמע ווינקל פון דער לינקער זייט — דער פּאַפּיראָס. אָט איז ער, דער גאַנצער נאָמבערג ווי ער גייט און שטייט, נאָמבערג מיט אַלע פּיטשעווקעס.

עס האָט פרידמאַנען נישט געקענט געלינגען אַ פּאָרטרעט פון נאָמבערגן, ווייל ווען נאָמבערג האָט פּאָזירט, האָט ער אויפן פּנים געטראָגן אַ מאַסקע, די מאַסקע האָט געהייסן: מהיכא־תיתי.

כלומרשט רואיק, כלומרשט געמיטלעך.

דאָס וואָס ליגט פאַרדעקט אונטערן שאַרבן האָט נאָך קיין שום מאָל אין דער וועלט נישט באַוויזן אויפצוכאַפּן אויפן שפּיץ פון פּענדזל. פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער און אפשר אַפילו נישט מעגלעך צו דעפינירן חכמה, אַזוי איז נישט מעגלעך זי אויפצומאָלן. מען קאָן העכסטנס אויפכאַפּן אַן אָפּשיין וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויפן פּנים און לייכט צומאָל אַדורך די מאַסקע. דאָס קען זיין: רו, עצבות, בענקשאַפט, אָבער — נישט מער. און דעריבער איז דער אייל־פּאָרטרעט אויך נישט געווען מער, און אויב נישט מער איז ער געווען ממילא שוואַכער פון דער פאָטאָגראַפישער בליץ־אויפנאַמע.

⁂

ס'איז אים געווען לאַנגווייליק און קאַלט, נאָמבערגן. דער קאָפּ האָט אים געפרוירן פון צופיל חכמה וואָס איז דאָרט געווען אָנגעזאַמלט. איבער דער וועלט האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אַרומגעדרייט אַ דריבנע מענטשל מיד פון זוכן און רעזיגנירט פון געפינען אַן אויסוועג...

— איז וואָס אַז מען האָט שוין טאַלאַנט? — האָט ער דעם רבין זיינעם, פּרצן, געפרעגט בעת פּרץ האָט אים געגעבן סמיכה.

— שרייבט מען שיינע זאַכן — האָט אים פּרץ געענטפערט.

— איז וואָס אַז מען שרייבט שיינע זאַכן?

— דאָס דאַרף מען פילן — האָט פּרץ אָפּגעהאַקט.

און נאָמבערג האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, באַמיט זיך צו „פילן" און האָט צוליב געטאָן פּרצן — געשריבן.

די העלדן — כמעט אַלע איבערגעקליגלט, מינאָר, ווי דער מחבר זייע־

דער; פיגורן וואָס שוועבן אַרום צווישן הימל און ערד, האַלטן אין איין אַרומזוכן דעם נעכטיקן טאָג, מענטשן וואָס דאָס לעבן באַקומט זיי נישט און שטאַרבן ווילן זיי אָדער קענען נישט; געשטאַלטן וואָס תמיד ווילן זיי עפּעס און קיינמאָל קענען זיי גאָרנישט. זיי קענען נישט, ווייל נאָמבערגס ניכטערער, רעזאָנירנדיקער קאָפּ דערלאָזט נישט דערצו:

— איז וואָס וועט שוין זיין אַז?... און ווו איז דער תכלית, דער תכלית? . . .

און סוף־כל־סוף איז אים נמאס געוואָרן דאָס גאַנצע עסק מיט „שרייבן שיינע זאַכן”. ער וועט בעסער לייענען און הנאה האָבן דערפון וואָס אַנדערע שרייבן. ער האָט דאָס בעלעטריסטישע פאַך אָוועקגעלייגט אין אַרכיוו. אויף צו האָבן די אַמביציע צו שאַפן „אייביקייטס־ווערטן” איז ער געווען צו קלוג, צו קלוג צו נערן זיך מיט דער איינרעדעניש וועגן „אומשטערבלעכקייט”, וואָרום וואָס איז זי פאַר אים, וואָסער באַדייטונג האָט זי פאַר אים, נאָמבערגן, ווען ער אַליין איז נישט מער ווי אַ שאָטן בלויז פון אָט־דער גאַנצער אייביקייט, אימשטיינס געזאָגט. אַ לעבן לאַנג יאָגט מען זיך אַרום נאָך עפּעס אַ כימערע וואָס אין דער מענטשלעכער שפּראַך הייסט זי: פרייד. אין וואָס זי דריקט זיך אויס איז נישט קיין נפקא מינה און ווי לאַנג זי דויערט איז נישט קיין חילוק — אַבי מען פילט זי, מען לעבט זי איבער. דאָס יאָגן זיך נאָר איר איז אין תוך מער ווערט ווי דאָס כאַפּן זי? זאָל זיין, וואָרום סוף־כל־סוף איז עס דאָס וועזנטלעכע און שליסלעך — דאָס איינציקע אינעם לעבן פון אַ מענטש. פאַרוואָס־זשע נישט שפּילן בעסער אַ פּאַרטיע בילאַרד, פאַרציען זיך מיט אַן אויגל אויפן ביינערנעם באָל, אַ שטויס טאָן אים מיטן שטעקן און האָבן דאָס פאַרגעניגן צו זען ווי געהאָרכזאַם דער באָל גייט וווהין דו האָסט אים געשיקט? און פאַרוואָס נישט שטעלן די מערכה אויף דער טויז פּיק, אַביסל צעשטרייען זיך ביי אַ קערטל? אָדער — פאַרוואָס נישט אָנדרייען דעם פּאַטעפאָן און צעלאָזן אַ „יאַווע־טאַנץ” און ער, נאָמבערג, זאָל מיט דער קעלנערקע פון בופעט אומבאַהאָלפן שלעפן זיינע קליינע און שוין פאַרשטייפטע פיסלעך איבער די ברעטער פון ליטעראַטן־פאַריין אין אַ לאַנגווייליקער און אומעטיקער אָוונט־שעה, צי אין אַן אומהיימלעכן נודנעם מיטנטאָג? צו וואָס די אַלע הויכע, קאָפּשווינדלערישע זאַכן — דאָס טאַרעראַמעווען זיך?

— יאָך וויל טאַנצן „יאווע״ — טאַנצ׳ך און האָב הנאה פון דער וועלט! עולם הזה, פרייד, עולם הזה און פרייד אָן שום קונצן!...

און דערנאָך טרינקט מען אויס אַ שוואַרצע קאַווע, מען פאַרהילט דעם קאָפּ אין קנוילן סיגאַרעטן־רויך און מען זיצט אַזוי רואיק, פאַרטראַכט אַ שעה און צוויי מיט זיך אַליין, אינגאַנצן מיט זיך אַליין.

דערנאָך וועט ער זיך מיטאַמאָל אויפהייבן פון אָרט און אַ זאָג טאָן טאַקע צו זיך אַליין:

— ווייסטע גאָר וואָס, הערש דוד, ס׳וואָלט גאָר געווען אַ יושר אַביסל איבערצופאָרן ערגעץ, קיין אַרגענטינע, קיין רוסלאַנד, צי גאָר קיין בער־לין אין ראָמאַנישן קאַפּע.

און ביי אים — אומר ועושה.

געכאַפּט דאָס רענצל, אַוועק צו דער באַן, איינגעזעצט זיך אין דער קאָליע און היידאַ — אַוועקגעפאָרן.

ווייל נאָך אַלע מעשיות איז אים געווען זייער לאַנגווייליק און קאַלט.

***

עפּעס האָט ער זיך אַ שטיקל צייט אין זיין לעבן „געשפּילט״ אַביסל אין פּאַרטייאישקייט, געווען דער פּאַטראָן פון יידישן מיטלשטאַנד: אַ גלות־פּאַרטיי אָן ארץ־ישראל און אָן קלאַסן־קאַמף. קליינבירגערלעכע רעאַל־פּאָליטיק מיט אַ פּעטישיסטישן יידישיזם פּאַר אַ צושמעלץ. „פּאָל־קיזם״ האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאָדערנער יידישער וועלט־אַנשויאונג. געווען דערין אַ שמץ פון אַ צוגעטראַכטער אידייע, וואָס נחום, דער העלד פון ז׳ער „משפּחה״, האָט געשלעפּט אויף זיינע שוואַכע פּליי־צעס אין אַ לענג פון פיר אַקטן און וואָס האָט געטראָגן דעם ראשי־תיבות־דיקן נאָמען: „נילי״ — נצח ישראל לא ישקר. פון ד ע ר אייביקייט גראָד האָט ער געהאַלטן.

נאָמבערג — אַ פּאָליטיקער, אַ פירער פון אַ באַוועגונג: זיצונגען, אַרויסטרעטונגען און אַפילו — דעפּוטאַט פון פּוילישן פּאַרלאַמענט אַ שטיקל צייט.

סוף־כל־סוף איז אים דער ענין נמאס געוואָרן. אין אַ שיינעם העלן

טאָג האָט ער איבערגעלאָזט די פּאַרטיי ביי נח פּרילוצקין, דעם סיים־מאַנדאַט מיט אַלע זכיותן אָפּגעטרעטן אַ צווייטן און אַליין צוריק געוואָרן אַ מענטש פאַר זיך.

אַ פאַרבלאָנדזשעטער און בלאָנדזשענדיקער קען נישט פירן. אַ סקעפּטיקער קען נישט קעמפן.

**
*

נאָמבערג — אַ מהיכא־תיתיניק.

אונטער נאָמבערגס מאַסקע האָט זיך באַהאַלטן די אמתע, גאָרנישט מהיכא־תיתידיקע, אָבער דערפאַר גענוג טראַגישע געשטאַלט זיינע — די טראַגישקייט פון אַ מענטש, ביי וועמען דער קלאָרער פאַרשטאַנד האָט געמאַכט אַ תל פון אַזעלכע עלעמענטן ווי פאַנטאַזיע און אילוזיע, וואָס זענען אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר דער גלייכגעוויכט פון גייסטיקן לעבן פון אַ מענטש. די דאָזיקע טראַגיק איז געווען זיינע אַ טיף־פּערזענלעכע און אינטימע זאַך, צו וועלכער ער האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט און דער־פאַר — די מאַסקע פון מהיכא־תיתיניק.

אָבער דעם מהיכא־תיתיניק איז גאָרנישט געווען אַזוי מהיכא־תיתידיק. אין רעאַלע, קאָנקרעטע פאַלן פון טאָג־טעגלעכן לעבן האָט ער רעאַגירט שטאַרק, שאַרף. און נישט בלויז מיטן שכל, אויך געפילמעסיק. פון דער „אייביקייט" איז נישט אַרויסצוקריכן און עס איז נישט שייך דאָ צו שטעלן ז י ך אָדער וועמען וועלכע עס איז צילן. אָבער די מענטשלעכע טעג אין דער דאָזיקער „אייביקייט" זענען שוין פאַר אים, נאָמבערגן, ווייט נישט געווען גלייכגילטיק. און די דאָזיקע טעג — דאָס רעאַלסטע ביי אים — זענען געווען נישט בלויז זיינע, נאָר אַלעמענס און דאָ גראָד האָט ער גע־האַט אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס אַזעלכע טעג קאָנען און דאַרפן געבן און וואָס מען קען פון זיי פאַרלאַנגען — פאַר זיך ווי פאַר אַלעמען. דאָ האָט ער געגלויבט, אַז מען קען און עס איז מעגלעך און אַז עס איז כדאי און מען דאַרף עפּעס טאָן. און ער האָט געהאַט כוח אויך זיין חלק, זיין צושטייער בייצוטראָגן. און דערפון אפשר — די דער־הייבנקייט פון זייע פּובליציסטישע שורות אין דער טאָג־פּרעסע, דערפון אפשר די נישט־וואָכעדיקייט פון זיינע „וואָכעדיקע שמועסן".

פאָלקסטימלעכע יידישע קולטור, יידיש, יידיש אַליין — דאָס וווּנדער פון די לעצטע קנאַפּע טויזנט יאָר גלות — אָט־דער דאָזיקער געראָטענער קולטור־ממזר, וואָס איז געוואָרן אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר אינעם גייס־טיקן לעבן פון די יידישע מאַסן צווישן די פעלקער פון דער וועלט, דער קאָלעקטיווער פּאַס פון אַ צעשטויבט פאָלק — דער אַדרעס און סימן מובהק פון אייגענעם און אייגנאַרטיקן פּרצוף־פּנים — איז טאַקע פאַר נאָמבערגן געווען דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל אינעם רעאַלן טאָג־איין טאָג־אויס פון די יידישע מאַסן און ממילא — אויך פאַר אים אַליין. איז אַ חידוש וואָס דווקא דער מהיכא־תיתיניק נאָמבערג האָט געשלעפּט גרינבוימען פון דער טריבונע פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין, בישט געלאָזט אים פאַרענדיקן זיין יידישן רעפעראַט נאָכדעם ווי ער, גרינבוים, האָט אין פּוילישן פּאַרלאַמענט געשטימט קעגן יידיש? איז אַ חידוש, וואָס דווקא נאָמבערג איז געווען דער העלד פון דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע?

— איר וועט נישט רעדן — האָט זיך נאָמבערג געהיצט און פאַר־קייכט זיך אין אַן אַסטמאַטישן הוסט — יאָך וועל אייך נישט לאָזן רעדן.

איז אַ חידוש וואָס ער האָט אין פּרץ־מצבה־קאָמיטעט געקעמפט פאַר אַ „פּרץ־אוהל” קעגן „אוהל פּרץ”? איז אַ חידוש אַז ער האָט מיט דער פרייד פון אַ מחותנתטע געפירט צו דער טריבונע און פאַרגעשטעלט יונ־גע התנים אין דער יידישער ליטעראַטור? אַז ער האָט אין אַ פּוילישן קאָ־באַרעט צווישן אַ צוויי טוץ „גירלס” דערווישט אַ יידישן בינע־טאַלאַנט און „פאַרפירט” אין יידישן טעאַטער אַריין, אין דער ערשטער יידישער רעווי אַלע ליליט אין „אַזעזל” אין וואַרשע?

אין אַ האַרבסטיקן רעגן־טאָג האָט ער אָן אַ „זיי־געזונט” ווי זיין שטייגער און אומגעריכט ווי זיין שטייגער, געלאָזט שטיין האַק און פּאַק און אַוועק אויף אַ לאַנגער און ווייטער נסיעה — אַ נסיעה אין דער איי־ביקייט.

אָן דעם רענצל, אָנעם פּאַראַסאָל אונטערן אָרעם, אָן דעם פּאַפּיראָס אין לינקן ווינקל פון זיין מויל און אָן דער מאַסקע פון „מהיכא־תיתיניק”: ער איז געווען ערנסט און טויט־שווייגנדיק.

אָן עסנדיקע קעלט האָט דורכגענומען, אַ רעגנשטויב געטריבן פון

זוינט האָט דורכגעפּיטשעט לייב און לעבן, פאַרקראָכן טיף אין די ביינער אַריין און געריסן ווי זאַלץ אויף אַ נאַקעטער ווּנד...

ס'איז געווען אַ גרויסע לוויה — אין די טויזנטער. יונגע יידישע אַר־בעטער, יונגע יידישע פאָלקס־מענטשן — האָבן מיט אַ שטילן וויספּערן זיך צעזונגען, נאָכגעטראָגן נאָמבערגן דעם פאַרדינטן „צדק לפניו יהלך":

„עס לויפן, עס יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
עס פייפט און ס'יאָגט דער ווינט,
פון סיביריען שיקט דער טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד..."

נישט זייערע געווען, אָבער באַגלייט האָבן זיי אים ווי אַ זייעריקן. פון צייט צו צייט האָט ער זיי פאָרט פאַרשטאַנען און זיך געשטעלט אויף זייער זייט.

שאַנכיי, יולי 1942.

י. מ. ווייסענבערג

א. מ. ווייסנבערג

— וואָס האָט מען עס אַזוינס געפונען אין אָט־דעם איטשע־מאירלען וואָס מען מאַכט מיט אים אַזאַ צימעס?

— וואָסער איטשע־מאירל?

— ענקער איטשע־מאירל ווייסנבערג...

דער בעל־דבר, וואָס האָט זיך צו מיר געווענדט מיט דער דאָזיקער קשיא, איז געווען ווייסנבערגס אַ בן־עיר, אַ זשעלעכאָווער ייד, אַ קרעמער און קהלשער תקיף.

...אין דער ביבליאָטעק האַלט מען איטשע־מאירלס מעשה־ביכלעך. מען לייענט זיי מיט אַזאַ התמדה ווי עס וואָלט דאָרטן געווען מי־יודע וואָס, מען שרייבט אין די בלעטער וועגן די מעשה־ביכלעך און אָט האָט דער ייד אַליין, מיט די אייגענע אויגן געזען אַ גרויסן פלאַקאַט מיט ביל־דער פון יידישע שרייבער מיט מענדעלען, פרצן, שלום עליכמען אין דער סאַמער מיט און צווישן זיי — איטשע־מאירל.

דער ייד האָט זיך געריבן די אויגן פון חידוש:

— ווער איטשע־מאירל איז, דאַרף מען פרעגן ביי מיר — האָט ער מיטן גראָבן פינגער געטייטלט זיך אין האַרץ אַריין און לאַנג און שווייגנ־דיק מיך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגיין וואָסער איינדרוק זיינע רייד האָבן אויף מיר געמאַכט:

— יעדן קען אים פון דער היים — האָט ער ווייטער פאַמעלעך גע־צויגן — יעדן ווייס וואָסער תכשיט דאָס איז, און כ׳קען מיר שוין פאָר־שטעלן וואָסער גאון עס האָט געקענט אויסוואַקסן פון אָט־דער פרי. מילא מענדעלע מוכר ספרים מאַכט זיך נאַריש מיט זיינע מעשיות וואָס ער שרייבט, איז ער כאָטש אַ ייד אַ למדן, מען זעט עס פון די ביכלעך אַרויס; מילא פרץ, אַ פושע, וואָס יעדער וואָרט זיינס איז טריף ווי חזיר — איז ער אַ געלערנטער מענטש, אַן אַדוואָקאַט; צי כאָטש דער לץ שלום עליכם — זעט מען אויך אַז ער איז אַ קענער אין די קליינע אותיותלעך, אַ קאָפּ־מענטש. אָבער וואָס איז דאָ די גדולה מיט ווייסנבערגן, ווי קומען די ריבן אין דעם זאַק אַריין? ווען וועט מען איינרעדן, אַז מען קען פון זיין שרייבעכץ מיט עפּעס קליגער ווערן?

און דער ייד האָט אַרויסגעלייגט אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן זיין בן־עיר — ווייסענבערגן: אַ פּראָסטע היים, ס׳הייסט פּראָסט? ס׳קען שוין גאָרנישט זיין פּראָסטער — קצבים. ער אַליין, דער ייד, געדענקט נאָך ווי איטשע־מאירל פלעגט אַרומרייטן אויף אַ חזיר איבערן זשעלעכאָ־ווער מאַרק. אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר פלעגט ער טרייבן בהמות אין שעכטהויז אַריין. פרייטיק בייטאָג פלעגט ער קומען צום בעקער, אַרויפ־קריכן אויפן פּיעקעליק און אַז די בעקעריי איז פול געוואָרן מיט ווייבער וואָס האָבן געברענגט טשאָלנטער צו פאַררוקן אין אויוון אַריין, פלעגט ער, איטשע־מאירל, פון פּיעקעליק אַראָפּטאָן אַ זאַך פון וואָס די ווייבער זענען פאַרשעמטע און מיט אַ ליאַרעם, ווי אָפּגעבריטע, זיך צעלאָפן פון דער בעקעריי...

— דאָס האָט געקענט ענקער איטשע־מאירל ווייסנבערג — האָט דער ייד מיט טריאומף פאַרענדיקט — איז וועמען ווילט עץ דאָ איינרעדן, אַז אויך ער איז איינער פון אייערע קאָפּ־מענטשן?

די דאָזיקע „קאָמפּראָמיטירנדיקע״ אַנטפּלעקונג איז שוין אַלט מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט. ס׳איז נאָך פריש געווען אין זכרון דער איינ־דרוק פון שלום אַשס און ווייסנבערגס „שטעטלעך״. ביי איינעם דאָמינירט אַ באַלעבאַטישער ייד מיט רחבות, גבורה און גבירישקייט; יחזקאל גאָמ־בינערס טראָטוועס גליטשן זיך איבער דער ווייסל און זי, די ווייסל, זינגט זמירות; איבערן הימל שפּאַצירן סטאַדעס שעפּסן און אויף דער ערד, אין שטעטל, דרייען זיך אַרום מלאכים, עס הערשט שלום און שלוה, ס׳איז שלעפעריק און זיס אויפן האַרץ ווי נאָך אַ שבועותדיקער סעודה... ביים צווייטן איז דאָס לעבן אין שטעטל לחלוטין נישט קיין אידיליע, עס איז גאָרנישט אַזוי זיס און ווייט נישט שלעפעריק... אַ שווער, אַ האַרט לעבן. אין בית־המדרש צווישן מנחה־מעריב קומען שאַרפע קריגערייען, מחלוקות צווישן שיינע יידן און פּראָסטאַקעס; דאָס שטעטל ליגט ווייט פון דער באַן און ווייט פון דער גרויסער שטאָט, אָבער צום שטעטל דער־גייען די ווידערקולות פון ראַנגלענישן און אומרואיקייט אין דער גרויסער שטאָט. דער המון־עם בונטעוועט זיך דאָרט — זאָגט מען — קעגן קיסר אַליין. און דאָ, אין בית־מדרש — דאַכט זיך, — וועט די מערב־וואַנט באַלד אַ הייב טאָן זיך פון אָרט און אַרויפוואַרפן זיך אויף דער יחסנישער

מזרח־וואַנט, אַ כאַפּ טאָן זי פּאַר די זייטן און זי אַזוי צעשאָקלען, אַז זי וועט זיך צעשיטן אין פּרוכנע... איבערן הימל ציען זיך וואָלקנס, בלייער־נע, אָנגעדראָלענע און בייזע, זיי אײַלן זיך, יאָגן און וועקן אומרו, זאָגן אָן שטורעם און דאָס שטעטל פּיבערט אין שרעק און גערייצטקייט.

דער יידס אַנטפּלעקונגען וועגן ווייסנבערגן האָבן דעמאָלט ווייסנ־בערגן אין מײַנע אויגן נישט אַרונטערגעריסן, כאָטש זיי האָבן מיר אויס־געקוקט משונהדיק. היינט זענען זיי פאַר מיר אַן אויסגאַנגס־פּונקט אין דער אַנטפּלעקונג ווייסנבערג גופא, אין איינער פון די זעלטנסטע דער־שיינונגען אין דער יידישער, ווי אין אַ ליטעראַטור בכלל.

***

מענדעלע מוכר ספרים איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ מיסיע — דידאַקטישע צילן; פּרץ איז געקומען מיט אַ מיסיע — די צילן און אידייען זיינע זענען ביי אים אַפילו געווען מעכטיקער פון די קינסטלערישע שאַפונגס־טענדענצן, און אַפילו — די פּערזענלעכע ראָ־לע וואָס ער האָט געשפּילט; שלום עליכם איז געקומען מיט אַ מיסיע — כאָטשבי די מלחמה קעגן שמרן. ווייסנבערג איז געקומען ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין, קיין שום אידייען האָבן אים נישט געפירט צום שרייבטיש, אַן אור־פּרימיטיווער אינסטינקט, אַ פיזיאָלאָגישער מוז, האָט אים געטריבן צו נעמען די פּעדער אין האַנט אַריין. און ער האָט געשריבן, אַזוי אומ־מיטלבאַר און נאַטירלעך ווי עס איז דאָס געזאַנג פון אַ פויגל, דאָס רוישן פון אַ וואַלד, דאָס ריזלען פון אַ קוואַל.

עס איז דאָ אַ מעשה וועגן אַ ישובניקס אַ ייִנגל, וואָס האָט דאַווענען נישט געקענט. יום־כיפור צו כל־נדרי האָט ער געזען יידן דאַווענען, ער האָט אויך געוואָלט דאַווענען און נישט געקענט. ער האָט זיך צעוויינט אין זיין גרויס עלנט און אומבאַהאָלפנקייט. פּלוצלינג האָט ער פאַרשטעקט צוויי פינגער אין מויל אַריין און דערלאַנגט אַ פייף, און דער דאָזיקער פייף האָט די הימלען אויפגעריסן, די מקטרגים צעטריבן און געמאַכט אַ וועג אַפילו פאַר די תפילות, וואָס זענען פון בית־מדרש אַרויסגעשיקט גע־וואָרן אין הימל אַריין און זענען אויפן וועג פאַרהאַלטן געוואָרן. אויבן האָט מען דעם פייף דערהערט, דערהערט אים אַזש ביים כסא־הכבוד.

אָט אַזוי אורשפּרינגלעך איז געווען ווייסנבערגס אָנקום אין דער יידי־שער ליטעראַטור. דער „פּייף" זיינער האָט הימלען דערגרייכט. מען האָט אים דערהערט און דערזען.

דאָס באַוווסטזיין פון זיין כוח, די אידייען און צילן זענען שפּעטער געקומען. אָבער גראָד דאָס איז געוואָרן אַ מניעה פאַר זיין שעפערישקייט. געוואָרן די פּערזענלעכע טראַגעדיע אין משך פון זיין גאַנץ שפּעטערדיק לעבן. די טראַגעדיע האָט געשטעקט דערין, וואָס די שעפערישע מיטלען זיינע זענען געווען ווייט הינטערשטעליק לגבי די שעפערישע מעגלעכ־קייטן. אַריין אין דער ליטעראַטור אוממיטלבאַר און רוי, אַזוי פאַרבליבן. דאָס מזל האָט אים נישט געשפּילט און ער איז אויך געווען צו ווייניק גע־ביפט כדי צו שטופּן זיך אין די הויכע פענצטער, ווי דאָס האָבן באַוויזן אַנדערע פון זיין דור. דער אינסטינקט האָט אים געטריבן אין דער וועלט אַריין און ער איז אויך געגאַנגען, אָבער זיין „גיין אין דער וועלט אַריין" איז געווען אַ טראַגישער, אַן איינזאַמער שפּאַציר, אַ הונגעריקער שפּאַציר און צופוס איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך. איך האָב אים געזען אין די דאָזיקע טעג פון אומרואיקן און אומהיימלעכן וואַנדערן. ס׳איז גע־ווען זומער 1917 אין אָטוואָצק. אַ פאַרשטויבטער, אין צעריסענע שיך פאַרשנורעוועט מיט דינעם שטריק, אינעם שוואַרצן „ליטעראַרישן" הוט מיט דער ברייטער ראַנד, וואָס איז געווען מער גרוי פון שטויב איידער שוואַרץ, האָט ער מיר שטיל איינגערוימט אַ „סוד" אין אויער:

— יעך בין ווייסנבערג.

געקומען נאָר־וואָס פון וועג. הונגעריק, מיד און אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. געשאַפן אים אַביסל געלט און מיט שלאָפן איז קיין גרויסע שווע־ריקייטן נישט געווען: אין לאָקאַל פון דער אָטוואָצקער קולטור־געזעלשאַפט איז געווען אַ געבעטע באַנק איז זי געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר ווייסנבערגן. אדרבה — צו־גוט. ס׳האָט שוין געשמעקט מיט „לוקסוס".

צומאָרגנס איז ער אַוועק ווייטער.

***

אין די יאָרן פון טראַגישער זעלבסטפאַרלוירנקייט, פון אייגענער מאַכטלאָזיקייט, האָט ער איבערגענומען די פונקציע פון זיין פאַרגעטערטן

דבין און פּאַטראָן — פּרץ: אַנטדעקן יונגע טאַלאַנטן, אויסוואַרעמען זיי און אַריינפירן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אויך גענומען אויף זיך די שווערע ראָל פון היטן און באַשיצן די יידישע ליטעראַטור.

ווייסנבערג האָט נישט געהאַט די מיטלען וואָס פּרץ, נישט געווען פאַר ווייסנבערגס כוחות צו פירן „טיש" אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט נישט געקענט איבערנעמען פּרצס ראָל פון אַ באַלעבאָס אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער ווייסנבערג איז געווען אַ געטרייער שומר. מיט דער ליבשאַפט און אייפערזוכט פון אַ פויער צו זיין נחלה, וואָס ער האָט מיט אייגענע ידים צעאַקערט, איז ווייסנבערג געשטאַנען אין דער יידי־שער ליטעראַטור, באַוואַכט זי, געהיט דאָס פעלד און נאָך מער — דעם פלויט, די צוים אַרום דער נחלה.

אין נויט און אין איינזאַמקייט, צעקריגט מיט דער כמעט גאַנצער ליטעראַרישער סביבה, האָט ער פון זיינע „זאַמלביכער" אַרויס געשאַלטן און לעבעדיקע פּאַסן געשניטן פון יענע אַלע, וואָס האָבן זיך זאַט און זעלבסט־צופרידן באַזעצט אין דער טאָג־פּרעסע און אויסגעטוישט די אי־דייע פון אַ יידישער ליטעראַטור אויף אַ גוטן מיטיק. עס האָט געפּלייצט מיט שוים און גאַל פון יעדער שורה זיינער, פון יעדן וואָרט.

— פון זיין שרייבן און מבינות אויף ליטעראַטור — האָט ער גע־זאָגט וועגן איינעם פון זיינע אַרויסהעלפער — האַלט יעך ווייט נישט. יעך נוץ אים אויס בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט פאַר מיר איין גרויסע מעלה: ער פאַרמאָגט אַ סך גאַל, זייער אַ סך. און דאָס דאַרף יעך דווקא האָבן. . .

געהאַט האָט ווייסנבערג פון די „זאַמלביכער" וואַסער אויף קאַשע. דערפאַר אָבער זענען זיי געווען אַ „נעץ" צו כאַפּן נייע און יונגע טאַ־לאַנטן און דאָס האָט ער טאַקע ליב געהאַט. צוזאַמען מיטן גרויסן „לעשטש" שלעפּט מען אַרויס אויך אַ היפּש ביסל קליינע פישעלעך, שלאַם און כלערליי פּסולת, אָבער אַביסל פיש האָט ער פון דעסטוועגן אַרויסגעצויגן. און אין די ביטערע יאָרן פון מאַטעריעלער און גייסטיקער ראַנגלעניש איז די דאָזיקע „פיש־פאַנגעריי" געווען זיין מיסיע אין דער יידישער ליטע־ראַטור, זיין גרעסטע און ליבסטע ליידנשאַפט.

אַ כבד־פה, געשלאָגן אויף דער צונג, שווער און פּאַמעלעך געטראַכט

און נאָך שווערער און פּאַמעלעכער גערעדט, האָט ער אָבער געהאַט אַן אויג וואָס האָט אויפן סובטעלסטן אופן געזען און ד ע ר ז ע ן דאָס עכטע ווי דאָס געפעלשטע אין דער ליטעראַטור. ווייסנבערג האָט פאַר־מאָגט זייער אַ פילבאַרן ליטעראַרישן חוש, פילבאַר פאַר די דינסטע און איידלסטע ניואַנסן — להיפוך צו זיין פיזיאָנאָמיע וואָס איז געווען אַ פאַרלייקענונג פון די דאָזיקע מעלות. פיזיש איז ווייסנבערג געווען כמעט אַ מאָנגאָלישער טיפּ: אַ מאָגער אָפּגעצויגן פּנים מיט קינבאַקן; אַ טעמפּע רויטלעכע נאָז באַלייגט, ווי דאָס גאַנצע פּנים, מיט אַ נעץ פון דינע אָדערלעך, וואָס אַט־אַט פּלאַצן זיי אויף ביים מינדסטן ריר. צוויי קליינע, וואַסערדיקע אויגן, וואָס האָבן תמיד געקוקט זייטיק, מיט חשד און אומ־צוטרוי און אויפן קאָפּ — אַביסל שיטערער און שלעכט פאַרקעמטער פלאַקס. נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש — די אויערן: גרויס, שפּיציק און פאַרטריקנט ווי געטריקנטע שוואָמען, זענען זיי אָפּגעשטאַנען פון ביי־דע זייטן קאָפּ. אַ טיפּישער פּויער. און אָט אין דעם דאָזיקן „קעסטל״ איז עס געווען איינמאָנטירט איינער פון די איידלסטע מעכאַניזמען, וואָס האָט אַזוי פיין געזען, געהערט און רעאַגירט. ער האָט נישט געדאַרפט קיין סך אויף אַראָפּצורייסן ביי עמעצן דעם לאַרבער פון קאָפּ. קוים אים איז נישט געפעלן געוואָרן ביי עמעצן איין קליינער פּרט, פלעגט ער פון דעם מיט פויערישער דעצידירטקייט לויט דעם פעסטגעשטעלטן כלל. אַזאַ משונה־דיקן מחק האָט ער אַמאָל געמאַכט מיט אָפּאַטאָשון. אין די 20ער יאָרן זענען אין וואַרשע דערשינען די „פּוילישע וועלדער״ — אַ גרויס בוך, מיט פאַרנעם. דער רושם איז געווען אַ געוואַלטיקער, די קריטיק האָט זיך אַזש פאַרקייכט אין ליב, איז געקומען ווייסנבערג און האָט פּראָסט און פּויע־ריש פאַרקרימט מיטן קאָפּ אויף אַ זייט און אַ זאָג געטאָן:

— און מיער גיפעלט נישט דועס גאַנצע ביעך. ס׳אי געמלאכהט — האָט ער אָפּגעפּסקנט. אָפּאַטאָשו איז אַ אינזשיניער, וואָס ווייס גוט די מלאכה פון בויען. נו, האָט ער אויפגעשטעלט אַ הויז מיט ווענט, מיט טירן און פענצטער און מיט אַ דאַך. אַלץ איז דאָרט באַרעכנט לויט דער מאַטעמאַטיק און ס׳איז דאָרט אַלץ דאָ. אָבער איין חסרון איז אין דעם הויז פאַראַן — ס׳איז דאָרט קאַלט. און ס׳קימט מיער אויס ווי עס וואָלט זיך אונטער דער פּאָדלאָגע פאַרגנבעט אַ שוואָם...

ווייסנבערג האָט אין דעם הויז נישט געריסן קיין ווענט. ער האָט בלויז איין ברעטל אָוועקגעריסן כדי צו ווייזן:

— נאָט, זעטס צי יעך בין נישט גערעכט.

אַ פרט, וואָס ווערט געוויינלעך פאַרלוירן אינעם גאַנצן און גרויסן אויף אַ לענג פון עטלעכע הונדערט זייטן פון בוך: מרדכי זיצט אויפן שפּיץ פון אַ בוים אין וואַלד, פאַרנאַכט, די זון זעצט זיך, פון דער ווייטנס שנירלט זיך די ווייסל, וואַנדע גייט אַרויס פון טייך אויפן ברעג און ער, מרדכי זעט אירע... בלויע אויגן — אַ פיזישע אוממעגלעכקייט. פאַר ווייסנבערגן — גענוג עד בלי די צו לייקענען די גרויס פון גאַנצן ווערק.

פון דער אַנדערער זייט איז פאַר ווייסנבערגן גענוג געווען איין שורה, כדי צו דערשנאַפּן אַ נייעם טאַלאַנט. אין זיינע „זאַמלביכער" האָט ער געדרוקט אומבאַהאָלפענע, אומרייפע און אַפילו גאַנץ שוואַכע לידער און דערציילונגען פון אָנפאַנגער, וואָס האָבן זיך ביי אים געוואַרעמט ווי נישט דערטראָגענע, ווי „זיבעלעך". עס האָט געשווירבלט מיט נעמען. און אַ סך אַזעלכע „זיבעלעך" זענען אויסגעוואַקסן און שפּעטער מיט פּאַראַד אַריין אין דער ליטעראַטור. אַזוי וואַרשאַווסקי, אַזוי האָראָנטשיק, יחיאל לע־רער, אַזוי, מיצמאַכער, בערלינסקי און אַנדערע.

***

ווייסנבערג האָט געהאַט אַ מענטאַליטעט פון אַ ישובניק. געווען פאַר־עקשנט, פאַרביסן ווי אַ פויער. האָט ער עפּעס אָדער עמעצן פיינט געהאַט, איז דאָס געווען אַן אָרגאַנישע שנאה — אַזאַ וואָס פאַרסמט דאָס אייגענע בלוט. האָט ער זיך אויף עפּעס פאַרנומען, ביי עפּעס איינגעשפּאַרט, איז דאָס געווען אַ קאַלטע און פאַרביסענע איינגעשפּאַרטקייט, וואָס מען האָט מיט קיין צען בייטשן נישט געקענט אים אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. אייגמאָל — און דאָס איז געווען נאָך לאַנגע יאָרן הונגער און נויט — איז ער גע־פאַלן אויף אַן „המצאה", אַז עס וואָלט גאָר געווען אַ יושר צו ווערן אַ... רעסטאָראַטאָר: געוואָרפן אַן אויג אויפן בופעט פון וואַרשעווער ליטע־ראַטן־פאַריין. עלעהיי פּרץ איז געווען אַ באַאַמטער אין דער לוויה־אָפּטיי־לונג פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה. אָבער קעגן דעם איז אַרויס־געטרעטן נאָמבערג:

— וואָס הייסט: ווייסנבערג וועט מיר דערלאַנגען טיי צום טיש, מיך באַדינען? יאָך על עס נישט דערלאָזן, ס׳פּאַסט נישט, ס׳איז נישט פאַרן כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור — האָט ער געטענהט.

ווייסנבערג איז ברוגז געוואָרן, אָפּגעשיקט זיין לעגיטימאַציע אַלס מיטגליד פון ליטעראַטן־פאַריין — אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר און אַוועק. עטלעכע יאָר איר שוועל נישט איבערגעטרעטן.

דעם כעס זיינעם האָט ער זיך שפּעטער אָביסל „געקילט״ מיט 46סטן קאַפּיטל פון שמעון האָראָנטשיקס ראָמאַן „פאַרפלאָנטערטע וועגן״, וואָס איז דערשינען אונטער ווייסנבערגס רעדאַקציע. אָפּגערעכנט זיך מיט טלאָמאַצקע 13 ווי ס׳געהער צו זיין, מיט טאַלאַנט, מיט גאַל און — פּאַסקווילאַרטיק.

***

ווייסנבערגס קאָמפּלעקסן: אינטעליגענטן און — ליטוואַקעס. אַן ענין פאַר פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג.

ווייסנבערג האָט פיינט געהאַט פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן, באַ־צויגן זיך צו זיי מיט חשד, אַזוי ווי עס באַציט זיך אַ פּויער צו אַ שטאָ־טישן מענטשן...

— „די לייט קענען גוט אין די ביכלעך״ — ווינקט ער כיטרע צו מיט אַן אויג אין איינער פון זיינע דערציילונגען.

די „אינטעליגענטן״ דאַרף מען קוקן אויף די פינגער. מיט זייערע קונצלעך און דריידלעך קענען זיי פאַרדרייען אַ וועלט. ער האָט זיי פיינט געהאַט און קודם־כל האָט ער זיי פיינט געהאַט אין דער ליטעראַ־טור. צוגאַנג פון אַ פּרימיטיוון מענטשן, וואָס דערפילט זיין ווערטלאָזי־קייט און אויבערמאַכט איבער זיך, ווען ער געפינט זיך מחוץ דער אייגענער סביבה. אַזוי ווי אַ פּויער אין אַ גרויסער שטאָט...

„אינטעליגענטן״. ביי ווייסנבערגן האָט דאָס געהאַט אַן אייגנאַרטיקן טייטש, ווייט געגנוג פון פּראָסטן פּשט. „אינטעליגענטן״ זענען ביי אים געווען יענע אַלע לאַ־יצלחס וואָס דרייען זיך אַרום אין דער ליטעראַטור אָן סימנים פון שעפערישקייט און טאַלאַנט. מיט דער הילף פון ריין־אוי־סערלעך דערוואָרבענע מיטלען קריגן זיי זיך צו צום „ברעטל״, ווערן די

מבינים, וואָרט־ און דעה־זאָגער, געשליפּענע צינגלעך מיט „זאַגראַניטשנע" ווערטער אין מויל, אויסגעלערנט אין דער חכמה פון ליטעראַטור־מאַכע־ריי, באַהאַוונטע אין רעצעפּט־שאַבלאָנען, שפּילן זיי די ראָל פון זנאַכאָ־רעס, פאַרדאַרבן די ליטעראַטור און מאַכן דערביי פון איר אַ גוט לעבן.

— ווער עס קען אַליין נישט קיין לייטישע שורה אָנשרייבן נעמט זיך צו קריטיק — פלעגט ער טענהן — און מען פאַרפּאַסקודיעט די ליטעראַטור מיט כלערליי עטיקעטלעך; ווער עס קען נישט קיין לייטישע דערציילונג אָנשרייבן, צי אַ גוט ליד, דער שרייבט קונצנמאַכערישן עוץ־קוצץ און שטעלט אַוועק אין דער מיט אַ סטראַשידלע: „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", „מאָדערניזם" און די כאָליערע ווייסט ווי זיי הייסן נאָך.

אַ מאַניאַקישן ווידערווילן האָט ער געהאַט צו די ליטוואַקעס, געווען אַפילו עלעמענטן פון שנאה, אַלדאָסבייז האָט ער זיי צוגעשריבן. צלם־קעפּ, „טרוקענע מענטשן" וואָס נאָר דער מוח אַרבעט ביי זיי, האָבן זיי — לויט ווייסנבערגן — געגעבן דער יידישער קולטור טאַקע בלויז דאָס, וואָס אַ מוח קאָן אויסהאָרעווען: פּרעסע, קריטיק, גוזעלשאַפטלעכע באַוועגונ־גען. פוילן און וואָלין האָבן געגעבן האַרץ, געפיל, שווונג, דאָרט איז גע־בוירן געוואָרן און האָט געבליט דער חסידיזם. ליטע האָט אים באַקעמפט. דערפאַר האָט אין ליטע געבליט די השכלה...

ענגהאַרציק און איינזייטיק ווי ער איז על פּי רוב געווען אין זיין שנאה צו זאַכן אָדער מענטשן, האָט ער דאָס גוטע, דאָס פּאָזיטיווע דאָרט קיינמאָל נישט געזען. אין דער פּרעסע האָט ער געהערט בלויז דעם בי־ליקן קוויטש, טאָג־חשבונות און טאָג־מחלוקת; אין פּאַרטיי און כלל־טוע־ריי האָט ער געזען בלויז גנבים און שווינדלער, געזען בלויז דעם קאָכנ־דיקן טאָפּ, קאַריעריסטן דרייען זיך און האָבן זיך ביי וואָס צו וואַרעמען; די ציוניסטן האָט ער פיינט געהאַט פאַר זייער ביטול צום גלות און צו זיין, ווייסנבערגס, יידיש לשון. די בונדיסטן דערפאַר — ווייל זיי זענען דאָקטרינען, רעזאָלוציע־מענטשן. אַלע פּאַרטיי־לייט צוזאַמען זענען ביי אים געווען נישט מער ווי גייסטלאָזע ליידיקגייער, וואָס דראַפּען זיך אויף דעם קהלשן לייטער, רייטן אַרום אויף דער בידנער קליאַטשע מיטן שם־המפורש פון פאָלק־ אָדער וועלט־פאַרזאָרגעריי אויף די ליפּן, מען האַלט אין איין ראַטעווען דעם כלל און געהאָלפן ווערן, קודם־כל, די פאַרזאָרגער

אַליין. אין יעדער פּאַרטיי דרייען זיך אַרום בלויז יחידים, ל״וניקעס, אָרנטלעכע מענטשן, שלימזלניקעס וואָס זענען אַליין די קרבנות פון דער באַוועגונג. ווייסנבערג דערקענט זיי, די דאָזיקע ל״וניקעס, אויף זייער אַן איינפאַכן אופן, לויט ריין־אויסערלעכע סימנים, אָפּטמאָל לויטן צושטאַנד פון די שיך אָדער הויזן, וואָס אַזאַ איינער טראָגט:

— יעך שטים אויף ערליכן — האָט ער מיר איינמאָל, בעת אַ וואַל־קאַמפּאַניע צום פּוילישן סיים געזאָגט.

— דאָס הייסט: אויפן „בונד״ — האָב איך צוגעגעבן.

— נייען, — האָט ער אָפּגעשפּאַרט — נאָר אויף ערליכן, ער גע־פעלט מיר, ווען אַ מענטש גייט אַרום אַ גאַנץ לעבן אין אויסגעריבענע הויזן קיילעכדיקע ווי די בייגל, איז ער, מסתמא, נישט קיין זשוליק...

***

„זשעלעכאָווער אָרטאָגראַפיע״.

אַ קולטור־געשיכטלעכער קוריאָז, ענג פאַרבונדן מיט ווייסנבערגס קאַמף קעגן ליטווישע איינפלוסן. געוואָרן אַ שם־דבר. מען האָט ווייסנבערגן דערמיט אַרומגעטראָגן איבער אַלע וויצנבלעטער. עס האָט אים דאָ קיינער נישט באַקעמפט. וואָרום ווייסנבערג האָט זיין אָרטאָגראַפיע טעאָרעטיש מיט גאָרנישט באַגרינדעט. ער האָט עס נישט געקענט, ס׳איז נישט געווען זיין פאַך. אָבער דאָס, וואָס די לייט „וואָס קענען גוט אין די ביכלעך״ האָבן געקענט באַגרינדן, האָט ער בלויז געפילט בחוש, מיטן אינסטינקט. להיפוך צום ליטווישן יידיש, וואָס איז קאַנטיק און האַרט, איז דער פּוילישער ווייך און מוזיקאַליש. אינדערמיט, צווישן די צוויי גרונט־דיאַלעקטן, שטייט דער וואָלינישער יידיש וואָס איז, אין אַ קאָמבינאַציע מיטן פּוילישן, אַ געראָ־טענער זיווג פאַר אַן איינהייטלעכער ליטעראַטור־ און טעאַטער־שפּראַך. מילא רעדן, רעדט יעדער אויף זיין שטייגער, אָבער די געשריבענע שפּראַך דאַרף און מוז דאָך זיין אַן איינהייטלעכע. האָבן פאַכמענער און זאַכקענער אַלס באַזע גענומען דווקא די ליטווישע פאָנעטיק און לויט איר געשאַפן די כללים פאַר דער נייער אָרטאָגראַפיע. וולאַדימיר מעדעם האָט געקעמפט פאַר געוויסע הנחות פאַרן שטומען „ע״, וואָס איז טאַקע אין דער ליטווי־

שער אויסשפּראַך אַ באַלאַסט, אָבער נישט אין דער פּוילישער און וואָליני־שער אויסשפּראַך:

— און אַז אַ 32סטל פון אַ שפּראַך גייט פאַרלוירן איז עס נישט קיין שאָד?

די מערהייט האָט באַשלאָסן ווי זי האָט באַשלאָסן, און די אָרטאָגראַ־פישע כללים זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין יידישן שולוועזן, אין דער ליטעראַטור און טיילווייז אין דער פּרעסע. ווייסנבערג האָט זיך נישט אונ־טערגעגעבן. ער האָט אונטערגענומען די מלחמה און זי געפירט פּראַקטיש אויף די שפּאַלטן פון זיינע ביכער און „זאַמלביכער", געשריבן אַזוי ווי מען רעדט אין... זשעלעכאָוו, אַן אָרטאָגראַפיע געשטיצט אויסשליסלעך אויף דער פאָנעטיק פון פּוילישן יידיש מיט אַלע אירע לאָקאַליזמען און עס דערפירט ביזן אַבסורד. מען האָט עס גערופן: „זשעלעכאָווער אָרטאָ־גראַפיע".

און פון דעסטוועגן וועט עס גאָר נישט זיין קיין חידוש, אַז זאַכקענער און מאָדיפיקאַטאָרן פון יידישן אויסלייג, וועלן ערנסט שטודירן די עקס־טראַוואַגאַנטע פּרטים פון ווייסנבערגס „זשעלעכאָווער" אָרטאָגראַפישע מוסטערן. זיי וועלן דאָרטן געפינען אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל, וואָס ווייסנ־בערג האָט אומבאַוווסטזיניק, מיטן בלויזן אינסטינקט, צוגעטראָגן ווי אַ פּאָזיטיוון צושטייער פאַרן יידישן אויסלייג.

— ער שלאָגט זיך ווי אַ שור־הבר — האָט אַמאָל נאָמבערג געזאָגט וועגן ווייסנבערגן — אָבער ער איז כמעט תמיד גערעכט.

**
*

אין די ליטעראַרישע קרייזן זענען וועגן ווייסנבערגן אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע וויצן און הלצות. אין דער ליטעראַרישער קיבעצאַרניע האָט מען קיינעם נישט געשוינט. נישט מער: פּונקט ווי מען האָט וועגן נאָמ־בערגן נישט געקענט נאָכדערציילן קיין טיפּשות, אַזוי האָט מען וועגן ווייסנבערגן נישט געקענט נאָכדערציילן קיין לומדות. שווער צו וויסן צי די מעשה איז אמת, כאַראַקטעריסטיש — יעדנפאַלס: דערשינען אין וואַר־שע שפּינאָזעס עטיק אין יידיש. נעמט ווייסנבערג דאָס בוך אין דער האַנט

אַריין, עפּנט עס, לויפט מיט די אויגן פון איין שורה צו דער צווייטער, פון איין אָפּזאַץ צום אַנדערן און פּלוצלינג נעמט ער גיך בלעטערן, ביז ער איז דערגאַנגען צום לעצטן בלאַט.

— און ווער וועט עס מיר איינרעדן אַז דאָס איז אַ גוט ביעך, אַז דער שפּינאָזאַ טויג צו עפּעס? אַז יעך פאַרשטיי דאָך נישט קיין איין וואָרט, טאָ צי וואָס טויג מיר אַזאַ שראַבעכץ?

אַנטקעגן וואָס איז דאָס דערמאָנט געוואָרן? אַנטקעגן זיינע אייגענע „פילאָזאָפישע" מאמרים אין די „זאַמלביכער". ער האָט דאָרטן אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אויף... „פילאָזאָפישע טעמעס", גענומען זיך צו א י ם אַליין, צום רבונו של עולם, און צו זיינע אַלע וועלטן און ער, כביכול, האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס ווייסנבערג אַליין וויל פון אים, פּונקט ווי ווייסנבערג גופא האָט מסתמא נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז ער האָט זיך גענומען צו זאַכן וואָס געהערן נישט צו זיין פאַך...

ווייסנבערג האָט „אַנטדעקט" אַמעריקעס, וואָס זענען שוין לאַנג אַנט־דעקט געווען, נאָר ער האָט וועגן זיי נישט געוווּסט. דאָס געהער צו די קוריאָזן פון דער פּרימיטיווער אינטעלעקטועלער־אומגעשליפענער גע־שטאַלט ווייסנבערג. דאָס קען אָבער אויך דינען פאַר אַ באַווייז פון גייסטי־קער אינטענסיווקייט און אומרואיקייט, וואָס האָט קיין אָפּגאַנג נישט גע־האַט. און מען קאָן אָננעמען: ווען ווייסנבערג וואָלט ביי זיינע איינגעבוי־רענע שאַפונגס־כוחות, ביי זיין גרויסן טאַלאַנט, געווען אויך איינער פון די לייט „וואָס קענען גוט אין די ביכלעך", וואָלט די יידישע ליטעראַטור גע־האַט אפשר פאַר זיך אַ ריז און דאָס — נישט בלויז אין דער נישט־אויס־געלאַדעוועטער פאַטענץ...

***

געשטאָרבן איז ווייסנבערג יונג אין יאָרן אָבער אַלט אין צרית. אין נויט געלעבט און אין נויט געשטאָרבן. אויף זיין לוויה האָבן מענטשן פון דער סביבה זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין פאַר חרפה. געוועז עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס מען האָט אויסגעמיטן צו רעדן, וואָס מען האָט ווי אַ בייזן שאָטן געטריבן פון זיך כדי וועגן דעם

נישט צו טראַכטן, עס איז געווען דאָס פּײַנלעכע באַוווסטזײַן, אַז מען האָט אים געלאָזט אויסגײן אין נויט. און וועמען?

— ווײַסנבערגן!

ס׳האָט אים איבערגעלעבט זײַן 90־יאָריקע מאַמע, וואָס האָט געוווּסט, אַז איטשע־מאיר איז געווען אַ „קאָפּ־מענטש״, „אַ רעכנמײַסטער, אַ שרײַבער״. וואָסער ס׳גאַל שרײַבער ער איז געווען, דאָס האָט זי שוין נישט געוווּסט, געמיינט מסתמא, אַ שרײַבער אין אַ וואַלד. וואָרום וואָס האָט נאָך געקענט זײַן ביי איר גרעסער פון אַ שרײַבער אין אַ וואַלד?...

אַ גוטער זון געווען, דער איטשע־מאיר, פלעגט אַמאָל קומען צו דער מאַמען קײן זשעלעכאָוו, פון צײַט צו צײַט איר שיקן אַ פּאָר גילדן אויך. זי האָט גערעדט וועגן דעם מיט יחיאל לערערן, אַ באַגאַבטער יונגער דיכטער פון זשעלעכאָוו און ווײַסנבערגס אַ תּלמיד. לערער פלעגט יום־טוב־צײַט פאַרברענגען ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים, אין זשעלעכאָוו, האָט ער אויך אָפּגעגעבן כבוד ווײַסנבערגס מאַמע, זי באַזוכט, געבראַנגט עפּעס.

נאָך ווײַסנבערגס טויט האָט זיך דער איינציקער מקור חיונה פאַר איר אָפּגעשטעלט. כאָטש זי דאַרף נישט קײן סך, אַביסל שיטערע היידלעך, וואָרום קײן האַרטע זאַכן קען זי שוין נישט קײַען...

אין 1939 האָט די ײדישע סעקציע פון וואַרשעווער זשורנאַליסטן־סינדיקאַט פאַרזיכערט ווײַסנבערגס מאַמע מיט אַ לעבנסלענגלעכער חודש־פּענסיע פון 30 גילדן. אַ קליינע גענוג־טואונג פאַרן זכרון פון אַ פאַרשטאָרבענעם גרויסן ײדישן שרײַבער און אַן אחווה פאַר דער מאַמען פון אַ ײדישן שרײַבער.

לאַנג איז נישט אויסגעקומען צו טראָגן דעם דאָזיקן „עול״. אין דעם זעלבן יאָר איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט היטלער־דײַטשלאַנד.

נישטאָ די וואַרשעווער ײדישע שרײַבער־משפּחה, נישטאָ זשעלעכאָוו מיט איטשע־מאיר ווײַסנבערגס מאַמען.

נישטאָ — ווי קײנמאָל נישט געווען.

שאַנכײַ, זומער 1942.

הלל צייטלין



ר׳ הלל צייטלין אין זײַנע יונגע יאָרן

ס׳איז שוין געווען נאָך מנחה און פאַר קבלת־שבת: די צווישנצייט, ווען מען האָט אין „שטיבל״, ווי תמיד, זיך דערלויבט אויף אַביסל געמיט־לעכן שיחת חולין, דערציילט און געהערט דערציילן כלערליי וועלט־זאַכן, וואָס שטייען אין די בלעטער, וואָס עס טוט זיך אין עולם הפאָליטיקע און ווי עס האַלט מיט מלחמה. דער מאָסגעבנדיקסטער קוואַל אויף וועלכן מען האָט זיך פאַררופן אין די דאָזיקע זאַכן איז געווען „איטשעלע״ (יאושזאָן), פון זיינע פאָליטישע בריוו אין „מאָמענט״. פון די דאָזיקע בריוו האָט מען געלערנט, וואָס דער ענגלענדער האָט בדעה צו טאָן, וואָס דער דייטש און קירה וועלן טאָן, מיט וועמען פאָניע האַלט און אויף וועלכער זייט עס שטייט דער טערק.

געוויינלעך פלעגט מען זיך אַזוי פאַרקאָכן אין די זאַכן, אַז מען פלעגט פאַרקריכן צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה און אַפילו צו דער רוסיש־טערקישער (פּלעוונע) וכדומה. דאָסמאָל אָבער האָט מען וועגן די אַלע זאַכן נישט גערעדט, אַזוי ווי די גאַנצע דרויסנ־דיקע גוישע וועלט וואָלט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאָסמאָל האָט מען הייס גערעדט, היציק גערעדט וועגן אַ „יידישער וועלט־מלחמה״, וואָס איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן און צעטיילט די הונדערטער יידישע ישובים אין רוסישן פוילן און אַפילו ווייט אַריבער די גרענעצן פון רוסישן פוילן — ליטע, וואָלין און פּאָדאָליע, רייסן אויף צפון און אוקראַינע אויף דרום.

אַן אייגנאַרטיקע מלחמה איז דאָס געווען. נישט קיין מלחמה מיט ביקסן און שווערדן. דאָס איינציקע געווער איז דאָ געווען דאָס געדרוקטע און גערעדטע וואָרט. די יידישע בלעטער האָבן געשריבן און פאָלק האָט קאָמענטירט און אונטערגעהאַלטן — יעדער אַן אַנדערן צד. די מלחמה האָט געפירט דער „היינט״ מיטן „מאָמענט״ און אין צענטער איז גע־שטאַנען איין־איינציקער נאָמען — הלל צייטלין.

דער דאָזיקער נאָמען איז יענעם פרייטיק־צונאַכט אין „שטיבל״ גע־פלויגן פון מויל צו מויל, ווי קוילן בעת אַ קעגנזייטיקער שיסעריי. די פּנימער — צעפלאַמט, די אויגן — צעהיצט. עלנבויגנס האָבן געשטופּט

און געשטויסן, הענט זענען געפלויגן אין דער לופטן, קולות האָבן איבער־געשריגן, אַריבערגעשריגן און פאַרשריגן. ווער ווייס? עס וואָלט אפשר דערגאַנגען צו פעטש אויך ווען נישט אַ פּלוצימדיקער קלאַפּ אין עמוד און אַן אויסגעשריי:

— לכו נרננה לה׳.

דאָ איז שטיל געוואָרן. די „קריגס־אַקציע" האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס „שטיבל" האָט זיך גענומען צו קבלת־שבת.

⁂

דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג. 1911. אַליין האָט מען נאָך גע־טראָגן „האַלבע הויזן" מיט צוגענייטע שעלקעס. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך דאַן געהערט דעם נאָמען הלל צייטלין, וואָס האָט זיך דע־מאָלט עפּעס מאָדנע פאַרבונדן מיט אַן אַנדער הלל, וועלכער איז שוין יאָ געווען אַביסל באַקאַנט און אויך מיט „מחלוקה" — בית־הלל און בית־שמאי.

געווען שוין דעמאָלט נאָך צייטלינס בריוולעך צו דער יוגנט וועגן וועלכע אַ צען־יעריק חדר־ייִנגל האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט וויסן און עס איז טאַקע דעמאָלט אויך געווען נאָך אַביסל שווערלעך צו באַנעמען דעם תוך און די סיבה פון דער „מלחמה" אין וועלכער ייִדן זענען פּלוצ־לינג אַריינגעצויגן געוואָרן. עפּעס האָט מען אַ סך גערעדט וועגן פּינסקער וואָקזאַל און אַ האַרט איי, וואָס האָט זיך ווידער אַסאָציאירט מיט דער מעשה קמצא בר קמצא, אָדער די מעשה מיט אַן אַקס פון אַ וואָגן צוליב וועלכער אַ גאַנצע שטאָט, די שטאָט ביתר, איז חרוב געוואָרן.

כ׳האָט זיך דעמאָלט געטאָן אויף טיש און אויף בענק. ס׳האָט דע־מאָלט אויסגעזען, אַז דאָ קאָן עס נאָך דערגיין חלילה דערצו, אַז עס זאָל חרוב ווערן נישט איין שטאָט, נאָר די גאַנצע וועלט.

גרויסע שפּייען און קליינע קייען. ס׳איז געווען אַזאַ כאַפּעניש אויפן „הײַנט" מיטן „מאָמענט", מען האָט אַזוי הייס „געדאַוונט" אין די בלע־טער, אַז אויך יונגוואַרג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם עסק, מען האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער „מלחמה". דער עיקר איז טאַקע געווען דער „מאָמענט", וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דער שטאַרקערער

צד. נישט די אַרטיקלען, די „שווערע אַרטילעריע", נאָר די „ביקסן־קאַנאָנאַדע"; גאַנצע עמודים מיט נעמען פון עמך, מיט הונדערטער נעמען פון שטעט און שטעטלעך. און פון אומעטום און פון יעדן איינעם האָט עס געשאָסן מיט איין וואָרט: פּראָטעסט. „איך פּראָטעסטיר, מיר פּראָטעסטירן". דאָס האָט דעמאָלט זייער אימפּאָנירט. דער „מאָמענט" גייט מיט אַ גרויסער אַרמיי און שיסט אַזוי ווי עס געהער צו זיין.

דער צד שכנגד, דער „היינט" האָט אָפּערירט מיט אַ געניג שאַרף און אָנגרייפעריש געווער. איין וואָרט האָט זיך אויך דאָרט כסדר איבערגעחזרט: צבועק. הלל צייטלין — אַ צבועק, אַ היפּאָקריט. ער איז נישט דאָס, וואָס ער פּריידיקט. ער פּריידיקט פרומקייט, אָפּגעהיטנקייט און אַליין איז ער נישט פרום און גאָרנישט אָפּגעהיטן. והראיה — דער פּינסקער וואָקזאַל. דורכגעפאָרן די דאָזיקע שטאָט, האָט מען אים געכאַפּט ביים בופעט פון פּינסקער וואָקזאַל עסן אַן איי.

נישט אַלע האָבן געוווסט, אַז דער „היינט" האָט די מלחמה קעגן צייטלינען אָנגעהויבן נישט צוליב דער הגדה, נאָר צוליב די קניידלעך (צייטלין, וועלכער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „היינט" און, איז אַריבער אין „מאָמענט"). אויבנאויפיק, פאַר דער גאַס, פּונקט אַזוי ווי אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און אין אַלע אמתע מלחמות, איז דער שמד געווען איינגעוויקלט אין דער יראה. פאַר דער גאַס איז עס לויטער „קדושה", סאַמע בוימל. פּאַקטיש האָט דער „היינט" געזוכט צו קאָמפּראָמיטירן צייטלינען פּשוט צוליב קאָנקורענץ, ווייל ער איז אַריבער אין „מאָמענט".

דאָס פאָלק, עמך, האָט די טענות קעגן צייטלינען גענומען זייער ערנסט. מען האָט די מעשה מיטן איי אויפן פּינסקער וואָקזאַל קאָמענטירט, געטייטשט פון אַלע זייטן: לויטן דין און לויטן שטייגער. אַן האַרט איי, געקאָכט ביי אַ קריסט, מעג מען עסן — דאָס איי וואָס מען נעמט אַרויס פון דער שאָל איז נישט טריף. אַ מין בית־הלל־שטאַנדפּונקט. דער בית־שמאי־שטאַנדפּונקט נעמט דעם ענין שטרענגער. מען מעג טאַקע, אָבער פון אַ דערציערישן שטאַנדפּונקט טאָר מען נישט. אַ זייער פרומער, אַן אָפּגעהיטענער ייד וועט אַזאַ זאַך נישט טאָן — האָט מען געטענהט.

ווי די מעשה איז — דאָס פאָלק — האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון „בית־הלל", אויף דער זייט פון הלל צייטלינען.

די דאָזיקע מלחמה וואָלט אפשר אָנגעהאַלטן יאָרן ווען נישט — דער ביילים־פּראָצעס, וואָס איז אונטערגעקומען און דערנאָך — די וועלט־מלחמה 1914—1918. די מלחמה אַרום צייטלינס נאָמען האָט זיך אָפּ־געשטעלט, אָבער וועגן צייטלינען זענען אין פאָלק געבליבן מיינונגען — געטיילטע אויף אַ טוץ מינים.

***

אַמאָל, אַמאָל, אין קומענדיקע צייטן, אויב מען וועט קינדער אין די שולן דערציילן וועגן דעם פאַרביקן און לעגענדאַרן יידישן לעבן אין פוילן — וועגן די יידן־געשטאַלטן וואָס האָבן געווירקט אינעם דאָזיקן לעבן — וועט די געשטאַלט פון ר׳ הלל צייטלין אַרויסשיינען ווי איינע פון די מערקווירדיקסטע און אייגנאַרטיקסטע צווישן זיי. און אויב אַ סך פון די דאָזיקע געשטאַלטן וועלן שוין דעמאָלט אויסקומען אומוואַרשיינלעך, פאַנטאַסטיש־לעגענדאַר, וועט די צייטלין־געשטאַלט זיין פון די ערשטע צווישן זיי. זי איז עס שוין.

זיין אומקום פון אַ קדוש אין וואַרשעווער געטאָ איז נישט געווען קיין יוצא מן הכלל. אַ האַלבער מיליאָן יידן זענען דאָרט אומגעקומען אויף דעם זעלבן אופן ווי קדושים. און אויב אויסגעטיילט זיך פונעם כלל אינעם גאַנג, איז הלל צייטלין נישט געווען דער איינציקער. געווען נאָך. און דאָך — איז דער וועג פון הלל צייטלינען שוין היינט פאַרהילט אין אַן איידל געוועב פון לעגענדעס.

וואָס איז אַזוינס לעגענדע? איר מהות ליגט נישט אין דעם, וואָס צייט האָט פאַרווישט די שפּורן פון אויטענטישקייט פון אַן אויסערגעווייג־לעך געשעעניש און עס פאַרוואַנדלט אין לעגענדע. אויך נישט, דאַכט זיך, אין דעם וואָס פאַקט און פיקציע, ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, מישן זיך צונויף און ווערן איינס. דער מהות פון לעגענדע איז גיכער די סומע פון מאָראַלישער קראַפט, וואָס דרינגט אַרויס פון אַ געשעעניש און שטראַלט אויס פון אַ מענטשלעכער עקזיסטענץ און פון דעם מענטשנס האַנדלונ־גען. נאָר טאַקע דאָס אַליין איז בכוח צו באַווירקן דעם פאָלקס־זכרון אַזוי

שטאַרק, אַז מען זאָל געדענקען עפּעס דורך דורות, יאָרהונדערטער צי אַפילו יאָרטויזנטער אין דער פאָרם פון לעגענדע.

דער מהות פון לעגענדע איז נאָך עפּעס: די קיינמאָל נישט־געשטילטע באַגערן צו שלימות, וואָס וואָרצלען אין דער פאָלקס־נשמה און רייצן זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט. עס קאָנען זיין לעגענדעס, וואָס זאָלן לחלוטין נישט זיין באַזירט אויף קיין שום פאַקט, נאָר זיין בלויז אַ פּראָדוקט פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, פון גרויסע און דערהויבענע באַגערן צו עפּעס: ריטער־געשיכטעס און קריגער־לעגענדעס — וואָרשיינלעכע און אויסגעטרוימטע — ביי די אומות העולם און להבדיל די אליהו הנביא־לעגענדעס — ביי אונדז אַליין.

***

אַ מערקווירדיקע געשטאַלט איז דאָס געווען. אויפן פאָן פון דער אַזוי פאַרביקער יידישקייט אין פּוילן, האָט זיך די צייטלין־געשטאַלט בולט געצייכנט ווי אַ פאַרב פאַר זיך אַליין — סיי ריין־אויסערלעך און סיי אי־נערלעך־נשמהדיק, גייסטיק. אין דער קאַפּעליע פון דער אַזוי גייסטיק רייכער פּירערשאַפט פון פּוילישן יידנטום, איז הלל צייטלין פאַר זיך אַליין געווען אַן אייגנאַרטיקער טאָן, וואָס האָט זיך אויסגעשיידט און גע־לאָזט הערן, ווי אַן אייגנאַרטיקער גרונט־שטריך אין דער גאַנצער מוזיק.

הלל צייטלין האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך, זיין גאַנג צו גאָט, צו מענטש און צום ייד ווי צו דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. ער איז דערפאַר נישט איין מאָל אין זיין לעבן געשטאַנען אין סאַמע פייער פון אָנגריף.

די רעליגיעזע וועלט האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס. משכילים און פריידענקער האָבן אים פאַרגעוואָרפן צביעות, סאָציאַליסטן — רעאַק־ציאָנערישקייט, ציוניסטן — אַנטי־ציוניסטישקייט. ער, הלל צייטלין, איז געווען און פאַרבליבן דאָס וואָס ער איז געווען, וואָס ער האָט זיך אויס־געקליבן צו זיין און האָט אַנטשפּראָכן זיין געוויסן, איבערצייגונגען. אַז איר ווילט — גלויבן. אַז איר ווילט נאָך מער — זיין געמיט־צושטאַנד.

אַ סך פּוילע אייער זענען אין פאַרשידענע צייטן געפלויגן איבער זיין קאָפּ. מען האָט געשאָסן אויף אים פון לינקס, פון רעכטס און פון צענטער. אויב מען וועט אַמאָל צוזאַמענשטעלן אַן אַנטאָלאָגיע פון פּאַשקוויל און

פּאַמפלעט אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין פּוילן, וועט דער נאָמען הלל צייטלין פאַרנעמען דאָרט אפשר דאָס גרעסטע אָרט. לאַנגע יאָרן שוין פאַרבײַ, זינט יענער צייט, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן „היינט" און „מאָמענט" אַרום אַ מעשה מיט אַ האַרט איי, וואָס הלל צייטלין האָט יאָ אָדער נישט געגעסן אויפן פינסקער וואָקזאַל.

עס האָט זיך עפּעס אָפּגעטאָן דעמאָלט אַ וועלט. די שפּאַלטן פון די צייטונגען, גאַנצע זייטן, זענען זינט וואָכן, זינט חדשים, געווען פאַרפולט מיט אונטערשריפטן פון עמך פון הונדערטער יידישע שטעט, שטעטלעך און ישובים פון פּוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד, וואָלין, פּאָדאָליע, אוקראַינע. דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַמף פאַר און קעגן הלל צייטלינען. און וואָכן לאַנג איז די דאָזיקע קאַמפּאַניע באַגלייט געוואָרן מיט פּאָלעמישע אַרטיקלען און בריוו.

אַז איך האָב שפּעטער מיט יאָרן געזען אים אויף אַ פאָרלעזונג און זיך מיט אים פערזענלעך באַקענט, געהערט אים רעדן אויף דער דאָזיקער פאָרלעזונג, האָב איך געזוכט אויף אים, אין אים, די שפּורן פון דער דאָזיקער גרויסער מלחמה. נישט געווען צו געפינען. ער האָט גערעדט וועגן מהות פון יידישקייט — פילאָזאָפיש, לומדיש, נישט־אַרטיקולירט — אָט אַזוי ווי עס איז געווען זיין נוסח רעדן.

מאָלט אייך: אַ ייד מיט אַ רויטלעכער צעפּאַטלטער באָרד און אַ קאָפּ האָר, צעקעמטע פון ווינט, געטריבענע פון שטורעם — אויפגעשויבערט אַזוי ווי יעדע פון די האָר וואָלט זיך געריסן ערגעץ אַרויף, אַרויף. און פון אונטערן הויכן, לומדישן שטערן קוקן אַרויס קליינע, בלוילעכע אויגן פון אַ קינד, מילד און דערבײַ אומרואיק.

אָט אַזוי האָב איך הלל צייטלינען געזען דאָס ערשטע מאָל, מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, אין די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. הלל צייטלין איז געשטאַנען אויף דער טריבונע און געדאַוונט אַ פאָרלעזונג וועגן מהות פון יידישקייט, צי וועגן תכלית און זין פון מענטשלעכן לעבן.

די שפּראַך נישט קיין פּאָפּולערע, אַ רמזימדיקע און אַדורכגעוועבט מיט אַ היפּש ביסל אַדרעסן צו פאַרשידענע מקורים, רעליגיעזע, וועלטלעכע, יידישע און גויאישע, די אויסשפּראַך — אָן באַזונדערן אָראַטאָרישן

שליח, אומקלאָר און ווייניק באַטאָנט. עס איז געווען אייגנטלעך מער געזאָגט ווי גערעדט. דערביי זענען אין מיטן געווען אָפטע הפסקות פון מעדערע סעקונדן שווייגן, די אויגן — פאַרמאַכט, דאָס פנים געשפּאַנט, שטייט ער אויף דער טריבונע אַ רגע־צוויי צי מער און דערנאָך עפענען זיך די לעפצן און עס גיבן זיך אַ שיט אַרויס ווערטער, זאַצן, געדאַנקען איינס נאָכן אַנדערן, איינס איבערן אַנדערן און ווידער שטיל. עס האָט אים בלויז געפעלט אַ טלית, וואָס זאָל איינהילן דעם גוף, פאַרדעקן דעם קאָפּ.

אין זאַל — אַן עולם פון כל המינים: יונגעלייט אין לאַנגע קאַפּאָטעס, חסידישע און אויפגעקלערטע, באַלעבאַטישע יידן מיט בערד, און אַפּיקורסישע סאָציאַליסטישע יוגנט — אַ פאַרשידנאַרטיקער געמיש פון מענטשן, וואָס זענען פאַרשידן אין זייער באַציאונג צום רעדנער. בעת איין טייל איז געקומען הערן עפּעס נייעס און זיך לערנען, איז געקומען אַ צווייטער כדי צו שפּאָטן און באַקעמפן. סתם־יידן זענען געקומען נאָכקאָנטראָלירן, מיט זייערע אייגענע אויגן זען, צי עס איז אמת וואָס מען זאָגט וועגן הלל צייטלינען: שטייט אַ מענטש אין בלויזן קאָפּ און רעדט וועגן הימל־זאַכן. איז מה בכך? משה רבינו איז אויך געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ בעת ער האָט געטראָגן די לוחות אַראָפּ פון באַרג סיני...

ער האָט געהאַט קעגנער, אָבער נישט קיין שונאים, ער האָט נישט געדאַוונט, אָבער גערעדט האָט ער אַלע טאָג מיט גאָט פּערזענלעך, כאָטש ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען, נישט געוווּסט ווו ער איז, נאָר בלויז געפילט אים— אַז ער איז און עס איז מלא כל הארץ כבודו.

כאָטש ער האָט קיין קוויטלעך נישט אָנגענומען, האָט ער געהאַט חסידים, כאָטש ער האָט קיין טיש נישט געפירט, האָבן אַ סך מענטשן זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ רבין. אַ שרייבער געווען ביי יידן. עס הייסט — אַ פּובליציסט, וואָס רעאַגירט, בעמט שטעלונג צו געשעעענישן פון טאָג. נישט געשטאַנען אין דינסט כמעט פון קיין שום פּאַרטיי — כאָטש אויסגעווען אין זיין לעבן איז ער אין פיל פּאַרטייען. לסוף איז ער אַליין פאַר זיך געווען אַ פּאַרטיי, אַ וועלט־אַנשויאונג מיט אַן אייגענער שיטה.

אין היץ פון פּאָליטישע מחלוקת האָט מען פון פאַרשידענע זייטן געקאָנט פרווון פאַרשרייען אַזאַ נישט איינעם, וואָס האָט געוואָלט זיין אַליין. עס איז אָבער תמיד אין דעם צייטלין־טאָן געווען עפּעס אַזוינס,

וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרטויבן. אין סאַמע מיטן קאָך פון אַ וואַל־קאַמפּאַניע צום וואַרשעווער שטאָט־ראַט האָט הלל צייטלין זיך איינמאָל געקענט דערלויבן אַרויסצוטרעטן אויף די שפּאַלטן פון מזרחיסטיש־פּאָל־קיסטישן „מאָמענט" מיט אַן אַגיטאַציע־אַרטיקל פאַר די קאַנדידאַטן פון מאַרקסיסטיש־אפּיקורסישן און אַנטי־ציוניסטישן „בונד".

ציוניסטישע פּאָליטיקער האָבן דעמאָלט געקענט קריצן מיט ציינער. עטלעכע יאָר איז ער גאָר געווען אַ פּאָלקיסט. פון פרומקייט האָט ער תמיד געהאַלטן. די לעצטע יאָרן געווען אַלץ מער און מער ציוניסטיש. בכלל־גענומען איז הלל צייטלין אַלעמאָל און פון אַלע זייטן געווען אַ פאַרשריגענער, אָבער מען האָט אים תמיד געהערט. און אויב עס איז כמעט נישט געווען קיין פאַל מען זאָל אים פאָלגן, האָט מען זיך אָבער תמיד צו־געהערט צו אים.

***

1916 איז געווען פאַרן יידישן פוילן אַ יאָר פון אינטענסיוון קולטור־געזעלשאַפטלעכן אויפבוי. עס האָט אַ פלייץ געטאָן מיט ווילן צו טאָט, מיט ענערגיע, מיט מעשים. די פּראָווינצן, די קלענסטע יידישע ישובים האָבן זיך אָפּגערופן און געגעבן סימנים פון אויפגעלעבטער, אָרגאַניזיר־טער געזעלשאַפטלעכקייט. פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און אומפּאַרטייאישע קולטור־געזעלשאַפטן, ביבליאָטעקן, דראַמאַטישע קרייזלעך. און וואַרשע איז געווען דער צענטער פון וואַנעט דאָס געשריבענע און גערעדטע וואָרט איז געקומען, זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן לאַנד.

אַרויסגעוואַקסן פון די „האַלבע הויזן", איז מען אַריין ראשו ורובו אין דער וועלט פון אידייען, אידעאַלן, „יאָ"ס און „ניין"ס פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ווידעראַנאַנדן. די יוגנט האָט אַ סך געלייענט, געלייענט אַלץ וואָס האָט זיך אונטערגערוקט אונטער דער האַנט. אויגן האָבן בסדר געזוכט צו זען, אויערן — אויפגעשפּיצט צום הערן און אַ כסדרדיקער אומרו איז געווען אין האַרץ.

די יוגנט האָט שוין געהאַט דעמאָלט אירע פאַוואָריטן, אָפּגערעדט פון פּאַרטייאישע שרייבער און רעדנער. חוץ די ציוניסטישע און סאָציאַ־

ליסטישע שרייבער און רעדנער זענען נאָך געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט אידענטיפיצירט מיט קיין שום פּאַרטיי. אומפּאַרטייאישע האָבן זיי דאַן געהייסן, כאָטש אין די איבערצייגונגען זייערע, אין די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, האָט מען זייער לייכט געקענט געפינען קרובהשאַפט מיט געוויסע פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס. אַזוי איז דאָס געווען מיט נח פּרילוצקין — דעם איניציאַטאָר פון דער קולטור־קאָנפערענץ אין 1916, אַזוי מיט באָמבערגן, סטופּניצקין, אַזוי מיט צייטלינען. זיי אַלע זענען אין דאָזיקן יאָר געווען די זיילן, די הויפּט־וואָרטזאָגער, פון דער קאָנפערענץ. זי, די דאָזיקע קאָנפערענץ, איז טאַקע געוואָרן דער אָנהייב פון אַ נייער פּאַרטיי אין יידישן לעבן — די פּאַרטיי פון יידישן קליינבירגערטום, די פאָלקס־פּאַרטיי.

צו נח פּרילוצקין האָט זיך דער פּאַרטייאישער חותם צוגעקלעפּט אויף תמיד. צו די אַנדערע — ווייניקער. צו הלל צייטלינען — גאָרנישט. ער איז געבליבן דער אומפּאַרטייאישער, בעסער — אויסערפּאַרטייאישער. ער האָט זיך אָרגאַניזאַציאָנעל לאַנג נישט געהאַלטן אין דער פאָלקס־פּאַרטיי, כאָטש זי איז אים געווען די נאָענטסטע צום האַרץ און צום קאָפּ. אין אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַ צווייטער אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט אין אים געלעבט „פאַרבאָרגן" זינט זיין יונגסטן גײַזעלשאַפטלעכן אָנהייב ביז די לעצטע שעהן פון זיין לעבן — טעריטאָריאַליזם. נאָר פאַר אַן אויסערפּאַרטייאישן מענטש איז עס מעגלעך, אַז אַזעלכע צוויי אידעאָלאָגיעס זאָלן לעבן בשלום אין איין קאָפּ און זאָלן זיך נישט קריגן צווישן זיך.

אָבער הלל צייטלין איז ביים פּובליקום קיין פּאָוואָריט נישט געווען. ערשטנס האָט ער נישט געטראָגן מיט זיך דעם פּאַרטייאישן סימן און צווייטנס האָט ער אויך נישט געהערט צו די גאָט־געבענטשטע אָראַטאָרן. אויף דער טריבונע האָט מען אים מער געזען ווי געהערט. די געשטאַלט האָט געמאַכט אַן איינדרוק: די באָרד — אַ געמיש פון ברוין מיט שוואַרץ און ווייס פאַרענדיקט מיט צוויי שפּיצן — איינער לענגער און דער צווייטער קירצער. די וואָנסעס האָבן פאַרדעקט דאָס מויל, אַזוי אַז מען האָט כמעט קיין מויל נישט געזען. אויגן — קליין, גרוי און פאַרמרוזשעטע ווי ביי אַ הון. נישט קיין פאַרחלומטע אויגן, נישט קיין פאַרטראַכטע אַפילו, נאָר תמיד זוכנדיקע — אויכעט ווי ביי אַ הון ווען זי נישטערט אויף די

היפּן. ביים רעדן, ביים אויסוויקלען אַ געדאַנק, האָט ער תמיד געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט. פלעגט זיי מיטאַמאָל עפענען געווענדט ערגעץ ווו אי־בער די קעפּ פון דער אוידיטאָריע אַזוי ווי ער וואָלט מיט די אָפענע אויגן און נישט מיטן מויל — כאַפּן אָטעם. די אַרויסגעזאָגטע ווערטער — שוואַך־אַרטיקולירטע — פלעגן זיך פלאָנטערן און פאַרפאַלן ווערן אין דער באָרד־און־וואָנסעס. מען האָט געדאַרפט זיצן נאָענט, אָנשטרענגען זיך שטאַרק, כדי אַרויסצוכאַפּן די ווערטער פון דער האָר־נעץ אויפן פּנים, צו דערהערן אַלץ וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן.

אָבער אויך דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז פאַר אַ צוהערער, פאַר אַ אינטעליגענטן צוהערער, געווען אַ זאַך פון אינטענסיווער גייסטיקער אַר־בעט צום באַנעמען: ציטאַטן פון די מאמרי חז״ל, פון דענקער און פילאָ־זאָפן פון די עלטסטע צייטן ביז אונדזער צייט.

די אוידיטאָריע, דער ניווא פון די צוהערער איז אים קנאַפּ אָנגעגאַנ־גען. ווען ער איז געשטאַנען אויף דער טריבונע האָט ער אייגנטלעך נישט געזעדט, נאָר הויך געטראַכט. געבליבן, הייסט עס, אין זיין פאַרשלאָסענער וועלט, ביי זיך אין אַרבעטס־צימער — נישט ערגעץ אויף אַ טריבונע אין פראָנט פון הונדערטער צוהערער...

אַזוי האָט ער מסתמא אויסגעזען מיט יאָרן שפּעטער, אין וואַרשע־ווער געטאָ, ווען — ווי מען דערציילט — דייטשע ס. ס.־לייט זענען גע־קומען צו אים און דערביי פאַרפירט מיט אים אַ וויכוח.

וועגן וואָס האָט מען געקענט „דעבאַטירן" — ס. ס.־לייט פון איין זייט און ר' הלל צייטלין, אַ צעבראָכענער און קראַנקער, פון דער צווייּ־טער זייט. וועגן יודאַאיזם, מענטשלעכקייט, וועגן עטיק? עס איז געווען — אויב אַזאַ דיספּוט איז בכלל געווען — ענלעך צו דעם מין אויפגע־צוווּנגענע וויכוחים, וואָס זענען אַמאָל אין פינצטערן מיטלאַלטער פאַר־געקומען צווישן רבנים און גלחים. הלל צייטלין האָט זיך מסתמא נישט געפילט פאַרלוירן אין דער אָנוועזנהייט פון אַזוינע „הויכע געסט" און ער האָט פאַר זיי מסתמא אַנטוויקלט זיין שיטה וועגן גוטס און שלעכטס ביי יידן און ביי אַנדערע פעלקער.

פאַראַן עטלעכע ווערסיעס וועגן טויט פון ר' הלל צייטלין אין וואַר־

שעווער געטאָ. געוועז אויפן „אומשלאג־פּלאַץ" און צוריק באַפרייט געוואָרן. לסוף זאָל מען אים האָבן געכאַפּט אַ צווייט מאָל און געשיקט קיין טרעבלינקע. ער זאָל האָבן — פאַרן אַרויסגיין פון שטוב, דערציילט מען — אָנגעטאָן אויף זיך אַ טלית מיט אַ קיטל. אַזוי זאָל ער האָבן זיך געלאָזן אינעם לעצטן וועג — דער פּיין־וועג קיין טרעבלינקע. אַזוי — הייסט עס — איז ער אומגעקומען.

ב. מיכאַלעװיטש



ב. מיכאַלעוויטש

איך האָב אים אַ סך מאָל געזען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ד ע ר ז ע ן האָב איך אים שבועות 1919 אין וואַרשע.

אין יענעם זוניקן זומער־טאָג, וואָס האָט אַזוי האָפנונגספול און פריי־דיק אַריינגעשיינט אין די פענצטער פון הויז אויף קאַרמעליצקע 29, ווו עטלעכע צענדליק 18־20־יעריקע יונגעלייט זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון גאַנצן לאַנד, כדי צו לייגן די פונדאַמענטן פון אַ בונדישער יוגנט־באַווע־גונג אין פוילן — דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציעס „צוקונפט" אין פוילן.

אַ סך וואָסערן זענען אָפּגעלאָפן זינט יענעם זומערדיקן טאָג און נישט ווייניקער — בלוט. נאָך איז געבליבן פריש אין זכרון דאָס צעשטראַלטע פנים, די היץ פון זיינע ווערטער אויף דער טריבונע, בעת ער האָט אין נאָמען פון צ. ק. פון „בונד" באַגריסט און מיט די הענט — ווי אַ כוהן געווענדט צו דער עדה ביים דוכענען — געגעבן זיין ברכה די עטלעכע צענדליק פאַרזאַמלטע ענטוזיאַסטן, די ברכה פון די בערג־שטייגער: מיט גליק אַרויף. ס'איז גרין, נאָך נישט פאַרוויאַנעט דער איינדרוק, ווי דאָס וואָלט היינט אָדער נעכטן געווען.

***

אַן אומגעהויערן סוגעסטיוון כוח האָט דער דאָזיקער מענטש געהאַט אין זיך — אַווירקונגס־קראַפט, וואָס איז ווייט אַריבערגעשטיגן די גרע־נעצן פון זיין באַגאַבטקייט ווי אַ רעדנער און שרייבער.

מייסטערס פון גערעדטן און געשריבענעם וואָרט זענען געווען בע־סערע פון אים אַפילו אין זיין צייט. ער איז גאָרנישט געווען אַזוי איבער־קלייבעריש, נישט אַזוי מדקדק געווען אויף דער פאָרעם, נישט אַזוי גע־שליפן דאָס געזאָגטע אָדער געשריבענע וואָרט. און דאָך איז ער געווען דער ליבלינג נישט בלויז פונעם פשוטן מאַסן־מענטש וועמעס טריבון ער איז געווען, נאָר אויך פון מפונקישן אינטעליגענט. עס האָט געווירקט דער כוח פון דער לויטערסטער פערזענלעכקייט. פאַרן מאַסן־מענטש איז ער געווען היימיש און אייגן, ווי דאָס אייגענע לייב און לעבן. דער מאַסן־

מענטש האָט אים פאַרשפאָרט צו גלויבן אויפן וואָרט. ער האָט אים גע־פילט. דער אינטעליגענט האָט אין אים געזען דאָס מאַסן־געוויסן, דאָס אורשפּרינגלעכע יושר־געפיל, וואָס קאָן זיין אַזוי אַבסאָלוט און עכט נאָר דעמאָלט ווען מען ווערט דערמיט געבוירן.

דער אופן פון ביינישעס רעדן פון דער טריבונע איז געווען באַזונ־דערס כאַראַקטעריסטיש. ער האָט קיינמאָל נישט געהערשט איבער זיך, נישט געהערשט איבער די באַוועגונגען און נישט איבער די שפּראַך־מיט־לען. ער איז תמיד געווען צענומען, צעשפּאַנט און גליאיק — אַ באַוועג־לעכער פלאַם. אַן אומרואיקער, מיט צעפּירטע הענט האָט ער געשפּאַנט פון איין עק טריבונע צו דער צווייטער ווי דער שטח אַרום אים וואָלט גע־ווען צו קליין, ענג. דער קליינער קערפּער, די הענט — און סאַראַ ווונדער־באַרע אויסגעאיידלטע הענט ער האָט געהאַט — האָבן זיך געריסן אַרויף, אַרויס — אַוועק ערגעץ ווייט און ערגעץ הויך. און פון מויל האָבן זיך גע־ריסן געדאַנקען ווי פייגל פון אַ שטייג. ווערטער אָנגעגליטע, ווערטער צע־היצטע, ווערטער ווי צעפּלאַמטע שטיקער פייער און איין וואָרט האָט גע־יאָגט דאָס אַנדערע, איין געדאַנק דעם צווייטן, איין בילד דאָס אַנדערע ווי אַ פייערדיקער קוואַל וואָלט אויפגעריסן, פאַרפלייצט די אוידיטאָריע, פאַר־כלינעט אַלע און אויך אים אַליין.

אַזוי איז געווען זיין שטייגער רעדן. תמיד אַזוי. אַראָפּגיין פון דער טריבונע פלעגט ער פּיטש־נאַס, דורכגעווייקט אין שווייס, טויט־בלאַס, אויסגעשעפּט. אָבער אויפן מידן פּנים האָט תמיד געשפּילט אַ מילדער שמייכל. די אויגן פאַרלאָפן אין געזעטיקטער הנאה, צופרידן, באַפרידיקט. פּנים אל פּנים מיט די מאַסן, האָט ער זיך באַהאָפטן מיט זיי, איבערגע־ענטפערט צו זיי פיזיש און גייסטיק, צונויפגעגאָסן אין איינס און אַזוי אַרום אויסגעלעבט און איבערגעלעבט אפשר דעם העכסטן תענוג עולם־הזה, די שטאַרקסטע פרייד.

**
*

אַ קינד פון די מאַסן. אַ זון פון אַ יידישן באַן־מאַשיניסט אויפן בריס־קער דעפּאָ אין צאַרישן רוסלאַנד — אויסגעוואַקסן אין דער סביבה פון ערב־בונדישן בריסקער סאָציאַליסטישן קרייזל, וואָס האָט געטראָגן דעם

כאַראַקטעריסטישן נאָמען „צער בעלי חיים“. אין דער שטאָט פון ליטװי־שער אָרעמקייט און לומדות, האָט ער אין זיין בלוט איינגעזאַפּט די זאַפטן פון עכטער פאָלקסטימלעכער פשטות און ליבשאַפט צום מענטש. דער גלויבן אינעם מענטש, די ליבשאַפט צו אים איז דאָך סוף־כל־סוף דער יסוד פון יעדער סאָציאַליסטישער װעלטאַנשויאונג, דער קװאַל פון יעדער רע־װאָלוציאָנערער לײַדנשאַפט. און בײניש איז געװען פאַנאַטיש איינגע־גלויבט אינעם מענטש. ער האָט ליב געהאַט, דעם מענטש, און געזען אין אים דעם תכלית און זין פון אייגענעם לעבן. דעריבער אויך האָט ער אַזוי פּערזענלעך איבערגעלעבט יעדע מענטשלעכע לייד און פרייד.

⁂

מיכאַלעװיטש איז געװען אַ פּראָפּעסיאָנעלער רעװאָלוציאָנער. ער איז דערמיט געבוירן געװאָרן. דאָס איז געלעגן אין זיין נאַטור. רעװאָלוציאָ־נערישקייט איז געװען זיין לעבנס־לײַדנשאַפט, זיין עולם־הזה. פרעמד איז פאַר אים געװען דאָס געפיל פון נזירות, פון פרייװיליקער רעזיגנאַציע. אדרבה — ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, טאַקע דאָס ערדישע, דאָס מענטשלעכע לעבן און דורשטיק זיך געריסן דערצו װי אַ דורשטיקער רייסט זיך אין מדבר צו אַ קװאַל. ער האָט ליב געהאַט די שיינקייט פון לעבן און דעריבער האָט ער אַזוי אויפריכטיק געהאַסט דאָס מיאוסע אין לעבן. און װאָס איז נאָך אַזוי מיאוס און העסלעך װי די סיסטעם װאָס טיילט דעם מענטשלעכן מין אויף אויסנוצער און אויסגענוצטע, די סיס־טעם װאָס נעמט צו ביי מענטשן די עלעמענטאַרע מעגלעכקייט צו געניסן פון דער פרייד און שיינקייט, װאָס דאָס לעבן קאָן געבן. טאַקע קעגן אָט־דעם פאַרזעעניש האָט זיך בײניש געבונטעװעט דאָס גאַנצע לעבן און גע־צאָלט דערפאַר אַ גענוג גרויסן פרייז: צען יאָר מיט אַכט חדשים תפיסה און פאַרשיקונג.

אָבער בײניש האָט דאָס נישט געהאַלטן פאַר קיין העלדישקייט און זיך אַליין נישט באַטראַכט דערפאַר פאַר קיין מאַרטירער לטובת דעם כלל. און האָט מען אים געפּרוּװט אַנטקעגנטראָגן דעם דאָזיקן חשבון און גע־װאָלט די דאָזיקע צען יאָר מיט אַכט חדשים אויסמעקן פון זיין פּערזענ־לעך לעבן, האָט ער זיך נישט געלאָזט. ער האָט דערװידערט:

— וואָס מאַכט מען אָוועק זיינע צען יאָר מיט אַכט חדשים תפיסה, און פאַרשיקונג? ווער זאָגט דאָס, אַז דאַרטן האָב איך נישט געלעבט?

ער האָט זיך געוועהרט קעגן דעם דאָזיקן חשבון. נישט געלאָזט צע־טרייבערן דאָס מאָגערע בינטל אָפּגעלעבטע יאָרן. ווי הייסט: ער האָט נישט געלעבט? שטאַרק געלעבט, ליידנשאַפטלעך געלעבט, געלעבט מיט אַלע זיינע מענטשלעכע חושים. געבענקט, געהאָפט, געגלויבט און גע־קעמפט. וואָס דען הייסט לעבן? אמת, ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט גיין זיצן — ווער וויל עס יאָ? תמיד זיך אויסגעהיט כדי נישט אַריינצו־פאַלן און איז ער אַריינגעפאַלן, האָט ער זיך באַמיט אַרויסצוקריגן אויף דער פריי. ביי דער ערשטער געלעגנהייט געלאָפן. אָבער ווער וועט עס וואַגן צו זאָגן, אַז אין תפיסה און פאַרשיקונג האָט ער, בייניש, נישט גע־לעבט? און ווען ער זאָל נאָכאַמאָל געבוירן ווערן און דאַרפן דורכמאַכן דאָס זעלבע לעבן זיינס אויף דאָס ניי — איז ער גרייט דערויף. אָן שום ישוב.

**\
*

אויף דער פּאָליצע פון דער יידישער ליטעראַטור שטייען עטלעכע בענדער „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט". פאַר דער מעמואַרן־ליטע־ראַטור — אַ בכבודיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ שלל מיט ווערטפולן מאַטעריאַל געשריבן איינ־פאַך, מיט אַ לייכטן הומאָר, מיט געמיט פון אַ מענטש, וואָס איז הימל־ווייט פון באַרימעריי. צענדליקער און צענדליקער היסטאָרישע פאַקטן, וואָס זענען ענג פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן וואָס דערציילט זיי, אָבער דער בעל־דבר אַליין, דער העלד פון די דאָזיקע פאַקטן, ווערט געהאַלטן ווי ווייט מעגלעך אין שאָטן. דער עצם־פאַקט איז וויכטיק, מיט וועמען דאָס איז געשען איז ווייניקער, אָדער אינגאַנצן נישט וויכטיק. די זכרונות הייבן זיך אָן פון 18טן לעבנסיאָר, פון דעם יאָר ווען ער, מיכאַלעוויטש, איז געוואָרן געזעלשאַפטלעך טעטיק. אַלץ וואָס איז געשען מיט אים דעמאָלט, זיין קינדהייט, די ערשטע יוגנט־יאָרן האָט אין די זכרונות קיין אָרט נישט. דאָס זענען זיינע פּערזענלעכע „פּריוואַטע" 18 יאָר. וועמען קאָנען זיי אָנ־גיין? וועמען דאַרפן זיי אָנגיין אַחוץ אים, מיכאַלעוויטשן, אַליין?

מענטשן זענען „אומברחמנותדיק". וואָלט מען אים נישט געפּייניקט,

װאָלט מען ביי אים נישט געמאָנט דעם דאָזיקן חוב, װאָלט ער די זכרונות זיינע אפשר אויך נישט אָנגעשריבן. ערשטנס װייל ער האָט נישט געמאַכט צופיל װעזן פון זיך און צװייטנס — און דאָס איז אפשר געװען דער עיקר: ער האָט פיינט געהאַט סך־הכלען און זכרונות זענען דאָך נישט עפּעס אַנדערש װי סך־הכלען פון אַן אָפּגעלעבט לעבן... דער לייכטער הומאָר מיט װעלכן די זכרונות זענען דורכגעװעבט דאַרף זיך אויך װאַרשיינלעך דערקלערן גיכער דערמיט װאָס ער האָט זיך אין דער פאָרעם געפּרוּװט „ראַטעװען" — נישט צו שרייבן געשיכטע, נאָר בלויז „עפּיזאָדן" פון זיין לעבן. טאַקע פון די דאָזיקע עפּיזאָדן איז שפּעטער געװאָרן זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט — זכרונות פון אַ מענטש, װאָס האָט געמאַכט געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַװעגונג.

**
*

פאַראַן מענטשן, װאָס אַז מען קומט מיט זיי אין באַרירונג, װירקן זיי אוממיטלבאַר אַזוי, אַז מען דערפילט זיך אַליין דערהויבענער און שטאָלצער. מען באַקומט אַליין אַ געשטייגערט געפיל פון אייגענעם װערט און חשיבות. קיין סך מענטשן פון דעם מין איז נישטאָ. װאָרום די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט באַשטימטע מעלות, מיט פעאיקייט, װאָס טיילן אויס אַ מענטש און גיבן אים זיין אָרט אין דער ריי פון אויסדערװיילטע. זייער אָפט געשעט עס, אַז מען באַגעגנט זיך פנים אל פנים מיט אַזאַ איינעם, בלייבט מען אַנטוישט און אָפּגעפּאַטשט.

בייניש האָט געהערט צום ערשטן טיפּ מענטש.

אַ סך צייט איז אָפּגעלאָפן זינט יענעם זומערדיקן טאָג אין װאַרשע, װען איך האָב ביינישן דערזען. און תמיד װען די דאָזיקע געשטאַלט לייכט אויף אין זכרון, װערט װאַרעם אין האַרץ, װערט אַזוי זיכער דאָס חשיבות־געפיל פון אייגענעם לייב און לעבן. אַ סך אַנטוישונגען איבערגעלעבט אין מענטשן, אָבער נישט אין מענטש, והראיה — בייניש מיכאַלעװיטש.

ער איז אַפילו פאַרבליבן אַן אָנשפּאַר אין ביטערע מאָמענטן פון ספיקות, װאָס צעשפּילן זיך אין קאָפּ װי שדים אין אַ חורבה — ספיקות װעגן מאָרגן און איבערמאָרגן פון מענטשלעכן מין.

עס איז בייניש מיכאַלעװיטש — דער מענטש.

הענריק ערליך



העגריק ערליך

זאָגן אויף ערליכן, אַז ער איז געווען אַ פירער — הייסט: איבערחזרן אַ באַנאַליטעט. וואָרום פירערשאַפט איז לחלוטין נישט די העכסטע און אַוודאי נישט — די אַבסאָלוטע באַצייכענונג פון דער אייגנטימלעכער ראָל פון איינעם וואָס שטייט, אָדער גייט בראש.

דער „בונד" האָט געהאַט אַ סך פירער, טאַלאַנטירטע, ווערטפולע. אָבער נישט פּאַר יעדן פון זיי וועט די באַצייכענונג „פירער" זיין דער העכסטער אויסדרוק פון מדרגה, און אַוודאי נישט — די איינציקע און אויסשליסלעכע באַצייכענונג, וואָס כאַראַקטעריזירט, טיילט אויס. וואָרום פירער איז בלויז די אַלגעמיינע באַצייכענונג, נישט אַזוי ווייט פון דער ראָל וואָס מען שפּילט, ווי פון דעם אָרט וואָס מען פאַרנעמט.

נח איז געווען דער באַלעבאָס, מעדעם — די לעגענדע, ביינישׁ — דאָס געוויסן.

ערליך איז געווען דער גלויבן.

נחן האָט מען געפאָלגט, מיט מעדעמען האָט מען זיך געצירט, ביי־נישן האָט מען געפילט און אין ערליכן האָט מען געגלויבט.

בלויז די אָנוועזנהייט זיינע האָט געווירקט, געגעבן רו, געגעבן גע־פיל פון זיכערקייט. שוין די געשטאַלט אַליין: די שלאַנקע פיגור, דער שטאָלצער גאַנג, דער מילדער און היפּש טרויעריקער בליק זיינער האָבן געווירקט. געווען אין אים דאָס, וואָס פרומע יידן באַצייכענען ווי די אויסערלעכע שלימות פון אַ צדיק:

אַ הדרת־פּנים, די שכינה רוט אויף אים.

דער שליח, די געטאָקטקייט פון זיין גערעדט און געשריבן וואָרט איז נישט געווען בלויז אַ פּועל־יוצא פון הויכער באַגאַבונג, געווען דערין בעיקר דער סימן און אויסדרוק פון אַ הויכער מאָראַלישער נאַטור.

עס איז געווען דער כוח פון אַ טיף־גלויביקער נאַטור. זיין גלויבן איז געווען דער מענטש און מענטש האָט אין אים געגלויבט.

מערקווירדיק, ביי זיין גאַנצער פּאָליטישער חכמה און וויטזיכטי־קייט האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַ סך נאַאיווקייט. ווי עס וואָלטן געווען זאַכן וואָס ער האָט נישט געקענט,

וואָס זענען אים פֿרעמד געווען, ווען וועלכע ער האָט אַפֿילו קיין אָנונג נישט געהאַט. דער מדריך פֿון אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, דער „ניכטערער און רעאַלער" פּאָליטיקער, האָט געקוקט אויף אַלץ און אַלע אַרום, אויף דער וועלט, דורך זיך און דעריבער האָט ער זייער פֿיל בייז, שלעכטס און מיאוסעס וואָס איז איינגעבירגערט אין אַרום נישט געזען. און האָט ער געהערט ווען זיי, זענען זיי פֿאַר אים אויסגעקומען אומוואַרשיינלעך.

די מאַסע האָט אין אים געגלויבט. זי האָט זיך געפֿילט זיכער אין זיין געזעלשאַפֿט. צי דאָס איז געווען אויף אַ מאַי־מיטינג אונטערן פֿרייען הימל אין וואַרשע, צי בעת אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע איבער די וואַרשע־ווער גאַסן, אַ דעמאָנסטראַציע אונטער סכנת־נפֿשות, ווו בראש האָט שטאָלץ און זיכער מאַרשירט, געפֿירט, די הויכע, שלאַנקע געשטאַלט, מיטן זיכערן טריט, מיטן מילדן שמייכל פֿון אַ גלויביקן, דער־אַ, מיטן ליכטנדיקן פּנים, מיט די חלומדיקע אויגן, מיט דער רויטער רויז אין לאַץ און מיטן קאַפּ פֿאַרריסן אין הימל אַריין — דער חבר הענריק.

און אַז מען איז, נאָך אַזאַ דעמאָנסטראַציע, געקומען אויף דער פּעסט־פֿאַרזאַמלונג אין אַ געשלאָסענעם זאַל, געקומען מיט צעשפּאָלטענע און פֿאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ, צעשלאָגענע, אָבער נישט צעטריבענע, צעמזיק־טע, אָבער נישט דערשלאָגענע, האָט ער פֿון דער טריבונע אַראָפּ שטאָל־צירט מיט זיינע מיטגלייער און נישט — ווי דער גענעראַל פֿון אַן אַרמיי, נאָר ווי די פֿאָן אירע — געפֿלאַטערט איבער אַלעמענס קעפּ.

ער האָט געהאַט אַ פֿאַמיליאַרן אופֿן פֿון רעדן צו דער מאַסע, אַ אינטימע וואַרעמקייט האָט געשלאָגן דעמאָלט פֿון יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט, ער איז דעמאָלט מיט דער מאַסע געווען אויף „דו" און צו איר גערעדט אַזוי, ווי עס רעדט אַ פֿריינד צו אַ פֿריינד: מיט מיטגעפֿיל, מיט דערמונטערונג, מיט טרייסט און דערמוטיקונג.

אין קריטישע מאָמענטן פֿון פּאַרטיי־לעבן איז ער געווען די האָפֿע־נונג פֿון אַלע אַרום.

עס קומט אויפֿן זכרון דער לאָדזשער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". אַ רעזאָלוציע וועגן אָנשלוס אָן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט דעם צוזאַמענפֿאָר צעטיילט אין צוויי. געווען אַ מאָמענט פֿון דראַמאַטישן ריס, שפּאַלטונג. איין העלפֿט פֿאַרלאָזט די זיצונג מיטן געזאַנג פֿון דער

„שבועה״, די צווייטע העלפט בלייבט איבער זינגענדיק די זעלבע „שבועה״.
דאָ און דאָרט זינגט מען, דאָ און דאָרט — וויינט מען.

אויף דער טריבונע צוויי מענטשן: ביים עק, רעכטס — אַרקאַדי קרעמער מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אָן טיש. דאָס פּנים — אָנגעכמורעט, די וואָנצעס — געשוואָלן. ער זאָגט עפּעס. מער צו זיך ווי צו אַנדערע:

— פאַרקאָכט מיט יאָרן צוריק אַ קאַשע — קאָכט זי זיך נאָך...

אין צענטער — בלאַס, פאַרוואָלקנט — ערליך.

ער האָט נישט געהערט וואָס אַרקאַדי האָט געזאָגט. מען דערקענט אָבער אָן ערליכס פּנים וואָס ער טראַכט: ער ענטפערט אַרקאַדין אין געדאַנק, אויף ווערטער וועלכע ער, ערליך, האָט פיזיש נישט געהערט:

— עס וועט נישט אויפהערן צו קאָכן זיך...

דאָס איז ער טאַקע אַוועק דאָרט אַהין, צו די אַוועקגעגאַנגענע און ער האָט פאַרפעסטיקט דאָס זיין אונטער איין דאַך. פאַרפעסטיקט נישט מיטן כוח פון איבערצייגנדיקע אַרגומענטן, נאָר מיטן כוח פון אַ זאַך, וואָס שטייט למעלה מן הלאָגיק: מיטן סוגעסטיוון כוח פון אַ גלויבן, אַ קנאי.

נעילה. און יעדער בונדישער צוזאַמענפאָר האָט אַזאַ נעילה געהאַט. ביים „עמוד״ איז געשטאַנען ער, ערליך.

ער איז דערהערט געוואָרן, ער איז דערפילט געוואָרן. ער האָט צוריק געשלאָסן, באַהאָפטן און פאַרבונדן.

**
*

דורך יאָרן האָב איך אים כמעט טאָג־טעגלעך געזען: אויף דער גאַס, ביי דער אַרבעט, צי אויף עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. איך האָב אים אָבסערווירט. און אָבסערווירט דעם רעספּעקט און ליבשאַפט, די נאָענטקייט און צוטרוי, וואָס עס האָט געפילט צו אים דער יידישער מאַסןמענטש.

אָן ערך אַ האַלבן טוץ וואַל־קאַמפּאַניעס צום פּוילישן פּאַרלאַמענט האָט ער דורכגעמאַכט אַלס ערשטער קאַנדידאַט פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן. זיין טריבונע איז צוואַנציק יאָר צייט געווען דער ראַט פון דער

פוילישער הויפטשטאָט. אין פאַרלאַמענט אַריין האָבן אים די יידישע אַר־בעטער אַליין נישט באַוויזן אַריינצופירן. ער האָט עס געקענט דערגרייכן, מען האָט עס אים פאַרגעלייגט. ער האָט אָפּגעזאָגט. נישט געוואָלט. ער האָט געוואָלט, אָבער בעיקר מיט די שטימען פון די יידישע אַרבעטער. דערין האָט געשטעקט זיין אַמביציע, דערין האָט ער געזען דעם מאַקסי־מום כבוד און סאַטיספאַקציע.

ער האָט מסתמא גוט פאַרשטאַנען דעם וועג צום אייגענעם נוצן און גוטס, פונקט ווי ער האָט געגנוי געוווסט, אַז די פאַרחושכטע געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט אין פוילן פירן נישט אַהין. אַן אַדוואָקאַטן־קאַנ־צעלאַריע געפירט לויט אַלע דינים און כללים פון אַ פּאַרטיידיקער פון אַלעמען אַן אויסנאַם, פון אַלע יענע, וואָס קאָנען צאָלן — דאָס אַליין האָט געקאָנט געַנוג זיין, כדי אים צו זיכערן אַלע דריי גוטע זאַכן: געלט, כבוד און רום.

איז ער אויף דעם נישט געגאַנגען. ער איז געגאַנגען דאָרט, וווּ ער איז צוממערסטן נייטיק געווען. און אויך דעם אַדוואָקאַטן־דיפּלאָם האָט ער געשטעלט אין דינסט פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ער איז אין געריכט נישט געווען קיין אַדוואָקאַט. דער דיפּלאָם זיי־נער איז פאַר אים געווען נישט מער ווי אַ שליסל צו נאָך איין טיר דורך וועלכער ער האָט געטראָגן הילף און שוץ פאַר מענטשן און זייערע אי־בערצייגונגען; נאָך אַ טיר אין וועלכער ער האָט נישט איין מאָל אַריינ־געשריגן זיין אייגענעם האַס און צאָרן קעגן אומרעכט און ווילקיר.

***

אויף אַ ראַיאָן־פאַרזאַמלונג פון ווינער סאָציאַליסטן מיט בונדיסטן — געסט פון וואַרשע, בעת דער אַרבעטער־ספּאָרט־אָלימפּיאַדע אין 1931, האָט דער ווינער אַרבעטער־פירער סעוווער באַגריסט ערליכן. די רעדע — ווי אַ באַגריסונגס־רעדע לכבוד אַ גאַסט. פאַרענדיקט האָט סעוווער זיין רעדע מיט אַ ווענדונג צו די צוהערער, מיט אַ פראַזע וואָס האָט געקלונ־גען ווי אַ וואָרט־שפּיל און האָט זיך איינגעקריצט טיף אין מיין זכרון:

— ווען מאַן ערליך הייסט, מוס מאַן ערליך זיין...

ערליך איז עס טאַקע געווען אין דער קריטישסטער שעה פון זיין

לעבן, אין יענעם עסנדיקן האַרבסט־טאָג אויפֿן קאַלטן בריסקער וואָקזאַל, אויפֿן וועג צוריק קיין וואַרשע, פֿון וואַנען ער איז איינער פֿון די לעצטע מיט אומווילן אַוועק און וווהין ער איז דער ערשטער מיט ווילן און מיט אומבאַגרינדעטן שולד־געפֿיל געגאַנגען צוריק; דעמאָלט, ווען ער האָט מיט אימפּולסיוון ווידערווילן אָפּגעוואָרפֿן דעם געדאַנק צו „גרימירן" זיך, צו מאַסקירן; דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען אַרומגערינגלט און פֿאַר־פּאָלגט ווי אַ חיה.

⁂

אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט.

אָבער די מערדער זענען נישט שולדיק, שולדיק איז געווען — דער דערמאָרדעטער...

ער האָט געהאַט שונאים, וואָס האָבן אים געהאַסט דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען — ערליך...

ער האָט געהאַט שונאים, וואָס האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט דער־פֿאַר, ווייל ער איז עס געווען און דעריבער — אומגעבראַכט...

מען האָט אים געפּרוווט אויך אַ צווייט מאָל דערמאָרדן. שוין נאָכן טויט. אָבער דאָס איז נישט געלונגען. אוממעגלעך געווען. דאָס האָט נישט געקענט געלינגען.

שאַנכײַ, מערץ 1946.

שלמה מענדעלסאָן

שלמה מענדעלסאָן

אַז עס ווערט געבוירן אַ מענטש — ווערט געבוירן אַ ליד, שטאַרבט אַ מענטש — רייסט זיך איבער דאָס ליד, ווערט דער ניגון פאַרשטומט און עס ווערט שטילער אויף דער וועלט, עס ווערט אומעטיקער אין איר.

אַזוי איז מיט יעדן מענטש און אַוודאי — מיט אַ מענטש וועמעס געזאַנג איז געווען שיין און דערהויבן, וועמעס ניגון האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט ווי אַ האָפענונג און טרייסט און געוואָרן דער ניגון פון טויזנטער.

אין דער יידישער וועלט האָט זיך איבערגעריסן אַ ניגון, עס איז שטילער געוואָרן. אין אונדזער פערמאַנענטן טרויער איז נאָך טרויעריקער געוואָרן. עס איז פאַרשטומט געוואָרן אַ ליד, וואָס האָט העכער דרייסיק יאָר אין יידישן לעבן געזונגען דאָס געזאַנג פון האָפענונג און בענקשאַפט נאָך יידישער און מענטשלעכער שלימות. דאָס דאַזיקע ליד האָט געטראָגן דעם נאָמען: שלמה מענדלסאָן.

אַ קינד פון איינגעפונדעוועטן וואַרשעווער יחוס, אויסגעוואַקסן אין אַ שטוב פון תורה און חסידות, האָט ער פון דער היים אַרויסגענומען דאָס שענסטע און ווערטפולסטע, וואָס די דאַזיקע היים האָט פאַרמאָגט: באַגער נאָך וויסן, אָפּטימיסטישן לעבנס־באַנעם, אַן איינגעוואָרצלט חשיבות־געפיל און אַ ליבשאַפט צום יידישן פאָלקס־לעבן. די דאַזיקע ווערטן האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין זיין וועג אַריין, ווען ער איז אַרויס „לתרבות רעה", אַוועק פון רעליגיעזן לעבנסשטייגער צו וועלטלעכקייט, בילדונג און וויסן, צום יידיש־וועלטלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן און קולטור־טעטיקייט.

דאָס מזל האָט אים געשפּילט. ער איז אַריין אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין אַ צייט פון אַ גרויסן באַרג־אַרויף אין יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן, אין אַ צייט פון אויפבלי און אויפשוווּנג. דאָס זענען געווען די יאָרן פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, בעיקר — די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע און די ערשטע יאָרן פון אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אַ חסידיש ייִנגל מיט ש"ס און פּוסקים אין יונגן קאָפּ, מיט אַ פּאַר־

זיכערטער קאַריערע פון אַ קומענדיקן גרויסן רב און למדן ווי עס איז געווען זיין עלטער־זיידע, דער חמדת שלמה — לערנט ער בסוד וועלט־לעכע לימודים אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע. ווען ער ענדיקט זי — טוט ער אויס די לאַנגע קאַפּאָטע און ווערט אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

נאָך גאָר אין די פריסטע יינגל־יאָרן האָט ער געהערט וועגן פּרצן — אַ נאָמען, וואָס האָט אים אינטריגירט, געוועקט נייגיר. געשלונגען די ווערק פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. באַזונדערס שטאַרק האָט אויף אים געווירקט פּרץ. מענדלסאָן ווערט אַן אָפטער איינגייער אין „הזמיר", קומט אויף די באַרימטע קעסטל־אָוונטן און ווערט אַ פלאַמיקער חסיד פון פּרצן.

זינט די ערשטע סטודענטן־יאָרן ביזן טויט ציט זיך אַ גרויסע קייט פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער, פּעדאַגאָגישער און קולטור־פּאָליטישער טעטיקייט: קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך, פאַר דער יידישער שול און קולטור. ער שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער קולטור־קאָנפערענץ אין 1916 און איז, צוזאַמען מיט נח פּרילוצקין, נאָמבערגן, סטופּניצקין, איינער פון די מיטגרינדער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין פּוילן.

אַן אומגעהויערע ראָלע שפּילט מענדלסאָן אין יענע יאָרן אין לעבן פון די יידישע אַקאַדעמיקער. ער פירט אָן אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די אַסימילאַטאָרן. אַ גייסטרייכער און פלאַמיקער רעדנער, אַ חכם און תלמיד־חכם, שאַרף און שלאָגפאַרטיק, ווערט ער אַ שם־דבר ווי אַ מייסטער־רעד־נער און האָט אַ קאָלאָסאַלע השפּעה אויף דער יידישער סטודענטשאַפט. רייסט זיי מיט פאַר דער זאַך פון דער יידישער קולטור, פאַרן קאַמף פאַר אירע רעכט, איר לעבן און אויפבלי — סיי כלפּי פּנים, אין יידישן לעבן גופא, סיי כלפּי־חוץ, לגבי דער פּוילישער מאַכט.

מענדלסאָן פירט דעם דאָזיקן קאַמף נישט בלויז אין וואָרט און שריפט. ער פירט אויך אַן אַקטיווע פּראַקטישע שול־אַרבעט, כדי צו דער־ציען אַ דור, וואָס זאָל קאָנען די יידישע שפּראַך און איר ליטעראַטור, לעבן מיט דער שפּראַך און קולטור, זי ליב האָבן און קעמפן פאַר איר. געבענטשט מיט איינגעבוירענע פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן גיט ער אַוועק

אַ סך פון זיין ענערגיע דער פּראַקטישער אַרבעט אין יידישן מאָדערנעם שולוועזן. אַ ריי יאָרן איז ער אויך לערער פון יידישער ליטעראַטור און געשיכטע אין וואַרשעווער יידישע פּריוואַט מיטלשולן און פּלאַנצט אַזוי אַרום וויסן און ליבשאַפט צו דער יידישער קולטור צווישן דער האַלב־אַסימילירטער יידישער בירגערלעכער יוגנט פון וואַרשע.

אין 1919 איז ער איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער שול־קאָנפערענץ אין וואַרשע, וווּ עס איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דער שפּעטערדיקער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ) פון פּוילן. מיט יאָרן שפּעטער ווערט מענדלסאָן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער צישאָ.

שול און קולטור־אַרבעט פאַרשלינגט אים, ווערט זיין לעבנס־ציל און לעבנס־תכלית. אין 1920 פירט ער אָן צווישן דער אַקאַדעמישער יידישער יוגנט אַ פּאָליטישע אַקציע פאַר נאַציאָנאַלע רעכט פון די יידן אין פּוילן. ער שטעלט אַרויס די דאָזיקע פאָדערונג שאַרף און דרייסט, ער שטעלט זי טראַציק ווי אַ תנאי לגבי דער פּוילישער מאַכט און ער ווערט אויס־געשלאָסן פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט. מענדלסאָן גיט אויף זיין ווייטערדיק שטודירן. ער ווידמעט זיך אויסשליסלעך דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַלץ, דאָס גאַנצע לעבן, זיינע אַלע פעאיקייטן, שטעלט ער אין דינסט פון יידישן פאָלק.

מיט יאָרן שפּעטער איז מענדלסאָן אַריבער צום „בונד". די דאָזיקע באַוועגונג האָט אים נישט נאָר געגעבן אַן ענטפער אויף אַ סך פראַגן, אויף וועלכע דער פאָלקיזם האָט אים קיין ענטפער נישט געקאָנט געבן — אין „בונד" האָט ער אויך געפונען די ריזיקע יידישע מאַסן פון פּוילן, דעם האָרעפּאַשניק וועלכער האָט געקעמפט פאַר זיין מענטשלעכער און יידישער אויסלייזונג און פאַר וועמען די יידישע שפּראַך, די יידישע קול־טור זענען געווען דאָס טעגלעכע גייסטיקע ברויט. מענדלסאָן האָט דאָ געפונען די גרויסע באַזע זיך אָנצושפּאַרן אין זיין גייסטיקן און געזעל־שאַפטלעכן לעבן, דאָ האָט ער געפונען די מעגלעכקייט ערשט אויף רעכט פונאַנדערצוּוויגן די אייגענע כוחות. ער האָט געהאַט וועמען צו ווידמען זיין ענערגיע און ער איז געוואַקסן און געשטיגן מיט די יידישע מאַסן צוזאַמען. אַ גרויסער פאָלקס־טריבון, מיט אַ סך ליבשאַפט צום מאַסן־

מענטש, האָט דאָס וואָרט זיינס געהאַט אין זיך אַ סך היץ, וואָס האָט די מאַסן אָנגעוואָרעמט, מיטגעריסן.

דער חורבן פון די יידישע ישובים אין פוילן איז געווען מענדלסאָנס פערזענלעכער חורבן — דער חורבן פון זיין גייסטיק און געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס ער האָט געהאָלפן איינפלאַנצן. די באַזע פאַר זיין ווייטערדיקער טעטיקייט ווערט דאַן אַמעריקע, דאָס יידישע מאַסן־לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. מיט אַ צעבראָכן האַרץ און צעווייטיקט געמיט האָט ער, אין די נייע באַדינגונגען, מיט דער קנאות פון אַ גלויביקן, ווייטער געדינט דער זאַך פון קיום און המשך פון אַ יידיש־נאַציאָנאַל און קולטור־רעל פאָלקס־לעבן.

מיט מענדלסאָנס טויט איז אַוועק פון דער וועלט איינער פון די בעסטע זין פון יידישן פאָלק, איינער פון די פלאַמיקסטע באַשיצער פון יידישן קולטור־געדאַנק. אין בין השמשות פון אונדזער פאָלקס־לעבן, אין ביטערן געראַנגל, וואָס דאָס אויסגעבלוטיקטע יידישע פאָלק פירט פאַר זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ, איז דער פריצייטיקער טויט פון מענדלסאָנען אַ שמערצלעכער פאַרלוסט, וואָס וועט זיך לאַנג פילן אין אַלע ווינקעלעך פון אונדזער קאַמף פאַר איינהאַלטן דאָס יידישע קולטור־לעבן.

דוד הערמאן

דוד הערמאַן

(געצייכנט דורך פעליקס פרידמאַן)

אַז דוד הערמאַן איז געוואָרן אַן „אויפגעקלערטער״ און עס איז אים ענג און שווער געוואָרן דער פרומער און חסידישער טיש ביים טאַטן אין דער היים, האָט ער אַ קער געטאָן דאָס פּנים צו דער גאַס. און די גאַס האָט דעמאָלט געברויזט: סודי־סודותדיקע קאָנספּיראַציע, „בערזעס״, שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פענער. דאָס זענען געווען די שטורעם־יאָרן פון מרידה און רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד. עס האָט אַ פּראַל־געטאָן מיט אַ נייעם מין „חסידות״, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין יידישן לעבן — אַ חסידות נישט פון צעשליסענעם ריפּס און אַטלאַס, נאָר פון געלאַטעטע טרעגער־מלבושים און פון ווייכע, אָפּגעטראָגענע שוואַרצע קאַ־פּעלושן מיט ברייטע ראַנדן און שוואַרצע שלייפלעך אַרום די קעלנער. אָט־די נייע „חסידים״ האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן קיסר.

דאָס האָט הערמאַנען אינטריגירט, דערנאָך — אימפּאָנירט און לסוף אים געגעבן אַן אָנשפּאַר פאַר זיינע אַפּיקורסישע מסקנות. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן איבער די וואַרשעווער „בערזעס״ מיטן פאַר־קאָנספּירירטן, אַביסל קאָקעטישן נאָמען: „פאַן״.

אָבער דאָס דאָזיקע „פאַך״ פון אַ קאָנספּיראַטאָר איז פאַר אים נישט געווען צוגעפּאַסט — ער האָט זיך נישט געטויגט דערצו — און זיין באַ־גייסטערונג פאַר דער רעוואָלוציע האָט נישט געקריגן קיין אָפּגאַנג אין ממשותדיקע מעשים.

ביי יענער צייט האָט אין וואַרשע געלעבט אַ מענטש מיט אַ שוואַרצן און פייערדיקן בליק און אַ הייסן אָטעם. דוד הערמאַן האָט געוווסט וועגן דעם דאָזיקן מענטש, געזען אים אָפּט שפּאַצירן אין דער „ליטעראַרישער אַלייע״ פון זאַקסישן גאָרטן — פאַרהילט אין אַ פּעלערינע און אַרומגעצ־רינגלט מיט „חסידים״ ווי אַ רבי — טאַקע אַ רבי ממש. דאָס, וואָס הער־מאַן האָט געלייענט, האָט מיטגעריסן ווי די טיפסטע און שענסטע תורה ביים רבינס טיש אין די פרומע און חסידישע טעג.

און הערמאַן האָט זיך דערשלאָגן צום רבין — דעם נייעם, דעם וועלט־לעכן, אָבער מיט אַלע סימנים פון עכטקייט: גייסט, אידייע, קראַפט און

גלויבן. וואָרום הערמאַנס אַפּיקורסות איז נישט געווען קיין משכּילישער אָוועקגאַנג, נאָר — אַן איבערגאַנג פון איין חסידות צו אַן אַנדערער.

*
**

הערמאַנס וועג צו פּרצן איז געווען איינפאַך און לייכט. דער וועג איז געווען לייכט פאַר דעם, וואָס איז אַליין געווען שווער באַלאָדן מיט תּורה, חסידישן ברען, מיט גייסט, שעפּערישקייט און דערהייבונג. פּרץ האָט די דאָזיקע סימנים געזוכט, אַרויסגעפילט און — מקרב געווען אַזאַ איינעם וואַרעם און ליב, פּונקט ווי ער האָט אכזריותדיק געטריבן פון זיך דעם היפוך.

הערמאַן איז צו פּרצן געקומען נישט קיין ליידיקער. ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך אַ היפּש ביסל ווערטפולע גאָלד־שפּליטערס פון זיין טיף־חסידישער היים. ער האָט מיטגעבראַכט דאָס געמיט פון אַ פאַר־קלערטן לערנער לשמה — פאַרטאָן אין אַ רעיון, וואָס הייבט אונטער דאָס דעקל פון מוח. ער האָט מיטגעבראַכט דעם קרעכץ פון אַ מקובל אין התּ־בודדות, די טרער פון אַ זקןביים פּראַווען חצות, דעם רויש פון אַ ציבור־דיקער תּפילה בלחש, דעם זיפץ פון אַ כשרער יידישע מאַמע ביי ליכט־בענטשן, דאָס זילבער פון אַ שבתדיק טישטוך און דעם טרויער פון אַ נאַקעטן ארון־קודש, אָנעם פּרוכת, תּשעה באב ביינאַכט.

דאָס האָט טאַקע הערמאַנען געעפנט די טיר צו זיין נייעם רבין, גע־געבן אים אַן אָרט ביים „טיש" און הערמאַן איז געוואָרן איינער פון די געטרייסטע חסידים: „טיש־זיצער" און נאָכזאָגער פון רבינס תּורות. אין פּרצעס ווערק האָט הערמאַן ווידער געפונען דעם קוואַל פון נשמה־יתירה־דיקייט, וועלכע איז דאָך, אין תּוך, איינע און די זעלבע — אומאָפּהענגיק פון לבוש, פון אויסערלעכע פאָרמען. ביי פּרצן האָט הערמאַן דערפילט אומרו און בענקשאַפט נישט מחמת פאַרלוירנקייט, נאָר מחמת שעפּערי־שער דערהייבונג, וואָס דערמיט איז פול געווען פּרצעס אָטעם, די אַט־מאָספער אַרום זיין טיש.

*
**

ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס דוד הערמאַן האָט זיך באַלד אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעאַטער־טעטיקייט אַזוי פאַרלייגט אויף דער „גאָלדענער קייט״ — די איינציקע שוישפּילערישע לייסטונג ווי אַ רעזשיסאָר און כמעט די איינציק־אַנזעעוודיקע אין זיין קאַריערע ווי אַן אַקטיאָר. דאָס פאַרלייגן זיך אויף דער „גאָלדענער קייט״ איז נישט געווען בלויז אַן אויסדרוק פון גרויסער ליבשאַפט צו זיין רבין. עס האָט דערין געשטעקט, בעיקר, דער סוד פון זיינע אינטימסטע קינסטלערישע באַגערן צו געבן אויסדרוק אַן אידייע, אויסצושרייען אַ וויזיע, מיט וועלכער עס איז געווען אָנגעשטעקט דאָס בלוט זיינס אין די אָדערן.

יעדער מענטש טראָגט זיך אין לעבן אַרום מיט אַ נישט־געשריבן און נישט־געשפּילט סצעניש ווערק, אין וועלכן מען איז אַליין דער הויפּט־ראַליסט. געפינט מען אַזאַ ווערק אָנגעשריבן, אין דער ליטעראַטור — איז מען עס אומשטאַנד סצעניש צו געשטאַלטיקן, אויסצושפּילן מיט אַ געוויסער קינסטלערישער פּערפעקטקייט אַפילו. מען דאַרף דערצו גאָר קיין אַקטיאָר נישט זיין. מען שפּילט ז י ך אַליין, מען שפּילט אויס די אייגענע חלומות. פאַר דוד הערמאַנען איז דאָס דאָזיקע ווערק געווען די „גאָלדענע קייט״. ס׳איז געווען דאָס ווערק, וואָס האָט אים צוגעטראָפן פערזענלעך. ער האָט דערמיט געלעבט אין חלום און אויף דער וואָר. די אידייע פון פּרצעס „גאָלדענער קייט״, די סביבה, די שטימונג, דער קאָנפליקט — דאָס זענען געווען עלעמענטן וואָס האָבן געלעבט אין אים און וואָס האָבן געזוכט אויסדרוק.

דאָס רעזשיסירן די „גאָלדענע קייט״ האָט ביי הערמאַנען געהאַט עלעמענטן פון אַמאַטאָרישקייט, וואָרים הערמאַן אַליין איז קיין אַקטיאָר נישט געווען. און דאָך האָט קיין שום קינסטלער־רעזשיסאָר נישט באַוויזן צו דערגיין צו דער קינסטלערישער מדרגה פון הערמאַנען אין רעזשיסירן די „גאָלדענע קייט״. זייער ווייניק סצענישע מיטלען האָט ער באַנוצט — אַ סך ווייניקער ווי דאָס איז מעגלעך ביי רעזשיסאַציע: אַ טישל מיט אַ טיש־טוך, צוויי ליכט פוןביידע זייטן און הערמאַן אין דער מיט. אַרויסגעלייענט פון בוך אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ, צומאָל — אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געווענדט אַ געשפּאַנטן בליק צו דער אוידיטאָריע. די אויגן — אָנגעדראָלן און פאַרלאָפן מיט בלוט, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פון קאָפּ אַרויס, פון

די אויגנלעכער, כדי זיך איין מאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסצוקריגן פון גע־פאַנגענשאַפט. קיין ריר נישט מיט קיין אבר. בלויז גוט־אַרטיקולירטער לשון, מייסטערהאַפט־פּרעציזירטע מאָדולירונג פון דער שטים: איין חסיד, אַ צווייטער חסיד, איין ישיש, אַ צווייטער ישיש — דער עולם און מרימל, אירע צאַרטע רמזים טאַקע וועגן עולם, וועגן דער „כמאַרע וואָס טראָגט זיך אָן”, דער עולם אין קאָנפליקט מיט שלמהלען, וואָס האָט זיך פאַר־עקשנט און וויל נישט מאַכן קיין הבדלה. „קינדער ווייסן נישט, קינדער פילן נישט”. זייער אַ שווערער שטאָף פאַר רעציטאַציע בכלל. ערשטנס — ווייל געשריבן אין אַ סצענישער פאָרם, צווייטנס — דער אינהאַלט, דריטנס — די מיליע און ועל כולם — די צימצומדיקע, די רמזימדיקע שפּראַך פון די העלדן פון דער דראַמע און פון זייער מחבר, די פּינטעלעך און געדאַנקען־שטריכן, וואָס בילדן אין דעם ווערק אַ מין אויבער־לשון. ביים לייענען האָט מען געהאַט אַ סך צו פרעגן. האָט מען געהערט הער־מאַנען איז אַלץ געוואָרן קלאָר. דאָס האָט ער פון דאַזיקן ווערק געמאַכט אַ שם־דבר, מיטגעהאָלפן דערצו, אַז עס זאָל ווערן אַ פאָן פון דער נייער חסידות, אַ מאָדערן־רעוואָלוציאָנער ווערק, וואָס האָט באַגייסטערט מאַסן, געררייצט דעם שכל און דאָס געפיל. שלמהלע איז נישט די פאַרקערפּע־רונג פון צוריקגעשטאַנענקייט, פון אַבערגלויבערישן פאַנאַטיזם. שלמהלע איז אַ נאָענטער און אייגענער מענטש פאַר דער נייער „חסידות”. דער גייסט פון בונט און רעוואָלט האָט אים געמאַכט פאַר אַן „אייגענעם” און דוד הערמאַן איז געווען דער פאַרמיטלער דערביי. פאַר אים אַליין איז דאָס דאַזיקע ווערק געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיין מיסיע אין יידישן טעאַטער. וואָרום ביז אים האָט די יידישע בינע ווולגאַר חוזק געמאַכט פון חסידים, אָפּגעלאַכט פון רביים, אָפּגעשפּאָט פון חסידישן מנהג און שטייגער. הערמאַן האָט זיי געלייטערט, דערהויבן און געגעבן אַ תיקון אויף די ברעטער פון דער מאָדערנער יידישער בינע.

***

פון חרם אויף טעאַטער ביי יידן ביז גאָלדפאַדענען איז נישט קיין קליינער מהלך. און ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג אויך פון משכילישן חרם

אויף אַלעם, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט חסידים און חסידות, ביזן אַרויפפירן זי אויף די בינע־ברעטער נישט פאַר שפּאָט און חוזק, נאָר פאַר גייסטיקער דערהייבונג און נחת־רוח. דוד הערמאַן האָט סצעניש אַנט־פּלעקט דעם מהות, די נשמה, דאָס אייביק־ווערטיקע פון דער חסידיש־מיסטישער וועלט, וועלכע איז פאַר לאַנגע צייטן פאַרשטאַנען געוואָרן וווּלגאַר, געשאַצט געוואָרן לויט די אויסערלעכע פאָרמען בלויז.

גאָלדפאַדען איז געווען דער ערשטער. ער האָט אפשר נישט גע־טראַכט וועגן אַ נאַציאָנאַל־יידישער טעאַטער־אידייע, אָבער אומבאַוווּסט־זיניק האָט ער זי געהאַט אין זיך. הערמאַן האָט געהאַט דאָס קלאָרע באַ־וווּסטזיין פון דער דאָזיקער אידייע און אין אַלע זיינע טואונגען האָט ער געצילט צו אַנטפּלעקן דאָס אייגנטימלעכע פון אַ יידיש־קלאַסישן טעאַ־טער־סטיל און אַוועקשטעלן די ווענט און דעם דאַך אויפן פונדאַמענט, וואָס גאָלדפאַדען האָט געשאַפן. די אידייע איז געווען — נישט טעאַטער אין יידיש, נאָר יידיש טעאַטער.

קיין סך רעזשיסערישע בינע־לייסטונגען האָט הערמאַן נישט געהאַט צו פאַרצייכענען. נאָך וויניקער איז געווען די צאָל דערפאָלגרייכע לייס־טונגען און אַוודאי איז פון אַלע דער „דיבוק" געווען דער צענטראַלער אויפטו זיינער, די העכסטע, די שלימותדיקסטע דערגרייכונג. אָבער ווו האָט ער נישט צוגעלייגט קיין האַנטביים געשטאַלטיקן דעם סטיל און נוסח פון יידישן טעאַטער? אין דער דראַמע ווי אין דער אָפּערע און אויך אין דער ערשטער יידישער קליינקונסט־רעווי. די אָפּערע „דוד און בת שבע" איז, וואָס אַן אמת, געווען און געבליבן בלויז אַן עקספּערימענטאַ־לער עפּיזאָד פון די גרויסע אַספּיראַציעס פון יידישן קולטור־שאַפן אין פּוילן צווישן צוויי וועלט־מלחמות. די דאָזיקע אָפּערע האָט פאַרמאָגט אַלע חסרונות פון אָרעמקייט און קוריאָזיטעט — אַזוי אין דער באַזעצונג און אויסשטאַטונג ווי אין דער מוזיק און רעזשי. אָבער אינגאַנצן גענומען איז אויף איר געלעגן דער חותם פון אַן אויסגעשפּראָכן־יידישן סטיל. די ערשטע יידישע רעווי, די קליינקונסט, איז שוין נישט געווען און נישט פאַרבליבן קיין עפּיזאָד — זי איז פאַרבליבן אַ לעבעדיקע אין דער יידי־שער סצענישער קונסט און ציט עד־היום איר יניקה פון די דעמאָלטיקע הערמאַנישע לייסטונגען: נישט אַ רעווי אין יידיש מיט סתם־קופּלעטלעך

און סקעטשן, נאָר אַ יידישע רעווי מיט אַלע פאָלקסטימלעכע חנען און רייצן. די זיידענע קאַפּאָטע אויף אַ ווייס און געפּרעסט העמד מיט מאַנ־קעטן און אַ קאָלנער מיט אַ קראַוואַט — במקום דעם סמאָקינג איז געווען בלויז איינער פון די סימנים פון אַ סינטעטישער קאָמבינאַציע פאַר אַן אייגנאַרטיקן און עכט יידישן סטיל צו וועלכן הערמאַן האָט געשטרעבט און באַוווסטזיניק געפירט.

***

הערמאַנס קינסטלערישע מעגלעכקייטן זענען געווען איינגעשלאָסן אין די ראַמען פון חסידיש־מיסטישן מיליע. אַן אייראָפּעאישע פּיעסע, אַזוי צו זאָגן, איז נישט געווען פאַר זיינע רעזשיסערישע יכולתן. און אַפילו אין אַ פּשוטער הירשביין־פּיעסע האָט ער קיין חידושים נישט באַוויזן.

הערמאַן האָט גוט פאַרשטאַנען און געפילט די עלעמענטן דורך וועל־כע עס ווערט געשאַפן טעאַטער. דערצו האָט ער געהאַט אַן אויג, וואָס האָט אויפן סובטעלסטן אופן געזען און דערזען, אַן אויער וואָס האָט אויפן איידלסטן אופן געהערט און דערהערט דעם דינסטן ברוכטייל פון אַ די־סאַנאַנס, פון אַן אומעסטעטישן פּרט — אין דער דעקאָראַציע, אין דער קליידונג, אינעם בילד וואָס עס שאַפן מיט זיך די שפּילער אויף דער בינע, פון אַ שלעכט־אַרויסגעזאָגטער פראַזע, פון אַ שלעכט־באַטאָנט וואָרט, פון שוישפּילערס שטיין אָדער גיין איבער דער בינע. ער האָט גע־וווסט ווי אַזוי, מיט וואָסערע מיטלען, צו עלימינירן דאָס אומגעשמאַקע, דאָס נישט־עסטעטישע, דאָס נישט־ אָדער שלעכט־ווירקעוודיקע. אָבער אָן דעם, אַן די דאָזיקע מעלות, שיקט זיך בכלל נישט צו זיין אַ רעזשיסער. און פון דעסטוועגן, ביי די אַלע מעלות, האָט ער נישט אומעטום דער־גרייכט אַ הויכע קינסטלערישע מדרגה. דער ליבהאָבער, וואָס שטייט אויף דער קני פאַר אַ מיידל און גאָדערט האַרצברעכערישע ווערטער, וואָס קאָ־נען רירן אַ שטיין, האָט הערמאַנען נישט גערירט. דערפאַר אָבער האָט ער באַוויזן וווּנדער מיט אַזאַ קאַרק־ברעכערישער סצענע ווי: לאה־חנן אין ערשטן אַקט פון דיבוק אָדער אין דער פינאַל־סצענע פון דריטן אַקט. קור־צע סצענעס, ביידע — אַן שפּראַך, אָן ווערטער. אַפילו די באַגעגעניש מיט

די בליקן — קאַרג, אויסגעמאָסטן אויף דער האָר: לאה און חנן אין בית־המדרש פאַרן אָפענעם ארון־קודש, ווען לאה באַרירט מיט אירע ליפּן די הייליקייטן און קושט מיט די אויגן איר באַשערטן חנן. ווי לייכט עס האָט פון אָט דער סצענע געקאָנט ווערן אַ חוזק־שפּיל, אַ געשמאַקלאָז און שאַ־קירנדיק בילד. און געוואָרן איז דערפון אַ מאָנומענטאַל בילד, וואָס דער־שיטערט און רופט אַרויס די איידלסטע עמאָציעס.

הערמאַן איז געווען „באַגרענעצט״ צו אָט־דעם זשאַנר און נאָר דורך אים האָט ער קינסטלעריש אַפּעלירט. ער האָט פון דאָזיקן זשאַנר נישט געקאָנט אַרויסקריכן, פּונקט אַזוי גוט ווי אַנדערע האָבן אין אים נישט געקאָנט אַריינקריכן.

***

דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט פאַר הערמאַנען אויפגעהיט אַ פאַרדינטן רעספּעקט און צוגלייך — מורא געהאַט, געהאַט אַ געוויסן אומ־ווילן צו אַרבעטן מיט אים. דער טעקסט פון אַ פּיעסע איז ביי אים נישט געווען קיין הייליקייט צו וועלכער מען טאָר זיך נישט צורירן. אויך ביים יידישן אַקטיאָר איז דער טעקסט ווייט נישט קיין הייליקייט. דער מהלך אָבער צווישן הערמאַנען און דעם יידישן אַקטיאָר איז געווען אַ גענוג גרוי־סער. הערמאַן האָט געקאָנט אַראָפּנעמען. אַפילו די „גאָלדענע קייט״ האָט ער געקירצט. וואָס שייך דעם אַקטיאָר, וועט ער פאַר אַ שטיקל פּראָזע זיך לאָזן שעכטן. ווען אַראָפּנעמען, קירצן קאָן קיין רייד נישט זיין, אדרבה — ער האָט גיכער די נטיה צוצוגעבן...

ביי הערמאַנען איז כמעט קיינמאָל קיין פאַרשטעלונג נישט פאַרטיק געווען. בלויז דער אָפּישירטער טערמין פון אַ פּרעמיערע האָט רעאַל גע־מאַכט די מעגלעכקייט פון דער אויפפירונג. ווי לאַנג עס האָבן אָנגעהאַלטן די פּראָבן, האָט ער תמיד געהאַט וואָס צוצוגעבן, צו ענדערן, מחדש צו זיין. דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט עס נישט ליב. הערמאַן איז גע־ווען דער מייסטער פון דער פּויזע, ער האָט זי געוואויגן און געמאָסטן מיטן זייגער אין דער האַנט, אַרויסגעפילט זי ביזן קלענסטן ברוכטייל פון אַ סע־קונדע. ער האָט מיט דער פּויזע געשאַפן „צוגאָב־טעקסט״ צו דעם, וואָס

דער מחבר האָט געשריבן — אַ מין „שטומע פּראָזע" מיט וועלכער מאַנ־כע אַקטיאָרן האָבן זיך טיילמאָל געוואָרגן און צוגעקלעפּט אים אַ ביטול־דיק עפּיטעטל פון אַ „באַבוק־מאַכער".

זינט יאָרן איז הערמאַן געווען רעזשיסער פון דראַמאַטישן קרייז ביים „הזמיר" אין וואַרשע. דאָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט דאָס גאַנצע לעבן, געווען פאַרוואַרצלט אין שפּעטערדיקן רעזשיסער פון פּראָפעסיאָנע־לע טעאַטער־אויפפירונגען. דער דראַמאַטישער קרייז ביים „הזמיר" איז געווען אַ שול נישט בלויז פאַר מאַנכע קומענדיקע אַקטיאָרן, וואָס זענען שפּעטער אַוועק עסן דאָס שווערע שטיקל ברויט פון אַ פּראָפעסיאָנעלן שוי־שפּילער, נאָר אויך אַ שול פאַר הערמאַנען אַליין.

אונטערן וואָרעמען אָבער שאַרף־מאָנענדיקן אויג פון פּרצן איז גע־ווען שווער צו גיין אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. און הערמאַן אַליין האָט זיך גאָרנישט פאַרנומען אויף אַזאַ וועג. אדרבא — ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם וועג פון שווערסטן ווידערשטאַנד. ער איז געגאַנ־גען אין יידישן טעאַטער מיט אַ שליחות, אַליין זיך אָנגעבאָטן פאַר דער דאָזיקער שליחות.

פאַר אַמאַטאָרן איז דאָס זוכעניש און „קנעלונג" געווען אַ ברכה. זיי האָבן אים געקוקט אין די אויגן אַריין, איינגעגליבטע אין אים און פאַר־ליבטע. אַזוי איז געווען אין „הזמיר" און אַזוי — מיט יאָרן שפּעטער — אין דער ערשטער יידישער דראַמאַטישער שול אין וואַרשע. די באַציאונג צו אים איז געווען נישט פון תלמידים, נאָר ווי חסידים צו אַ רבין אין פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער אָבער האָבן זיך אַקטיאָרן טיילמאָל געוואָרפן ווי די פיש אויפן זאַמד. דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט נישט ליב מען זאָל אים כסדר פירן פאַרן הענטל, און אַ סך האָבן זיך טאַקע נישט געלאָזט פירן אויך. פאַלע וואלטער האָט די גאַנצע צייט פון די פּראָבן פון „די־בוק", מאַרקירט דעם טויטנטאַנץ מיט די פּופּצן ווערטער פּראָזע וואָס זי האָט געהאָט צו זאָגן. אַפילו ביי דער גענעראַל־פּראָבע האָט זי נישט אַלץ „דערלאַנגט". ערשט אויף דער פּרעמיערע האָט אויפגעשפּילט איר ראָל אַזוי ווי זי האָט זי אַליין פאַרטראַכט.

אין דעם איינזייטיקן, אינעם חסידיש־מיסטישן מיליע, אין דער אַביסל

אָפּגעהוזקטער „באַבוק־מאַכעריי״, איז געקומען צום אויסדרוק דאָס אייגנ־אַרטיק־קינסטלערישע, וואָס הערמאַן האָט מיט זיך געבראַכט. דאָרט איז געלעגן דער שליסל נישט בלויז צו אַ נייעם סטיל, נאָר צו אַן עכט־יידישן סטיל און נוסח אין יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען הערמאַנס שליחות, וועלכע ער האָט אויסגעפירט מיט אַ סך שלימות.

די מתנות, וואָס ער האָט געבראַכט פּרצן זענען צונוץ געקומען.

מעלבורן, פעברואַר 1948.

לאַזאַר קאַהאַן

ביים קבר פון לאַזאַר קאַהאַן אין שאַנכאַי

צווישן די אָנוועזנדיקע: די אלמנה שושנה קאַהאַן, בער י. ראָזען, מ. עלבוים, מ. פלאַקסער, יעקב פישמאַן, י. מלאָטעק, א. סוויסלאָצקי, יוסף פישמאַן, ב. מאַנדעלבוים, י. ראטענבערג א. א.

אין 1946 האָט די קליינע, פאַרוואָגלטע יידישע שרייבער־גרופּע, פּליטים אין שאַנכיי, באַגלייט צו אייביקער רו דעם עלטסטן פון צווישן אירע מיטגלידער — איר פאָרזיצער און אח־לצרה לאַזאַר קאַהאַן. אויפן יידישן בית־עולם אין דער ווייטער, קאַלטער פרעמד פון שאַנכיי, איז דאַן צוגעקומען נאָך אַ קבר פון אַ יידישן נע־ונד — אַ קבר פון אַ יידישן שרייבער. עס האָט זיך פאַרענדיקט אַ טראַגיש קאַפּיטל פון אַ מענטש, וואָס האָט אין זיינע פאַלעס געטראָגן דעם שטויב פון דורכגעוואַנדערטע לענדער און קאָנטינענטן.

טויט איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און ער גייט יעדן איינעם בן־אָדם אַנטקעגן, דערנענטערט זיך צו אים מיט יעדן אָפּגעלעבטן טאָג, מיט יעדער שעה. אָבער דער טויט מיט וועלכן לאַזאַר קאַהאַן איז געשטאָרבן פון אַ פלעק־טיפוס, אַנגעשטעקט דורך מייז, וועלכע האָבן מיט אים צו־זאַמען געוווינט אין זיין אָרעמער פּליטים־דירה, אין אַ שמוציק הויז, אין אַ שמוציקן כינעזישן הויף. לאַזאַר קאַהאַן איז געווען אַ קרבן פון פּלי־טימשאַפט און נע־ונד.

אַרויס פון וואַרשע אין 1939, דעם פינפטן טאָג פון דער מלחמה, האָט ער דורכגעמאַכט דעם „שפּאַציר" איבער דער לענג און ברייט פון פּוילן מיט באַן, מיט אָקס און צופוס. אונטער כסדרדיקער לעבנס־געפאַר, פאַרפאָלגט פון נאַציישע באָמבעס. אָנגעקומען ענדלעך קיין ווילנע, האָט ער דאָ, אין דער אַמאָל־ברוויזיקער יידישער שטאָט, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק יידישע שרייבער פון פּוילן, צוזאַמען מיט טויזנטער יידישע פּליטים פון גאַנצן לאַנד, פאַרלייגט זיין געצעלט אין דער האָפע־נונג איבערצוואַרטן, אויסצודויערן און דערלעבן די שעה, ווען ער וועט קענען צוריקקומען קיין וואַרשע, אין זיין היים, צו זיין וואַרשטאַט.

אָבער אין 1941 נעמט ער ווידער דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אַריין. אין באַגלייטונג פון זיין פרוי, דער שוישפּילערין שושנה, מאַכט ער דורך די רייזע איבער גאַנץ מזרח־סיביר און קומט־אָן, אַ קראַנ־קער, אַ צעבראָכענער, דורך וולאַדיוואָסטאָק קיין יאַפּאַן, כדי פון דאָרט צו פאָרן ווייטער — קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע — ערגעץ ווו אין

אַ גרעסערן יידישן ישוב. דער אויסברוך פון פּאַציפישן קריג מאַכט אַ שטריך איבער די אַלע פּלענער. ער ווערט פאַרוואַגלט קיין שאַנכיי, וווּ ער לעבט דורך פיר מלחמה־יאָרן, הונגער און קעלט, יאָרן פון יאַפּאַנישן געטאָ פאַר יידן און טויט־געפאַרן, וואָס די מלחמה אויפן פּאַציפיק האָט אַנגעטראָגן אינעם לעצטן יאָר פאַרן סוף.

ער האָט אַלץ איבערגעטראָגן. דאָס מזל האָט אים געשפּילט און ער האָט אַלע געפאַרן אויסגעמיטן, איבערגעלעבט און דערלעבט דעם סוף. אַ נייע האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אין אים. פון דער נאַטור אַן אָפּטי־מיסט, האָט ער מיט דער האָפענונג געלעבט און געהאַט גענוג אַפילו אויף צו פאַרטיילן צווישן זיינע פריינד — די האָפענונג אַרויסצוקריגן זיך ענדלעך פון דער העק שאַנכיי און צו דערשלאָגן זיך ערגעץ צו אַ ברעג. בריוו פון פריינד האָבן אין אים די דאָזיקע האָפענונג פאַרשטאַרקט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס וועט פאַרביי אַ קורצע צייט און זיין זיבן־יאָריקער נע־ונד וועט אויך געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. און עס איז געשען. געקומען דער סוף צו זיין וואַנדערונג. זיין לעצטע נסיעה איז אָבער געווען ווייט נישט אַהין, וווּ ער האָט געהאָפט. עס איז געווען אַ נסיעה אויפן שאַנכייער בית־עולם, וווּ ער האָט געפונען זיין „רו“.

אַ טראַגישער, אַ ביטערער סוף.

**
*

לאַזאַר קאַהאַן איז געבוירן געוואָרן אין לעטלאַנד, אינעם הויז פון מיטאַווער רב, ר' שמעון כהן, וווּ ער האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דער־ציאונג. די וועלטלעכע בילדונג האָט ער אַלס גאַר יונגער בחור, אַליין זיך גענומען אין פאַרשידענע גרעסערע יידישע צענטערס אין לעטלאַנד און דערנאָך אין פוילן. זייער פרי הייבט ער אָן זיך צו פאַרנעמען מיט גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט און בעיקר מיט זשורנאַליסטישער טעטיקייט. ער קומט קיין לאָדזש, וווּ ער ווערט רעדאַקטאָר פון די „לאָדזשער נאַכ־ריכטן“. די יידישע וועבער־שטאָט לאָדזש ווערט זיין צווייטע און פּאַק־טישע היים. פוילן — זיין לאַנד און דאָס גרויסע, דאָס פאַרביקע פוילישע יידנטום — דער צענטער, וווּ ער לעבט זיך אויס און ווירקט אין משך פון זיין גאַנץ לעבן.

ער איז נישט געווען קיין מענטש פון קאַמף. אַ מעסיקע נאַטור, כמעט אָן ליידנשאַפטן און אָן פּאָליטישער אויסגעשפּראָכנקייט, האָט ער קיין פּאָליטישע ראָל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט געשפּילט. אַ געוויסע צייט בלויז איז ער געווען אַקטיוו אין דער פּאָלקס־פּאַרטיי אין פּוילן, דער פּאַרטיי פון יידישן מיטלשטאַנד, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט פּרילוצקין און נאָמבערגן געהאָלפן גרינדן. ער איז אָבער לאַנג נישט געבליבן אין דער באַוועגונג. דעם „ייד פון אַ גאַנץ יאָר" איז ער געבליבן טריי ביזן לעצטן אָטעם־צוג. אים האָט ער געדינט מיט זיין פּעדער אין משך פון העכער פערציק יאָר.

**
*

לאַזאַר קאַהאַן איז געווען אַ פּעדער־מענטש פון באַרוף. ער איז געווען דורך און דורך זשורנאַליסט, צייטונגס־מענטש. דערין איז געווען דער יסוד פון זיין פּערזענלעך לעבן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דערין איז געווען דער זין פון זיין גאַנץ לעבן און טאָקע דערמיט איז עס געווען אויסגעפּילט.

ער האָט נישט געהערט צו די, וואָס האָבן געפּיילט און געשליפן דאָס יידישע וואָרט. ער האָט געהערט צו די, וואָס האָבן געהאָלפן בויען. ער איז געווען אַ גרינדער פון צייטונגען, אַ רעדאַקטאָר, אַ פּאַטראָן פון אַ גאַנצער ריי יונגע יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, וועלכע האָבן דורך זיין פּאַרמיטלונג געשטעלט די ערשטע טריט אויפן געביט פון שרייבעריי און צווישן וועלכע ער האָט שפּעטער, נישט אויף איינעם פון זיי, מיט שטאָלץ געקאָנט אָנווייזן ווי אויף זיינע תלמידים, וואָס זענען איבערגעשטיגן דעם רבין.

לאַזאַר קאַהאַן האָט געהערט צו די, וואָס האָבן דאָס יידישע וואָרט געטראָגן איבער דער וועלט — געטראָגן עס אין צייטן גוטע, ווי אין שלעכטע, אין צייטן פון מלחמה און בהלה. אַפילו בעת זיין לעצטן נע־ונד, אין זיין פיל־יאָריקער וואַנדערונג איבער דער וועלט, אַ געיאָגטער און געפּלאָגטער, האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט די פּעדער פון דער האַנט — אין ווילנע, אין קאָבע, צי אין שאַנכיי. אונטער אַלע באַדינגונגען און

ביי אַלע אומשטענדן האָט ער דערפילט זיין פליכט פון אַ יידישן זשור־נאַליסט.

איין אומגעהויערע ליידנשאַפט האָט דער מענטש געהאַט: אַרבעט. ער האָט נישט געוווסט וואָס עס איז אַזוינס אָפּרו. רו האָט אים קיינמאָל קיין רו נישט געגעבן. ער האָט געפונען רו אין אַרבעט. דאָס איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער אָפּגעצערטער און תמיד־רירעוודיקער געשטאַלט זיינער. אין דער הינזיכט איז ער געווען איינער פון די געציילטע אויסנאָמען אין דער סביבה פון אַנדערהאַלבן הונדערט יידישע זשור־נאַליסטן אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע.

זשורנאַליסטיק איז געבונדן מיט צייט, מיטן זייגער, מיטן לינאָטיפּ, מיט דער ראָטאַציע־מאַשין און אַפילו מיטן פאַר־פלאַן פון די באַנען. אַ זשורנאַליסט מוז צו די אַלע פאַקטאָרן זיך צופּאַסן, אונטער די באַדינגונגען אַרבעטן. און עס האָט נישט געהערט צו די זעלטנהייטן, אַז עס האָט זיך טיילמאָל נישט געוואָלט, אַז עס איז נישט געווען קיין חשק צו אַרבעטן, אָבער מען האָט געמוזט. לאַזאַר קאַהאַן האָט קיינמאָל נישט גע־מוזט. ער האָט תמיד געוואָלט און האָט תמיד געקענט, עס איז אים תמיד אָנגעקומען לייכט און ער האָט אַלעמאָל גערן און מיט חשק געאַרבעט. אים איז פרעמד געווען דאָס געפיל פון איבערגעאַרבעטקייט און שוין בלויז קוואַנטיטאַטיוו איז ער געווען אַ ברכה פאַר אַ צייטונג. סיי אין כמות, סיי אין איכות האָט ער תמיד פון זיך געגעבן דעם מאַק־סימום פון דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און געקענט געבן.

* * *

נישט פון נאַצישע באָמבעס, נישט אין די גאַז־קאַמערן פון טרעב־לינקע, נאָר פון אַ פלעק־טיפוס איז ער, נאָך העכער זעקס יאָר וואָגלען איבער דער וועלט,ביים סוף פון דער דאָזיקער וואַנדערונג, אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער וועלט, נישט דערלעבנדיק צו קומען אין איינעם פון די „צוגעזאָגטע לענדער", נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געבענקט.

און אַז דער יידישער געשיכטע־שרייבער וועט מאַכן זיין ביטערן שפּאַציר איבער די דערנער־וועגן פון יידישן פאָלק אין אונדזער צייט און

ער וועט אויך אָנשפּאַרן אין שאַנכײַ, וועט ער דאָ, אויפן היגן בית־עולם אָנטרעפן אויף אַ שטיין מיט אַן אויפשריפט: לייזער איציק קאַהאַן — אַ יידישער שרייבער, אַ זשורנאַליסט, וועלכער האָט, אין דער ווייט־מזרח־דיקער פרעמד און פאַרוואָרפנקייט, אַוועקגעלייגט די מידע ביינער אויף אייביקער רו, מיט אַ סך־הכל פון איבער פערציק יאָר אַרבעט און פלייס פאַר דער יידישער קולטור.

שאַנכײַ, יוני 1946.

יצחק גרינבוים

יצחק גרינבוים

איך בעט רחמים ביי אַלע געטער, זיי זאָלן מיך באַשירעמען און אָפּ־היטן פון מכשולים, וואָס אַזאַ אַרבעט, ווי אַ פּאָרטרעט פון יצחק גרינבוים קאָן מיר גורם זיין.

יצחק גרינבוים איז אַ ציוניסט און איך בין פּאָליטיש היפּשלעך־ווייט פון ציוניזם. מיין פּערזענלעכע באַציאונג צו גרינבוימען איז אַזאַ, אַז עס איז גאָרנישט קיין שווערע זאַך אַריינצופאַלן אין אַ נעץ פון סתירות צווישן פּאָליטישן שכל־הישר און דעם איינפאַכן, פּשוטן, מענטשלעכן געפיל. בערך אַ פערטל יאָרהונדערט האָב איך געקוקט אויפן דאָזיקן מענטש מיט אויגן פון אַ פאַרליבטן, נישט צו זינדיקן מיט די רייד — מיט געפילן פון אייפערזוכט און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער קנאה צו דעם לאַגער, וועלכן גרינבוים האָט אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן זיינס. זאָלן די געטער מיך אויסהיטן פון אַ שטרויכלונג!

— 1 —

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען אין איינעם פון די האַרבסט־אָוונטן פון יענעם האַרבסטיקן יאָר 1918, וואָס האָט היסטאָריש געצייכנט די ערשטע שעהן פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט מיטן בלוט פון לעמבערגער יידן — אומגעקומענע אין אַ מיליטערישן פּאָגראָם. אין איינעם פון די וואַרשעווער זאַלן איז פאָרגעקומען אַ יזכור־אָוונט געווידמעט די געפאַלענע — אַ ציוניסטישע פאָלקס־טרויער־פייערונג און איינער פון די רעדנער איז געווען יצחק גרינבוים.

ער איז נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון רוסלאַנד, ווו ער האָט מיטגעמאַכט די ערשטע שטורעם־חדשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע און בירגער־קריג. אין פּוילן נאָך יאָרן אָפּוועזנהייט — אַ פּנים חדשות. דער יידישער מאַסן־מענטש האָט אים כמעט נישט געקענט.

עס איז געווען סך־הכל איין יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און פונקט אַזוי פיל — זינט דער זיגרייכער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ביידע יונג און — צוזאָגנדיק. אויף דער יידישער גאַס זענען געווירן, געוואקסן

און זיך קעגנזייטיק דערווידערט צוויי קעגנגעזעצטע שטרעמונגען. שטרע־בונגען און האָפענונגען — צוזאָגן וואָס עס האָט געגעבן די רוסישע רע־וואָלוציע און די רעוואָלוציעס אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער פון איין זייט און — דאָס, וואָס עס האָט צוגעזאָגט די באַלפור־דעקלאַראַציע.

אויפן יזכור־אָוונט האָבן כמעט אַלע רעדנער טאַקע געמאַכט דעם איינציקן פּאָליטישן אויספיר: אַרויס פון גלות. דערנאָך האָט זיך אויפ־געשטעלט צום רעדן אַ מיטלוווקסיקער, ברייט־פּלייציקער מענטש קרוב פערציק, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געקרויזלטע האָר און אַ קמץ־בערדל. מיט זיכערע, אַביסל שווערלייביקע טריט איז ער צוגעקומען צו דער ראַמפּע. דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט פעסטקייט, עקשנות. די אויגן האָבן גע־ברענט, געשלאָגן אַ היץ אין זאַל אַריין אַזוי, אַז זי האָט אַלעמען פאַר־שלונגען, צענויפגעשמאָלצן צוזאַמען נאָך איידער דער מענטש האָט גע־עפנט דאָס מויל.

דאָס איז געווען יצחק גרינבוים.

געווען בעסערע רעדנער פון אים. עפעקטפולערע — געוויס. גרינ־בוים איז נישט קיין מייסטער אין דער רעדנער־קונסט. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַזוי ווילנס־מעכטיק, אַזוי ווירקנדיק, אַז די ווערטער זיינע — איינפאַך, נישט צוגעקליבן — זענען געפאַלן אין זאַל אַריין ווי רויט־צעגליטע שטיקער פייער.

להיפּוך צו אַלע אַנדערע רעדנער האָט ער נישט אַזוי ווייט מספּיד געווען די געפאַלענע אין פּאָגראָם, אויך נישט אַזוי ווייט אָקצענטירט דעם פּאָליטישן אויספיר פון ציוניזם, נאָר גערופן צו קאַמף, צו ווידערשטאַנד אויף יעדן אָרט, אויף יעדער פּאָזיציע פון יידישן לעבן אין פּוילן. דער לעמבערגער פּאָגראָם איז ביי אים דאַן נישט געווען קיין אויסגאַנגס־פּונקט פאַר פּליטה קיין ארץ־ישראל, נאָר פאַר עקשנותדיקן אויסדויער און קאַמף טאַקע אויפן אָרט.

די רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אין דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט אין פּוילן, אין פּוילישן ציוניזם, האָט זיך פאַרמאָלדן אַ קרעפטיקע געשטאַלט מיט אַן אייגנאַרטיק פּאָליטישן פּנים און כאַראַקטער.

פריש זענען נאָך געווען ביי אים אין בלוט די סאָציאַליסטישע „חטאת נעורים" און דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אין זיינע רייד ווי אין זיינע

מעשים. אַ שטורמישע נאַטור, מיט אַ סך רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, האָט ער אַנגעשלאָגן נייע און דרייסטע טענער — אומהיימישע פאַרן אויער און פרעמדע פאַר דער מענטאַליטעט פונעם באַלעבאַטישן עילם, צו וועלכן ער האָט דאַן גערעדט.

— 2 —

גרינבוים איז געווען אַ „העלסינגפאָרסער״.

פאַר פיל ציוניסטישע טוער און פירער איז העלסינגפאָרס געווען נישט מער ווי אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט געצילט אויסגענוצט צו ווערן אין קאַמף מיט אַנטי־ציוניסטישע ריכטונגען. גלות־אַרבעט איז נישט געווען קיין זאַך וואָס מען האָט ג ע וו אָ ל ט, נאָר וואָס מען האָט ג ע מ ו ז ט טאָן, ווייל די יידישע ווירקלעכקייט האָט געצווונגען דערצו — מען האָט זי געמוזט טאָן פּאָליטיש, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז אַנדערע זאָלן זי טאָן. „קעגנוואַרט־אַרבעט״, ווי מען האָט עס דאַן גערופן, איז ביי די ציוניסטן נישט געווען קיין ווערט פאַר זיך אַליין, נאָר אַ מיטל צו באַהערשן און האַלטן די מאַסן מיט זיך, מיטן ציוניזם, מיטן פּאַלעסטיניזם. פאַר גרינבוימען אָבער איז קעגנוואַרט־אַרבעט דאַן געווען אַ יש פאַר זיך אַליין. אָבער דאָ טאַקע וויקלט זיך אַרויס איינע, אָבער ווייט נישט די איינציקע, פון אַ ריי סתירות וואָס האָבן געמוזט שאַפן אַ קידער־ווידער אינעם אינ־טים־גייסטיקן לעבן פון גרינבוימען.

גרינבוים האָט די קעגנוואַרט־אַרבעט געפילט, געדאַרפט און פאַר־שטאַנען נישט ווייניקער ווי זיין ענדציל. ער האָט געפילט און פאַרשטאַ־נען, אַז עס דאַרפן זי די יידישע מאַסן, וועלכע זענען נישט קיין רוי גע־הילץ, וואָס מען קען בלויז טראַנספּאָרטירן... שיקן איבערן וואַסער אויף עקספּאָרט קיין פּאַלעסטינע. די העלסינגפאָרסער רעזאָלוציע פון די ציו־ניסטן (1906) איז ביי אים נישט געווען קיין פּאָליטיש־טאַקטישער צוג לגבי די גלות־פּאַרטייען, נאָר אַ וועזנטלעכער באַשטאַנדטייל, איינער פון די עיקר־עלעמענטןביים פאַרקנסן זיך צום ציוניזם.

די ערשטע זענען געווען קאָנסעקווענטער און האָבן ממילא געלעבט אָן סתירות. גרינבוים האָט געלעבט אַ דואַליסטיש, אַ צעצווייט לעבן, אַ

לעבן פון אינערלעכע גייסטיקע סתירות פון וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט אַרויסקריגן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער האָט געהאַלטן ביידע, די דאָ־איקייט און דעם ציוניזם פאַר גלייכווערטיק און חשוב. ער האָט געוואָלט באַהעפטן צוויי זאַכן, וואָס זענען אין זייער מהות ווידערשפּרעכלעך איינע דער אַנדערער. קעגנוואַרט־אַרבעט אַלס ענין פאַר זיך אַליין האָט געשלאָגן אַלץ מער און אַלץ טיפער די וואָרצלען פון יידישן לעבן אין גלות, געשטאַרקט זיי און באַפעסטיקט, בעת דער עכטער, דער אינטעגראַלער ציוניזם האָט עס נישט געוואָלט און עס ממילא נישט מכוון געווען.

ווי געזאָגט, איז דאָס נישט געווען די איינציקע סתירה ביי גרינבוימען. פון דער נאַטור בונטאַריש, רעוואָלוציאָנער, איז פאַר אים די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע לופט אין אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער נישט געווען גענוג גינסטיק, אַז ער זאָל קענען מיט איר אָטעמען מיט פולע ברוסטן. זיינע סימפּאַטיעס פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר „עמך" בכלל זענען געווען גענוג אָפן און בולט אַזוי, אַז מען האָט זיי געקענט אָנטאַפּן. פאַר די לינקע פּועלי־ציון האָט ער קיין סך האַרץ נישט געהאַט. אין זייער ציוניזם האָט ער נישט געהאַט וואָס צו זוכן און אין זייער מאַרקסיזם האָט ער גאָרנישט געפונען: אויב מאַרקסיזם, האָבן די אַנדערע פּאַרטייען געהאַט אין אַ פיל ריינערער און קלאָרערער פאָרם. אָבער גרינבוים איז נישט קיין מאַרקסיסט. נענטער זענען אים געווען די רעכטע פּועלי־ציון. אָבער פּונקט ווי די לינקע האָבן זיי אין פּוילן געהאַט פּענער און לאַזונגען, הינטער וועלכע עס האָט געפעלט איין זאַך וואָס ער, גרינבוים, האָט געזוכט און געהאַלטן פאַר וועזנטלעך: מאַסן. דעריבער — ווען ער האָט אין 1922 געשאַפן דעם נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק צו די וואַלן פון פּוילישן פּאַרלאַמענט, איז ער גרייט געווען זייער אַ סך אָפּצוגעבן דעם „בונד", אַבי ער זאָל צושטיין צום דאָזיקן בלאָק.

גרינבוימס מאָדערנע יידישע וועלטאָנשויאונג האָט אין יענע יאָרן זיך קאָנצענטרירט אַרום צוויי קעגנגעזעצטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען: ציוניזם און „בונד". אין איין צייט אַנטשטאַנען — ווירקן זיי ביידע און זענען משפּיע דאָס יידישע לעבן און פירן עס. הייגט פילט גרינבוים מסתמא אינגאַנצן אַנדערש, אָבער אין יענע יאָרן וואָלט עס געווען דער גרעסטער נס פאַר גרינבוימס צעצווייטער נשמה, ווען אָט די צוויי הויפּט־

כוחות אין יידישן לעבן אין דער ערשטער העלפט פון אונדזער יאָרהונ־דערט וואָלטן זיך צוזאַמענגעטראָפן, געגאַנגען צוזאַמען אין נישט להיפוך צו זיך.

אויף איינעם פון די פילע וואַל־מיטינגען צום פוילישן סיים, אין די הייסעסטע שטורעם־יאָרן פון יידישן לעבן אין פוילן — אויף אַ מיטינג אונטערן פרייען הימל, פאַר טויזנטער יידן אין האַרץ פון יידישן וואַרשע — איז אַלס רעדנער אַרויסגעטראָטן יצחק גרינבוים. געקומען אים אָפּאָ־נירן איז איינער פון די פירער פון „בונד" -- גרינבוימס יוגנט־פריינד אין אַמאָליקער אח לדעה — יוסף לעשטשינסקי (כמורנער). דער קאַמף צווישן „בונד" און ציוניזם איז געווען דעמאָלט אין סאַמע ברען און די וואַל־היץ האָט דעם דאָזיקן קאַמף נאָך בולטער און שאַרפער געמאַכט. לעשטשינסקי איז געווען אַ טאַלאַנטירטער רעדנער, מיט אַ טאַלאַנטירטער, קלוגער און בייסיקער פעדער. ער האָט זינט יאָרן גאָרנישט געשוינט דעם ציוניזם אין אוודאי נישט די ציוניסטישע פּאָליטיק אויפן אָרט, אין פוילן. דער ציו־ניסטישער עולם האָט לעשטשינסקין נישט געוואָלט לאָזן צוקומען צום פּסוק. נישט געלאָזט אים רעדן. גרינבוים האָט זיך אויפגעשטעלט אין דרייסט, ווי עס איז זיין נאַטור, באַלאָדן מיט כוח צו שטעלן אויף זיך און טריי צו זיך אַליין, האָט ער מיט עטלעכע קורצע, שאַרפע און דעצידירטע זאַצן איינגעשטילט זיין עולם.

— עס שטייט פאַר אייך — האָט ער געזאָגט — אַ פאָרשטייער פון אַ גרויסער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. פּאַראַלעל צום ציוניזם איז דער „בונד" דער צווייטער כוח פון אונדזער מאָדערנער יידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט זינט צענדליקער יאָרן. מיר האָבן חשבונות מיטן „בונד" און מיר גיבן זיי נישט אויף. עס שטייט פאַר אייך אַ לאַנגיאָריקער און פאַרדינסטפולער פאָרשטייער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז אר זאָלט אים אויסהערן רואיק און מיט רעספּעקט.

עולם האָט געפאָלגט און געהערט.

אַז מען רעדט שוין דערפון — האָט זיך גרינבוים מיט לעשטשינסקין אויך אַ צווייט מאָל געטראָפן אויף איין געמיינזאַמער טריבונע, אויף אַן אַקאַדעמישן דיספּוט, אַ צוויי־געפעכט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין וואַרשע. עס איז געווען אַ געראַנגל פון אידייען און אַנשויאונגען אין

יידישן לעבן, אַ ווערטער־קאַמף געפירט אין הענטשקעס, גאַלאַנט און מיט אַ סך קעגנזייטיקן רעספּעקט און טאַקט.

אויך אין דער שפּראַכן־פראַגע איז גרינבוים געווען דואַליסטיש. יידיש איז נישט געווען ביי אים די פאַרשפּיגענע און פאַרשריגענע שפחה, נישט בלויז אַ לית־ברירה־מיטל כדי צוצוקומען צום קאָפּ, האַרץ און בייטל פון פאָלק. יידיש איז פאַר אים געווען אויך פיל מער, ווי די שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן אומגאַנג. יידיש איז געווען פאַר אים די גייסטיקע דערהייבונג פון די מאַסן, איר רענעסאַנס, דער קוואַל פון שעפערישער שיינקייט פאַר אירע קינסטלער. גרינבוים היט אויף אַן אומגעהויערן קולט פאַר פרצן, אַ גרויסע ליבשאַפט פאַר אַשן, אַ געוואַלדיקע באַגייסטערונג פאַר שלום עליכמען. ער קוועלט אָפּ פון אַ גוטער יידישער טעאַטער־פאָרשטעלונג. ער פאַרשטייט אויך, אַז עס לאָזט זיך נישט אַוועקווארפן הונדערטער יאָרן פאָלקס־יצירה צווישן אַ יאָ און אַ ניין, בפרט — ווען דאָס איז רעאַלע, טאָג־טעגלעכע, ממשותדיקע ווירקלעכקייט. ער וואָלט געוואָלט אַריבערוואַרפן אַ בריק צווישן יידיש און העברעאיש, וועלכע איז די שפּראַך פון אַלע יידישע שפּראַכן. די שפּראַך פון דער טיפּסטער יידישער פאַרגאַנגענהייט ביז אין דער ווייטסטער, אויסגעטרוימטער צוקונפט אַריין. ער וואָלט, הייסט עס, געוואָלט, אַז די דאָזיקע צוויי ברידער זאָלן נישט זיין צעקריגט צווישן זיך און לעבן בשלום צוזאַמען.

ווען דער פּוילישער סיים האָט באַטראַכט די פראַגע וועגן אויסהאַלטן אָדער סובסידירן די יידישע שולן, האָט זיך פאַר די ציוניסטישע דעפּוטאַטן אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער האַרבקייט די שפּראַכן־פראַגע: יידיש אָדער העברעאיש. ביי אַ סך ציוניסטישע דעפּוטאַטן האָט מען געקענט לייכט פועלן צו שטעלן זיך אויף דער זייט פון העברעאיש און פּטור אַן עסק. גרינבוים האָט געוואָלט ביידע שפּראַכן — געוואָלט עס נישט בלויז פּאָליטיש, נאָר טאַקע מיט אייגענער דורכגעפילטער און דורכגעטראַכטער איבערצייגונג. אַ מערהייט יידישע דעפּוטאַטן האָט באַשלאָסן, אַז דער גאַנצער קלוב פון יידישע דעפּוטאַטן זאָל שטימען בלויז פאַר העברעאיש. גרינבוים האָט געפאָלגט און געשטימט ווי דער קלוב האָט באַשלאָסן: בלויז העברעאיש. אָבער שפּעטער איז ער געקומען אויף טלאָמאַצקע 13 זיך פאַרענטפערן און אויפקלערן. געווען אַ שווערע זאַך. אוממעגלעך. די גאַס

האָט געבראַוזט. דער פּאַרזאַמלטער עולם אויף טלאָמאַצקע האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן די רעדע. נאָכן בעגע מאַכט גרינבוימען, אין ביטערן צאָרן, געשלעפּט פון דער טריבונע.

...סתירות, וואָס האָבן גרינבוימען קיין רו נישט געגעבן דורך יאָרן.

— 3 —

גרינבוים האָט אין פּוילן געשאַפן אַ שול, אַן אייגענעם נוסח פון אַ יידישער בירגערלעכער פּאָליטיק. די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט געהאַט איר שול און האָט ביי גרינבוימען גאָרנישט געהאַט וואָס צו זוכן. פאַרן בירגערטום איז אָבער גרינבוימס נוסח — געווען אַ נייעס. עס איז געווען די שול פון אויסגעגלייכטן רוקן, די שול פון פּאָליטישן קאַמף להיפוך צו פּאָליטישער קריכערישקייט. אמת, פאַר אים איז אין פּוילן געווען די פּאָל־קיסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך בעיקר אָנגעשפּאַרט אויפן קליינ־בירגערטום. די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען פּאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פון אַזאַ דרייסטער און קעמפערישער נאַטור ווי דאָס איז געווען נח פּרילוצקי. אָבער דאָס איז געווען אַ קורצער עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין פּוילן. פּאָלקיזם אַליין האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך גענוג עלעמענטן פאַר באַגייסטערונג ווי דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם. ביידע האָבן טאַקע פון פאָלקיזם געריסן שטי־קער. מיט גרינבוימס דערשיינען אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע אין פּוילן, האָט דער פּאָלקיזם גענומען איינשרומפּן. ציוניזם? — געוויס, דאָס איז דער ציל פון אַלע צילן. אָבער — אַן בהלה, אָן געלויף. קיין ציון דאַרף מען עולה זיין, אָבער נישט עוקר זיין...

אין 1937, נאָכן בריסקער פּאָגראָם, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין דער שטאָט עטלעכע טעג. געווען שוין אַ וואָך צי צוויי נאָכן פּאָגראָם און די שטאָט האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין אַ צושטאַנד פון פּאָגראָם־שטימונג. פינצטערע עלעמענטן האָבן ווייטער געפירט די וויסטע העצע קעגן יידן און פּיקעטירט יידישע קראָמען. צוזאַמען מיט פּנחס שוואַרצן פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג” בין איך אַוועק אין די בריסקער האַנדלס־האַלעס — אַ ריזיקע און קיילעכדיקע מיטלאַלטערלעכע מויער

מיט אַן אומפאַנג פון הונדערטער מעטער. פון דרויסן און אינעווייניק האָבן זיך געפונען הונדערטער יידישע קרעמלעך פון צעלניק, שניט און כלערליי אַנדערע סחורות. מיר זענען געגאַנגען פון קראָם צו קראָם און דאָרט דורכגעפירט קליינע און קורצע מיטינגען, געהאַלטן קורצע רעדעס פאַר די קרעמער און יידישע קונים, וואָס האָבן זיך צופעליק דאָרט געפונען. מיר האָבן גערופן צו זעלבסטשוץ און פאַרטיידיקונג, געשטאַרקט, צוגעגעבן מוט צו ווידערשטאַנד. אין איינער פון די דאָזיקע קראָמען האָט זיך אַרויסגערוקט אַ הויכער, אַ פלייציקער יידישער יונגערמאַן מיט אַ געדיכטער באָרד. ער האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ באַזונדערער פריינדלעכקייט. זיינע אויגן האָבן געברענט, ווי אין היץ.

— ליבע יידן — האָט ער צו אונדז אויסגערופן — איך ווייס נישט ווער איר זענט, איך ווייס נישט וואָס איר זענט. איך זע איר זענט יידן און דאָס איז גענוג פאַר מיר. איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן זיך נישט לאָזן. מיט אַלע אונדזערע כוחות וועלן מיר זיך ווערן און אויף קלעפּ וועלן מיר ענטפערן מיט קלעפּ צוריק. איך בין פון גרינבוימס חדר, איר פאַרשטייט?...

גרינבוים איז שוין דעמאָלט נישט געווען אין פוילן. געווען שוין עטלעכע יאָרן נאָך זיין אומגליקלעכער דערקלערונג, אַז אין פוילן איז פאַראַן מיט אַ מיליאָן יידן „צופיל". די שול זיינע, זיין נוסח, האָט אָבער געלעבט ווייטער און וואַרשיינלעך — צווישן זייער אַ סך פון יענעם מיליאָן יידן, וואָס גרינבוים האָט פלוצלינג גענומען האַלטן פאַר „צופיל".

נישט געווען קיין גרינגע זאַך אַרויסצורייסן אַ יידישן קרעמער פון די ד׳ אמות פון זיין קרעמל און פאַרוואַנדלען אים אין אַ קעמפער. עס איז לייכטער געווען צו מאַכן אים פאַר אַ ציוניסט. אָבער דער זעלבער „מיליאָן", וואָס גרינבוים האָט געפונען פאַר „צופיל", האָט זיך דווקא דורך גרינבוימס טעטיקייט זעלבסטבאַשטימט פאַר פּולווערטיק, לחלוטין נישט איבעריק. שוין דער מינדערהייטס־בלאָק אַליין, וואָס גרינבוים האָט געשאַפן בעת די וואַלן צום סיים אין 1922, ווי אַן ענטפער און אָפּווער קעגן די אַנטיסעמיטישע פאַרטייען, האָט דאָך געהאַט אַ גרויסע דערציערישע ווירקונג אויפן דורכשניטלעכן ייד, וועלכער איז דורך דעם דאָזיקן בלאָק געוואָרן אַ גלייכער און אַקטיווער שותף אין קאַמף מיט גויים צו־

זאַמען קעגן אַנדערע גויים. דאָס האָט געשאַפן בירגערלעך באַוווסטזיין ביַשט ווייניקער ווי נאַציאָנאַל באַוווסטזיין.

גרינבוימס מענטאַליטעט פון אַ בונטאַר האָט גורם געווען סתירות, פּאָליטישע קאָנפליקטן, אין די אייגענע ציוניסטישע רייען.

ווען ער האָט אין פּוילישן סיים, ביי דער אָפּשטימונג פון צוואַנג־זונטיק־רו, אויסגערופן: „איצט האָט איר פאַרלוירן ווילנע, לעמבערג, פּינסק, ראָוונע און קאָוועל", איז דאָס געווען אַן אומצווייידייטיקער רמז אויף די קאָמפּאַקטע מאַסן יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די דאָזיקע שטעט. דער דאָזיקער אויסרוף איז געווען צו „דרייסט" און צו צווייידייטיק — רע־וואָלוציאָנערער פּראָטעסט שלעכט אויסגעדריקט. די אַנטיסעמיטן האָבן עס אויסגעטייטשט ווי אַ דראָאונג נישט צו וועלן אין יענע געגנטן באַ־שיצן פּוילנס גרענעצן...

דער גאַליציאַנער ציוניסטישער דעפּוטאַט לעאָן רייך האָט געהאַט אַ גרויסע „מעלה" — ער איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. אַ פּראַק־טישער ייד געווען מיט אַ כלל־טוערישער שיטה, אַ בפירוש־היפּוכדיקע צו דער, וועלכע עס האָט פאַרטרעטן גרינבוים. צווישן אָט די צוויי פירער פון ציוניזם אין פּוילן איז געלעגן אַ תהום. גרינבוים איז אַ פּאָליטיקער, אַ קעמפער. רייך — אַן עסקן, אַ שתדלן. פּאָליטיק און שתדלנות זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. גרינבוים האָט נישט געזען דעם יחיד, נאָר דעם כלל, דעם רבים. דער יחיד איז פאַר אים געווען בלויז אַ ביישפּיל, אַ באַווייז אין קאַמף פאַר זיינע, גרינבוימס, פּאָליטישע פאָדערונגען. אויסקעמפן אַ פּרינ־ציפּ, אַ געזעץ, אַ כלל פאַר אַלע, וועט נישט זיין קיין אָרט פאַר עוולות לגבי דעם יחיד. רייך האָט נישט געקעמפט פאַר פּרינציפּן, ער האָט גע־זוכט רעאַלע, ממשותדיקע רעזולטאַטן פון פאַל צו פאַל. אַן אינטערווענץ־פּאָליטיקער, אַ שתדלן. עס איז די פּאָליטיק פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. דער צד שכנגד האָט הונדערט מאָל געקענט נאָכגעבן און אַנטקעגנקומען רייכן, פאַרבעסערן אַן עוולה לגבי איינעם איידער איין מאָל נאָכגעבן גרינ־בוימען, געזעצגעבעריש פאַרפיקסירן אַ פּרינציפּ.

דאָס יידישע בירגערטום האָט געשעצט גרינבוימען, אָבער נישט גע־האַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר אים. נאָך מער: האָט מען פאַר אים אַביסל

מורא געהאַט. רייכן האָט מען וויניקער געשעצט. אָבער זיין פּאָליטיק האָט מען געשטיצט.

און אַז פּוילן איז אין 1930 געגאַנגען צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן אונ־טערן טעראָר פון פּילסודסקיס „פּאָלקאָווניקעס״, אונטער דער דראָאונג פון ברעכן די ביינער, און אַז יידישע קרעמער, יידישע שטייער־צאָלער, האָבן זיך געפונען אונטערן טעראָר און דרוק פון רעזשים־פּאָליציאַנט און פון שטייער־באַאַמטן; ווען וואַל־פּאַרזאַמלונגען פון אַנדערע אָפּאָזיציע־פּאַרטייען זענען פאַרווערט געוואָרן, אויפגעלייזט אָדער צעטריבן געוואָרן — האָט גרינבוים געוואָרפן דעם לאָזונג, וואָס האָט אַראָפּגעשריגן פון די מויערן פון פּוילנס הויפּטשטאָט:

— אָן פחד און אָן מורא.

דער בירגערלעכער יידישער מענטש האָט זיך דורכגענומען מיטן דאָ־זיקן לאָזונג. געגאַנגען, אפשר מיט פחד און מיט מורא, אָבער — גע־גאַנגען אַזוי ווי גרינבוים האָט גערופן.

— 4 —

אין גרינבוימס נשמה האָט אין יענע יאָרן נישט געהערשט קיין שלום ושלווה. אין זיינע איבערצייגונגען, אין זיינע בליקן אויף דער יידישער ווירקלעכקייט, האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַ ויתרוצו, וואָס האָט אים קיין רו נישט געגעבן און אַוודאי נישט — קיין פרייד.

דער דראַנג צו שלימות און אינערלעכן גייסטיקן שלום־בית איז אין יעדן מענטש פון טאָט אומגעהויער גרויס. אַוודאי — ביי אַזאַ מענטש ווי גרינבוים. פאַר זיין בונטאַריש געמיט האָט ער געדאַרפט האָבן אַ גרוי־סע, אַ יערנדיקע מאַסע פול מיט רעוואָלוציאָנערער דינאַמיק. אָבער אין זיין פּאָליטישן לאַגער אין פּוילן האָט ער זי נישט געהאַט. פאַר אַזאַ גראַד־ליניקן מענטש ווי ער, דווקא פאַר אים, איז געווען נייטיק אַן אויסגע־שפּראָכן און קלאָר פּראָגראַם, אָן זיגזאַגן און אומוועגן, אַ בולט־געצייכנ־טע, אַ גראָדע ליניע וואָס פירט אין איין אויסגעשפּראָכענער ריכטונג. די העלסינגפאָרסער רעזאָלוציע איז אָבער ווייט נישט קיין פאַר מיטן באַזע־לער פּראָגראַם. זיי זענען ווי יעקב מיט עשון ביי רבקהן אין טראַכט: איי־

נער ציט אין איין ריכטונג, דער צווייטער — אין אַ פּונקט קאַפּויערדיקער ריכטונג. גרינבוים האָט דעם דאָזיקן ויתרוצצו דערפילט שוין מסתמא אין די צוואַנציקער יאָרן, דעמאָלט נאָך ווען ער איז געשטאַנען מיטביידע פיס אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין פוילן. און אַז דאָס דאָזיקע געפיל איז אַלץ מער און מער דערגאַנגען צום באַוווסטזיין, איז ריין געוואָרן דער געדאַנק וועגן אַ קייזערשניט אין זיין גאַנצער יידיש געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג. אַ דרייסטער מענטש, מיט אַ סך ציווילן מוט, האָט אים נישט פאַרפעלט קיין כוח צו זאָגן אַלעמען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט זיך אַליין. און האָט ער געמאַכט אַ שטריך איבער העלסינגפאָרס, ער האָט עס געטאָן עכט גרינבוימיש, ראַדיקאַל, אָן פּאָליטישע שלייערן — פאַרוואָרפן אַפילו דעם פּאָליטיש־פּראַקטישן ווערט פון דער רעזאָלוציע און געלאָזט פאַלן די באַרימטע פראַזע וועגן אַ מיליאָן יידן „צופיל“ אין פוילן.

אַזאַ זאַג האָט נישט געשמעקט אַפילו זיינע אייגענע אידייען־פריינד — ער האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט. עס האָבן עס אונטערגעכאַפּט אַלע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיקער אין פוילן — דאָס איז אים נישט אָנגעגאַנגען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכן צאָרן און פּראָטעסט אינעם יידישן דאָ־לאַגער אין פוילן — ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען.

עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז גרינבוים האָט דאָס אַלץ נישט פאַרגעזען. דערויף איז גאָרנישט נייטיק געווען קיין צו גרויסע פּאָליטישע ווייטזיכטיקייט. אָבער קוים האָט ער זיך דעצידירט, דורכגעקומען מיט זיך, אַליין, מיטן אייגענעם געוויסן, האָט ער געטאָן דאָס, וואָס זיין געוויסן האָט אים באַפוילן — געזאָגט דאָס וואָס ער טראַכט.

דער דאָזיקער זאַג גרינבוימס דאַרף גערעכנט ווערן פאַרן אָנהייב פונעם ענדגילטיקן איבערברוך אין זיין איינשטעלונג. ריקצוג פון העלסינגפאָרס, אָנהייב פון דער ליקווידאַציע פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין גלות. דער ציוניסטישער אינטעגראַליזם האָט שוין געהאַט איבערגעוויגן אין אים מסתמא אַלע אַנדערע עלעמענטן, וואָס זענען געווען אַ מניעה פאַר זיין אינערלעכער גלייכגעוויכט און רו. דער ציוניזם אין זיין אייסדריקלעכסטער געשטאַלט האָט אים באַהערשט, גובר געווען אַלע

אַנדערע עלעמענטן און גענומען אין אים די אויבערהאַנט. נאָך האָט ער געפירט מיט דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין פּוילן, געשטאַנען בראש. דאָס האַרץ און דער מוח אָבער זענען שוין געשטאַנען פּאַרפּאַקט אינעם רענצל און — אַדרעסירט קיין ארץ ישראל. די געשעענישן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, די געשעענישן אין פּוילן גופא אין די דרייסיקער יאָרן, האָבן דעם דאָזיקן ליקווידאַציע־פּראָצעס פון זיין אַרבעט און פון זיין פּערזענלעך לעבן אין גלות אַוודאי פאַרגיכערט.

אין פּוילן האָט דער פּילסודסקי־לאַגער וואָס ווייטער אַלץ מער אַ תל געמאַכט פון אַלע דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע דערגרייכונגען, איינגעפירט אַזאַ רעזשים מיט אַזאַ פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, אַז אַפילו די יידישע אָרטאָדאָקסיע, וועלכע האָט זיך אַ ריי יאָרן נאָכגעשלעפּט נאָכן פּילסודסקישן רעגירונגס־וואָגן, האָט פאַרלוירן די אָריענטאַציע. עס איז פאַרבליבן נישט מער ווי אויסזיכטלאָזע קריכערישקייט. פאַרנומען מיט דעם האָבן זיך איינצלנע יידישע כלל־טוער, אַריינגעפירטע אין פּוילישן פּאַרלאַמענט נישט דורך די מאַסן דירעקט און אין רעזולטאַט פון אָפנעם וואַל־געפעכט, נאָר מיטן חסד פון די מאַכט־פּאַקטאָרן, מיטן חסד פון דער זעלבער אַנטיסעמיטישער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע. פאַר גרינבוימען — אַן אוממעגלעכע זאַך ווייטער אָנצוגיין, ווייטער צו פירן. ער האָט געדאַרפט די גאַס, די נישט־געפעלשטע עפנטלעכע מיינונג, די דעמאָקראַטישע טריבונע. די טריבונע איז צעשטערט געוואָרן און די לופט איז אויסגעפּאָמפּעט געוואָרן אַזוי, אַז עס איז נישט געבליבן מיט וואָס צו אָטעמען.

ויהי היום:

גרינבוים האָט ליקווידירט דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין פּוילן און ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל.

נאָך האָט ער געמאַכט אָפטע וויזיטן קיין פּוילן, אינעם לאַנד פון זיין געבורטס־אָרט — פּלינסק, צום ישוב וועלכער האָט אים אַרויסגעגעבן און אין וועלכן ער האָט געווירקט. כמעט יעדעס יאָר פלעגט ער קומען קיין פּוילן, אָפזיין דאָרט אַ לענגערע פּאָר וואָכן. עס האָט אים געצויגן אַהין, געצויגן צום פאַרביקן פּוילישן יידנטום. סוף־כל־סוף האָט ער דאָרט פּערזענלעך, אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, איבערגעלאָזט אַ סך פון

דעם, וואָס האָט זיך מיט קיין שום טעכנישע טראַנספּאָרט־מיטלען בשום אופן נישט געלאָזט אַרויספירן. פלעגט ער קומען אַהין, ווו דאָס דאָזיקע פאַרמעגן האָט געשטעקט. אַליין האָט ער זיך אַלץ מער פאַרוואָרצלט אין ארץ־ישראל.

— 5 —

אויף טלאָמאַצקע, אַנטקעגן דער וואַרשעווער סינאַגאָגע, איז געשטאַ־נען אַ גרויסע, פינף־שטאָקיקע געביידע — דאָס הויז פון איינעם פון די אַמאָליקע יידישע באַלעבאַטים פון שטאָט — ר׳ מאיר רונדשטיין. אי־נעם דאָזיקן הויז, וואָס האָט אַמאָל געשמט מיט תורה און גדולה און שפּעטער מיט שמד און אַפּטריניקייט — אויפן פינפטן גאָרן, מיט אַן אומ־געשטערטן אויסקוק צו דער פּרעכטיקער דעכער־פּאַנאָראַמע פון דער פּוי־לישער הויפּטשטאָט, האָט גרינבוים געהאַט זיין דירה. אין די שפּעטע נאַכט־שעהן איז דאָס דאָזיקע הויז תמיד געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. פון די פאַרלאָשענע פּריצישע פענצטער פון אָט־דעם הויז האָט אַרויסגעקוקט רואיקע נאַכט און שלווה. איין פענצטער איז ווייניק גע־שלאָפן אין די נעכט — דאָס פענצטער פון יצחק גרינבוימס אַרבעט־צי־מער. עס פלעגט דאָרט תמיד זיין העל־באַלויכטן ביז טיף אין חצות אַריין. סיידן — דער באַלעבאָס איז נישט געווען אין דער היים.

געבענטשט מיט פיזישע כוחות און נאָך מער מיט אומרו און ענער־גיע, האָט גרינבוים זייער ווייניק רו געגעבן זיין אַרבעט־צימער. עס איז דעריבער געווען היפּשלעך אָפּגעלאָזן, אַזוי ווי עס איז להבדיל אַ מענטש נאָך אַ שלאָפלאָזער עולם־הזהדיקער נאַכט.

האַרט ביי דער פענצטער־וואַנט איז געשטאַנען אַ טיש פאַרוואָרפן מיט פּאַפּירן, טאַשן מיט דאָקומענטן, צייטונגען, כתב־ידן און אין דער מיט — אַ בילד — גרינבוימס פרוי. הינטערן טיש — ביי דער וואַנט — אַן אָפענע פּאָליצע ווי אין אַ שפּייז־קראָם, כאַאָטיש באַלאָדן מיט טאַשן, פּאַפּירן, צייטונגען און ביכער. אויף די ווענט — דעם טויב־שטומען יידישן קינסטלער מאַוריצי מינקאָווסקיס אַן אייל־בילד: אַ יידישע אויבסט־הענד־לערקע ביי אַ קוישל מיט פרוכטן, רעפּראָדוקציעס פון פרצן, ביאַליקן,

אַשן. נו, און פון סופיט אַראָפּ — דער ענגליכטער, וואָס איז אַמאָל געשאַנגען אין פרצעס אַרבעט־צימער אויף ציגל־גאַס — אַ מתנה פון דער אַלמנה, העלענע פּרץ.

אינעם דאָזיקן צימער האָט גרינבוים קאָנפערירט, אסיפות געמאַכט, אויפגענומען דעלעגאַציעס פון דער ווייטסטער פּראָווינץ, זיי אויסגעהערט און געשיקט אין נאַציאָנאַל־ראַט אַריין. לאַחדימדיקע זאַכן האָט ער נישט גערן געהאַט, זייער זעלטן אַזעלכע זאַכן אַליין דערליידיקט. בלויז אין אויסנאַמען, ווען אַ זאַך האָט אים באַזונדערס אַ ריס געטאָן.

געקומען צו אים אַמאָל אַ יונגערמאַן פון אַ קליין שטעטל וועגן אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל — דאָס געהער צום פּאַלעסטינע־אַמט. פאַר גרינבוימען שטייט אַ באַבערדלטער יונגערמאַן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע. ער שווייגט און קוקט פאַרעקשנט גרינבוימען אין די אייגן אַריין. געווען אין פּאַלעסטינע־אַמט. פאַראַן מניעות. קיין געלט האָט ער נישט, דער יונגערמאַן. פאַר הכשרה — צו שפּעט. אוממעגלעך.

— ווי אַלט זענט איר?

— קרוב צו פערציק.

— קינדער?

— זעקס, קיין עין־הרע נישט...

— איר קריגט אַ סערטיפיקאַט...

גרינבוימס אַרבעט־צימער, ווי געזאָגט, פלעגט גיין זייער שפּעט שלאָפן. אייגנטלעך — בלויז אַ דרעמל טאָן און זייער פרי אויפשטיין: דער באַלעבאָס גיט קיין רו נישט. נאָך כמעט נישט איבערגעביסן, אָנעם קראַוואַט אויפן האַלדז — האָט יצחק גרינבוים שוין פולע הענט מיט אַרבעט. לויפיקע ענינים אַרום פרצעס ליטעראַרישער ירושה, יידישע פאַרלעגער, העברעאישע פאַרלעגער, לויפיקע ענינים אַרום אַנסקיס ליטעראַרישער ירושה — דער פאַרלאַג, די אויפפירונגען פון „דיבוק“, פילם, אָפּערע, איבערזעצונגען, בריוו, טעלעפאָנען הין און צוריק וועגן צענדליקער ענינים אַחוץ פּאָליטיק, אַחוץ קאָנפערענצן און זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, פאַרלעזונגען און מיטינגען. צווישן איינס און אַנדערן דאַרף מען אויך אַ נעם טאָן די פעדער אין דער האַנט אַריין. דער „היינט“ האָט צוגעשיקט אַ שליח נאָכן פרייטיק־אַרטיקל, דעם „העולם“ אין לאָנדאָן דאַרף מען אויך

אַוועקשיקן עפּעס צום „פּרעסן“, דער זעצער וואַרט אויף פריש מאַטע־ריאַל פאַר די „ציוניסטישע בלעטער“, וואָס גרינבוים רעדאַקטירט. עס וואַרטן בריוו, וואָס דאַרפן געלייענט ווערן, אויף וועלכע מען דאַרף ענט־פערן; עס וואַרטן רעדעס פאַרן סיים — רעדעס, וואָס דאַרפן געשריבן ווערן; מאַטעריאַל, וואָס דאַרף דורכגעקוקט ווערן איידער די רעדעס ווערן געשריבן — אַ לאַנגע ריי ענינים שטייען איינער הינטערן אַנדערן, שטופּן זיך, שטויסן זיך, כדי אָנצוקומען צו דעם שרייבטיש. טאָג־טעגלעך אַזוי, נאַכט ביי נאַכט אַזוי.

אָט זיצט ער, גרינבוים, ביים אַרבעטס־טיש. שווער, מיט דער גאַנ־צער משא פון זיין אַביסל־קאָרפּולענטן קערפּער, זיצט ער אין פאָטעל, וואָס קרעכצט אַזש אונטער דער לאַסט. אַ שווערע האַנט ליגט אויפן טיש אי־בער בלעטלעך פּאַפּיר. די האַנט רוט נישט. אין די פינגער שטעקט אַ פּע־דער, וואָס סקריפּעט אין אימפּעטיקן לויף איבער שורות. גרינבוימס קאָפּ איז פאַרגראָבן אין פּאַפּיר. דאָס פּנים - - גזשפּאַנט, אָנגעדראָלן. די ליפּן — פאַרביסן. די פינגער — פאַרשמירט מיט טינט. שפּורן פון טינט - - אַפילו אויף דער אונטערשטער ליפּ.

אין געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט ער אַ שם פון אַ שווערן מענטש, אַ קבלו־דעתהניק, דעספּאָטיש, מיט אַ נטיה אָנצוואַרפן יענעם זיין ווילן אַ נטיה איבערצולאָזן וויניק אָרט פאַר דער מיינונג פון אַן אַנדערן. אַזאַ אייגנשאַפט באַשווערט על פי רוב דאָס צוזאַמענאַרבעטן און צוזאַ־מענגיין. דאָס האָט אים אויך געשאַפן נישט וויניק קעגנער. ער איז אָבער געבענטשט מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס האָט דעם דאָזיקן שאַרפן, קאַנטיקן שפּיץ אין זיין כאַראַקטער אומגעהויער געמילדערט, נייטראַליזירט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס. צו דער פּאָליטישער חסידות, וואָס האָט זיך אַרום אים געשאַפן, האָט זיך אויך אויסגעפאָרעמט אַן אַטמאָספער פון אינטימ־קייט, אָן אָהענגעו׳שאַפט. צווישן די חסידים האָבן זיך אין ציוניסטישן לאַגער געפונען נישט בלויז סתם־מענטשן, נאָר אויך גענוג אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען גאָרנישט איף דער לעצטער מדרגה און ווייט נישט אויפן לעצטן שטאַפּל פון פירערשאַפט.

אָט־דער ראַפינירטער כלל־טוער, אָט־דער שאַרפער, קאַנטיקער פּאָ־ליטיקער, וואָס אויסגעשפּראָכנקייט איז איינער פון די כאַראַקטער־שטריכן

זיינע, אָט־דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך אויך די תמימות פון אַ קינד. גרינבוימס שמייכל אַנטוואָפנט. זיין הילכיקער, אַביסל נישט געשליפע־נער, אַביסל אומגעצוימטער און תמיד־האַרציקער געלעכטער רירט און צענעמט, אַזוי ווי דאָס געלעכטער פון אַ צעשטראַלט קינד.

גרינבוים האָט אין מויל צוויי זייטן ציין לאַנג און פאַרשפּיצט ווי ביי אַ וואָלף. אויף דער טריבונע, אין געזעלשאַפטלעכן געפעכט, בעתן רעדן — און אַז ער רעדט, רעדט ער בפה מלא — זעען זיך ביי אים אַרויס די צוויי שאַרפע, שפּיציקע ציינער. עס העלפן נישט די וואָנסעס. זיי פאַר־שטעלן גאָרנישט. קעגנער, שונאים האָבן די דאָזיקע שפּיצן־ציינער זיינע געזען, געפילט.

אין די צייטן פון נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק אין פוילן, האָבן די ענדע־קעס אַרויסגעלאָזט אַ וואַל־פּלאַקאַט קעגן בלאָק, צו דערווייזן ווער אַלץ עס גייט צוזאַמען „קעגן פוילן". עס איז געווען אַ פּלאַקאַט מיט אַ צענד־ליק בילדער — קאַריקאַטור־מעסיק, בייסיק געצייכנט — פון די הויפּט־פירער פון די מינדערהייטן, וואָס האָבן דעם דאָזיקן וואַל־בלאָק געביל־דעט. גרינבוים איז געווען אויפן ערשטן פּלאַן — ער האָט דאָך דעם בלאָק געשאַפן. דערנאָך זענען געקומען די בילדער פון אוקראַאינישע פּאָפּעס, ווייסרוסישע מוזשיקעס, דייטשן וכדומה. דער צייכנער פון די דאָזיקע בילדער — אָן ספק אַ קינסטלער, האָט גרינבוימס זייטן־ציינער דערזען און גרינבוים איז אויפן בילד אַרויסגעקומען ווי עפּעס אַ „חיה רעה", מיט אַן אויפגעריסן מויל וווּ עס זעען זיך בולט די צוויי ציינער אָנגעגרייט צום פאַרצוקן.

אין פּריוואַטן, אין פּערזענלעכן פאַרקער מיט מענטשן, איז געווען דער אַנדערער גרינבוים. דער תמימותדיקער, אַביסל אומבאַהאָלפענער, אַביסל נאַאיוו אַפילו און לייכטגלויביק. דאָ האָט ער געלאַכט און אויך — בפה מלא. אָבער קיין שפּור נישט פון די צוויי וועלפישע ציינער. אַזוי ווי ער וואָלט זיי דעמאָלט אַרויסגענומען פון מויל...

קיין סך צייט פאַר פּריוואַט און פּערזענלעך לעבן האָט ער לכל הדעות קיינמאָל נישט געהאַט. ער האָט זי געמוזט אַרויסרייסן פון דעם גאַנצן סכום צייט, וואָס איז געווען משועבד צו זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די צייט פאַר פּריוואַט און פּערזענלעך לעבן איז נישט געווען

קיין גערעגלטער ענין. נישט געווען ביי אים קיין זאַך פון „עת לעשות" און „עת לשחוק". אַלץ איז געווען אויסגעמישט צוזאַמען, פאַרוויקלט אי־נעם גרויסן טלית פון כלל־אַרבעט אויף וועלכן עס האָבן זיך געצייכנט קליינע, פאַריינזאַמטע ווייסע פינטעלעך, רמזים פון פערזענלעכן, פּרי־וואַטן לעבן.

ער האָט ליב געהאַט צו לייענען אַ בוך און הנאה האָבן דערפון, גיין אויף פּרעמיערעס אין יידישן טעאַטער און טיילמאָל — אויך אויף אַ „מלווה מלכה" אויף טלאָמאַצקע 13, צי אין אַנדער יידישן געזעלשאַפט־לעכן לאָקאַל און אַפילו — נישט אויסגערעדט זאָל עס אים זיין — כאַפּן אַ טענצל (פון די בעסטע טענצערס איז ער קיינמאָל נישט געווען — נאָמ־בערג, סעגאַלאָוויטש האָבן עס בעסער געמאַכט).

די תמימות און פּשטות זענען נישט געווען בלויז נייטראַליזירנדיקע פאַקטאָרן צו זיין שאַרפער קאַנטיקייט אין דער געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט, נאָר פאַר זיך אַליין זענען דאָס געווען זאַכן פון אַ סך רייץ און חן.

איך ווייס נישט פאַרוואָס מען באַנוצט אַזוי זעלטן דעם אויסדרוק „מענטש" אַלס אַדיעקטיוו, אַלס אייגנשאַפטס־וואָרט. משמעות אפשר דערפאַר, ווייל „מענטש" אַלס אייגנשאַפט איז ווייט נישט אַזאַ אָפטע דערשיינונג. ווי אָפט קומט אויס צו זוכן צווישן מענטשן — דעם מענטש, און ווי אָפט קומט עס אויס צו באַהאַלטן זיך אונטער דער אַזוי פּאָפּולע־רער פראַזע: „מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש".

וועגן יצחק גרינבוימען מוז מען זאָגן, אַז ער פאַרמאָגט אַ שלימות־דיקע מאָראַלישע נאַטור, וועלכע צייכנט אַ קלאָרע און גראָדע ליניע פון זיין אינטים, פּריוואַט און פּערזענלעך לעבן, ביז טיף אַריין אין סאַמע צענטער פון זיין געזעלשאַפטלעך לעבן און טעטיקייט. פּראָגרעסיוו, וועלט־לעך און וואָס דער עיקר איז — געטריי די איבערצייגונגען אַזוי, ווי גע־טריי עס איז אַ פרומער ייד די עשרת הדברות — קנאיש טריי און פע־איק צו באַשטיין אויף זיי אָפן, אָן שפּורן פון געזעלשאַפטלעכער היפּאָ־קריטישקייט און גרייט צו קעמפן פאַר זיי ביזן לעצטן אייגענעם אָטעם, ביזן לעצטן טראָפּן אייגן בלוט מיט דער זעלבער קראַפט ווי דאָס האָבן געטאָן זיינע עלטער־זיידעס אין וויטן עבר, אין שעהן פון נסיון און פּרווו.

אַזאַ איז ער געווען. אַזאַ איז ער. און אַזאַ וועט ער שוין פֿאַרבלייבן מסתמא ווי לאַנג ער וועט לעבן. עס איז דאָס אייביקע, דאָס סטאַבילע און נישט דעוואַלואירטע אין אים. עס איז יצחק גרינבוים — דער מענטש. די אויסגעשפּראָכענע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע זיינע אַנדערע אייגנשאַפֿטן, מעלות טובות און טאַלאַנטן.

אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין פּוילן, האָט גרינבוים איבערגעלעבט אַ סך טריאומף־טעג. אָבער נישט זעלטן איז אים אויך אויסגעקומען צו שפּירן דעם ריח פֿון געזעלשאַפֿטלעכן דזשענעכץ. דער קאָפּ האָט זיך ביי אים נישט פֿאַרדרייט אין די טריאומף־טעג און דער דזשענעכץ האָט אים נישט אָפּגעשטויסן. גרינבוים איז אַ מענטש מיט צוויי פֿעסטע פֿיס, וואָס ווו ער שטעלט זיי אַוועק שטייען זיי דעצידירט, נישט וואַקלדיק. שווערע איבערלעבונגען האָבן זיך געקענט ווי זשאַווער איינעסן אים אין די ביינער, אָבער נישט צעפּרעסן און פֿאַרניכטן. דער מענטש אין אים, די מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, איז פֿאַרבליבן אומבאַרירט און פֿריש אין זיבעטן צענדליק, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז געווען אין פֿערטן צענדליק פֿון זיינע יאָרן.

דאָס פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן אַ סך פֿאַרביקע און שיינע געשטאַלטן. יצחק גרינבוים איז איינער פֿון די פֿאַרביקסטע צווישן זיי.

שאַנכאַי, אָקטאָבער 1946.

עמיל זאַמערשטיין



ד״ר עמיל זאַמערשטיין

באַלד נאָכן סוף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז אין דער וואַר־שעווער פאַרשטאָט פּראַגע, אויף שעראָקע 31 געווען דער קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן, פון עטלעכע צענדליק טויזנט אָפּגעשוינדענע שטיקער פון אַ דריי מיט האַלב מיליאָניקן שטאַם וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: פּויליש יידנטום. בראש פון דאָזיקן קאָמיטעט איז דאַן געשטאַנען אַן אַל־טער, אַ קראַנקער און צעבראָכענער ייד מיט אַ גרויסן, למדנישן קאָפּ גרויע האָר, אַ ברייט־צעוואַקסענער און געדיכטער גרויער באָרד און אַ צעאַ־קערט פּנים ווי קאָרע פון אַ סאָסנע־בוים, אַ פּנים וואָס איז אַריינגעוואַקסן אינעם קאָפּ האָר, אין דער באָרד אַזוי, אַז מען זעט כמעט נישט אַרויס מער, ווי גרויסע, געדיכטע און נאָך אַלץ שוואַרצע ברעמען, אונטער וועל־כע עס צייכענען זיך מילדע, פאַרנעפּלט און טרויעריק צוויי גרויע אויגן ווי ביי אַ טויב. אַמאָל — און דער „אַמאָל" איז גאָר נישט אַזוי אַלט, אַ זיבן־אַכט יאָר — אַמאָל האָט דאָס דאָזיקע פּנים געשמייכלט, האָבן די אויגן אין דעם פּנים אויסגעלאָכט די אייגענע גרויע האָר אויפן קאָפּ. דאָס פּנים איז דעמאָלט געווען פול און גלאַט ראַזירט, דער בליק — אָפן און הייטער, לעבנסלוסטיק — דער גאַנג. אָבער אין 1946 איז דאָס פּנים געווען איינגעהילט אין גרוי, די אויגן — מיד און דער גאַנג — שווער און געהויקערט.

עס איז ד"ר עמיל זאָמערשטיין.

די לעבנס־געשיכטע פונעם דאָזיקן מענטש, די געשיכטע פון זיין גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז די געשיכטע פון אַ טראַגישן חוזק־שפּיל פון ביטערן גורל און מזל.

אַלס יונגערמאַן, אין דער צייט פון אויפשטייג און בליאונג פון פּוי־לישן יידנטום, איז ד"ר עמיל זאָמערשטיין אַרויסגעהויבן געוואָרן אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע פון מלוכהש־פּאָליטישן לעבן אין פּוילן; געעלטערט זיך און דורכגעמאַכט אַלע גילגולים פון ירידה און געראַנגל פאַרן קיום פון יידישן קיבוץ אין פּוילן, דורכגעלעבט די פאַרלענדונג און אויסראָטונג פון דאָזיקן קיבוץ און דורכגעמאַכט אַליין אַ „שפּאַציר" אי־בער שבעה מדורי־גיהנום. דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום, צוזאַמען מיט

די פירער און וואָרטזאָגער, איז אין אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן. ער, זאַ־מערשטיין, האָט איבערגעלעבט, אויסגעהאַלטן. און געקומען צוריק פון וואַנעט ער איז אַוועק — צוריק אין דער הויפטשטאָט פון זיין לאַנד, כדי געשטעלט צו ווערן בראש פון די רעשטן לעבנגעבליבענע יידן אין פוילן, מיט די אייגענע אויגן, דורך אימהדיקע טעג און שוידערלעכע נעכט, צו־צוקוקן זיך און צוצוהערן זיך צום געוויין פון פאַרשניטנקייט, און שטיין בראש פון אַ יידישן קאָמיטעט אין פוילן — אָן יידן...

***

אין 1922 האָט דער מינדערהייטס־בלאָק אַריינגעפירט אין פוילישן סיים 34 יידישע בירגערלעכע דעפוטאַטן. דער ייגנסטער פון זיי, איינער פון די יינגסטע פון אַלע דעפוטאַטן פון ניי־געוויילטן פאַרלאַמענט, איז געווען דער לעמבערגער אַדוואָקאַט ד״ר עמיל זאָמערשטיין. ווי דער ייגנס־טער, איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער ערשטער זיצונג פון סיים. דורך יאָרן האָט ער זיך נישט אַרויסגערוקט. בראש זענען געשטאַנען עלטערע פון אים, לאַנגיאָריקע און דערפאַרענע פירער פון יידישן בירגערטום. גע־ווען יצחק גרינבוים, וואָס האָט דעם מינדערהייטס־בלאָק אָרגאַניזירט. עס זענען געווען די שוין פון לאַנג אָנערקענטע פירער פון גאַליציאַנער יידנ־טום: ד״ר לעאָן רייך, פון לעמבערג, ד״ר טאָן פון קראָקע. זאָמערשטיין האָט זיך ביי יענער צייט, בעיקר, געלאָזט פילן אין דער אינערלעכער אַר־בעט פון יידישן פאַרלאַמענטאַרישן קלוב — אין די טעכנישע צוגרייטונ־גען פון פאַרשידענע רעפעראַטן. די פאָליטיק האָבן געמאַכט אַנדערע. אַפילו דער אינערלעכער געראַנגל צווישן נוסח־גאַליציע (שתדלנות) און נוסח־קרוין־פוילן (פאָליטיק, קאַמף) — רייך ־ גרינבוים איז פאַרגעקומען אָן אים.

און אָט איז געקומען די צייט אויף ד״ר עמיל זאָמערשטיין. עס איז שוין געווען היפשע עטלעכע יאָר נאָך פילסודסקיס מאַי־רעוואָלוציע. די אַלטע פירער זענען נישטאָ: ד״ר רייך, ד״ר טאָן — געשטאָרבן, גרינבוים — אַוועק. דער פעריאָד פון פאַרלאַמענטאַריזם, פון סיים־הערשאַפט איז ענדגילטיק ליקווידירט. עס באַלעבאַטעוועט אַ רעגימענט נעשה־ונשמעני־

קעס. דער סיים פירט אויס געהאָרכזאַם און הכנעהדיק אַלץ וואָס די רעגירונג וויל און הייסט. אין דער אויסערן־פּאָליטיק — אַ פּראָ־געראַמאַנישע אָריענטאַציע, אין דער אינערן־פּאָליטיק — גלייכשאַלטונג, טעראָר און אונטערדריקונג פון יעדער פרייער עפנטלעכער מיינונג, שאָוויניסטישע העצע קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַן עקאָנאָמישע אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, אַ פּאָליטיק פון אַנטי־יידישע געזעצן, אָפּענער, דורך דער מאַכט לעגאַליזירטער באָיקאָט פון יידישן האַנדל און מלאכה, פּיקעטירונג פון יידישע געשעפטן, פאַרפאָלגונגען פון יידן אויפן געביט פון העכערער בילדונג. פּאָגראָמען אין די הויכשולן, פּאָגראָמען איבערן גאַנצן לאַנד, שיקאַנעס קעגן יידן מצד דער מלוכהשער אַדמיניסטראַציע, אַ מבול פון פּראָצעסן פאַר „באַליידיקן דאָס פּוילישע פאָלק", פּראָצעסן געשטיצט אויף פאַלשער, בייזוויליקער באַשולדיקונג, געשטיצט אויף פאַלשע עדות, מיט דער אויסשליסלעכער כוונה צו דערנידעריקן די יידישע באַפעלקערונג, נמאס צו מאַכן איר דאָס לעבן און אַרויסצושלאָגן ביי איר די מינדסטע מעגלעכקייט פון פאַרטיידיקונג קעגן ווילקיר און בייזן ווילן מצד דעם נידעריקסטן באַאַמטן, מצד יעדן פּאָליציאַנט און אַפילו סתם־גאַסניונג פון דער פּוילישער אונטערוועלט. און אין סיים זיצט דער רעגימענט רעגירונגס־משרתים מיט דער איינציקער אויפגאַבע וואָס זי האָט: אַפּלאָדירן די צעיושעטע גאַס, נעמען אין שוץ און לויבן די מעשים פון בלוטגיריקע סטודענטן־כוליגאַנעס, לויבן זיי, העצן און צוגעבן מוט צו ווייטערדיקע מעשים. בודזשעט־סעסיעס פון סיים ווערן פאַרוואַנדלט אין בלוט־דורשטיקע מאַסן־מיטינגען קעגן יידן. מיט די דאָזיקע מיטינגען פירן אָן די קאַרפּן־קעפּ פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי. חוזק און האַס קעגן אַ גאַנץ פאָלק פאַרפלייצט דעם סיים.

אינעם דאָזיקן סיים זיצן דריי יידן. זיי זיצן דאָרט טיילווייז מיטן חסד פון די פּוילישע העגעמאָנען, דורכגעלאָזט די דריי יידן אין סיים אַריין גיכער פאַר אַלץ אפשר, כדי די סיים־פאַרזאַמלונגען זאָלן נישט זיין לאַנגווייליק, די יידן דאָרט זאָלן אויסזיכטלאָז שרייען און די רעשט זאָל זיך קענען מיט זיי רייצן, לאַכן פון זיי און פון זייער ווייטיק און דורך זיי, די דאָזיקע יידן אין סיים, שענדן און אויסשפּאָטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און — העצן דעם פּוילישן המון־עם אין גאַס.

די יידישע באַפעלקערונג האָט שוין פון לאַנג דערזען דעם אומזין פון זוכן ביים קאָזאַק יושר, דעם אומזין פון שיקן יידישע פאַרשטייער אין אָט־אַזאַ „פּאַרלאַמענט". אינעם יידישן בירגערטום אין פוילן זענען די מיינונגען געווען געטיילט. איין צד איז געווען פאַר באַיקאָט, אַן אַנ־ע־רער — קעגן. עמיל זאַמערשטיין האָט געהערט צום צווייטן צד. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויסנוצן די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע געלעגנהייט און גיין אין דעם דאָזיקן סיים אַריין, נישט כדי עפּעס צו פּועלן, נאָך ווייניקער — כדי עפּעס אויסצוקעמפן, נאָר איינפאַך, כדי אויך דורך דער טריבונע צו לאָזן הערן פאַר דער וועלט דעם ווײ־געשריי פון דער געפּלאָגטער יידישער באַפעלקערונג.

דריי יידישע דעפּוטאַטן, דריי אויף די אַמאַליקע 43. און בראש פון די דאָזיקע דריי שטייט ד"ר עמיל זאַמערשטיין. ער איז שוין איצט נישט אַזוי יונג. אַ שפּאַר פּעקל מיט יאָרן פאַרביי זינט יענעם טאָג, ווען ער איז אַלס איינער פון די יינגסטע אַריין אין פּוילישן פּאַרלאַמענט. קיין צרות האָבן נישט געפעלט אין משך פון די יאָרן. און איצט זענען זיי נאָך גרעסער, די צרות, זיי יערן, און צוזאַמען מיט זיי ווערט מיט יעדן טאָג גרעסער דער עול, שווערער — די ראָל, וואָס ער, זאַמערשטיין, האָט אויף זיך גענומען. ער מוז איינער אַליין טראָגן די לאַסט פון אַ שליח־ציבור. זיין ווינאַרט איז לעמבערג, דאָרט האָט ער זיין אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע. אָבער די פּראַקטיק זיינע הינקט, זי איז פאַרנאַכלעסיקט. חדשים זיצט ער אָפּ אין וואַרשע, אין סיים־האָטעל, אין דער קאַנצעלאַריע פון דער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּרעזענטאַנץ. יידן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך שרייבן בריוו, אַלאַרמירן הילף; יידן פון אַלע עקן פוילן קומען, זיי דערציילן וועגן פאַרפאָלגונגען און פּיין, עס ברעכט אויס, ווי אַ בייזע פּעסט, — פּאָגראָמען איבערן גאַנצן לאַנד און דערנאָך קומען די פּאָגראָם־פּראָצעסן, נישט קעגן פּאָגראָמשטשיקעס — קעגן יידן! עס קומט פּשיטיק און בריסק, טשענסטאָכאָוו און מינסק־מאַזאָוויעצק. מען דאַרף פאַרטיידיקן, מען דאַרף פאַרטיידיקונג אָרגאַניזירן. זאַמערשטיין איז אומעטום דאָ — עפּנטלעך, צי הינטער די קוליסן. און זאַמערשטיין פאַרמאָגט אַ סך לעבנס־כוחות. ער איז ענערגיש, ער ווייזט אַרויס אַ ממש יוגנטלעכע רירעוודיקייט. אויפן קאָפּ בליט אַ ווינטער, דער קאָפּ איז היפּש־

לעך באַזילבערט און דאָס פּנים שמייכלט, דאָס פּנים איז מונטער, פול מיט האַפּעררדיקייט, די אויגן זענען יונג, דער גאַנג — פעסט.

איך האָב אים אָבסערווירט אין משך פון אַ ריי יאָרן, אין די שווער־סטע יאָרן פון זיין פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט. אין די ביטערסטע פּאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. איך האָב געזען זאַמערשטיי־נען אויף דער טריבונע פון סיים, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שנאה, מיט פאַרניכטנדיקן האַס. אַט בעט ער, אַט ווארנט ער, אַט אַפּע־לירט ער צום שכל און אַט — צום יושר, צום מענטש. אָבער קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. מען הערט אים נישט. און די וואָס הערן יאָ — שפּאָטן, לאַכן, דראָען.

— ווי אַ שאָף צווישן וועלף — האָב איך נישט איין מאָל געטראַכט, אָבסערווירנדיק אים אויף דער סיים־טריבונע.

אַ געשולטער דעפּוטאַט און יוריסט, אַרבעטזאַם ווי ער איז געווען, איז ער נישט געווען בלויז דאָס, וואָס הייסט געוויינלעך: „אַ יידישער דעפּוטאַט”, אַ דעפּוטאַט אויסשליסלעך פאַר יידישע ענינים. אַ פאַכמאַן אויפן געביט פון יוסטיץ־וועזן, איינער פון די געצייילטסטע פאַכמענער אויפן געביט פון זעלבסטפאַרוואַלטונג, האָט ער אָפט גערעדט נישט בלויז וועגן ריין־יידישע ענינים, אַריינגעפירט קלאָרקייט און נייעסן אין ענינים פון אַלגעמיין־מלוכהשן כאַראַקטער. האָט מען זיך דאָ צוגעהערט צו אים. האָט מען זיך דאָ געמוזט צוהערן צו אים און געשעצט אין אים זיין באַ־האַוונטקייט, זיין זאַכלעך און שיין רעדן, האָט מען אים דערפאַר רעס־פּעקטירט אָבער איינצייטיק האָט מען אים געהאַסט, געהאַסט אַלס ייד.

אַ בודזשעט־סעסיע פון סיים פלעגט דויערן בערך פיר חדשים. און בודזשעטן זענען געווען בערך צוויי צענדליק, און יעדער בודזשעט איז נוגע געווען יידן. עס האָט אומעטום ווי געטאָן, אומעטום איז געווען פאַר־וואַרצלט עוולה, אויסראַטונג, פאַרפאַלגונג און פּיין. האָט מען צו יעדן בודזשעט געמוזט נעמען אַ וואָרט, אָפּרופן זיך, באַקלאָגן, אַראָפּרעדן כאַטש פון האַרץ. און זאַמערשטיין האָט עס געטאָן. ער האָט אויף זיך גענומען די גרעסטע צאָל פון די דאָזיקע בודזשעטן, געווען דער ראש־המדברים. בילדונג איז געווען דער טייטש — ספּעציעלע בענק פאַר יידישע סטו־דענטן אין די הויכשולן, באַגרענעצטע מעגלעכקייטן אָנצוקומען אַהין און

אומבאַגרענעצט — די קלעפּ און געשפּאָלטענע קעפּ פון יידישע סטודענטן. יוסטיץ איז געווען דער טייטש: באַזייטיקונג פון יידן פון דער געריכטס־פּראַקטיק, באַגרענעצונג אין דער אַדוואָקאַטור, און אַנטיסעמיטישע מאַ־טיוון פון געריכטס־אורטיילן. אויסערן־פּאָליטיק — האָט געהייסן: עוואַ־קואַציע פון די יידן פון פּוילן; אינערן־פּאָליטיק — לעגאַליזירטער באָי־קאָט און פּיקעטירונג פון יידישן האַנדל, פּאָגראָמען. האַנדלס־בודזשעט — אויסראָטונג פון יידישן מסחר, פינאַנסן — בייזווילליקע שטייערן אויף יידישע קרעמער, כדי זיי פולשטענדיק צו רואינירן, אָפּגעוואָרפענע האַנדלס־ביכער און גרויסע געלט־שטראָפן. קריגס־בודזשעט האָט געהייסן צירקולאַרן קעגן יידישע זעלנער; אַגראַר־בודזשעט — קרייצונג קעגן יידי־שער ריטועלער שחיטה, רויב פון אַרבעט און האַנדלס־מעגלעכקייטן פון טויזנטער יידישע שעכטהויז־אַרבעטער און קצבים, אויסראָטונג פון יידישן דאָרף־הענדלער.

און זאַמערשטיין האָט גערעדט. ער איז תמיד געווען צוגעגרייט, תמיד געווען באַלאָדן מיט דאָקומענטן, פאַקטן: שלאָגפערטיק און גרייט אָפּצוענטפערן אויף זאַלאַגישע, גיפטיקע צווישנרופן. אָן שיינע, באַפליגל־טע ווערטער, אָן „ווילקענעווודיקע" ציטאַטן פון בייראָנען און שעקספירן, אָן באָמבאַסטיק.

מען דאַרף נישט זיין דווקא אַ פּאָליטישער פריינד פון ד"ר עמיל זאַ־מערשטייך, כדי צו רעספּעקטירן אין אים אַ געזעלשאַפטלעכן טוער, דעם שליח־ציבור אַזוי ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען און אַזוי ווי ער האָט זיין שליחות אויסגעפירט; ער איז געווען אַ שליח־ציבור אין דער ביטערסטער צייט פון יידישן ישוב אין אומאָפּהענגיקן פּוילן ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, און ער האָט די דאָזיקע אומדאַנקבאַרע, שווערע, פּרוכטלאָזע און ממילא פיינלעכע ראָל אויסגעפירט מיט געניג ווירדע, מיט נישט ווייניק יידישער קנאות און נישט־געבראָכענעם מוט.

**
*

אין נאָוועמבער פון יעדן יאָר, צום טאָג פון דער פּוילישער אומאָפּ־הענגיקייט, האָט מען אין פּוילן געטיילט אויסצייכענונגען — פאַרדינסט־

קרייצן: קופּערנע, זילבערנע, גאָלדענע — ווי איינעם. די רעגירונג האָט יעדעס יאָר צוגעשטעלט דעם מלוכה־פּרעזידענט אַ רשימה פון מענטשן, וועלכע די רעגירונג שטעלט פאָר צום אויסצייכענען. אין 1938 איז גע־וואָרן 20 יאָר זינט פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק נאָך 125 יאָר צע־טיילונג און קנעכטשאַפט — 20 יאָר איז אַלט געוואָרן דער פּוילישער פּאַרלאַמענט. איינער פון די יידישע דעפּוטאַטן איז אין דעם דאָזיקן יאָר באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ גאָלדענעם פאַרדינסט־קרייץ. דאָס איז נישט געווען ד״ר זאָמערשטיין, נאָר אַן אַנדערער. עס האָט אים געקריגן דער אָרטאָדאָקסישער דעפּוטאַט לייב מינצבערג.

אין איינעם פון די דאָזיקע נאָוועמבער־טעג אין 1938, האָב איך זיך פאַר דער סיים־געביידע באַגעגנט מיט ד״ר זאָמערשטיין. מיר האָבן שפּאַ־צירט הין און צוריק פאַר דער סיים־געביידע און געשמועסט. זאָמערשטיין איז געווען אויפגעלייגט און באַרעדעוודיק:

— כ׳וועל אייך דערציילן — מאַכט ער צו מיר — אַ פּיקאַנטן גע־שפּרעך מיטן פּרעמיער גענעראַל סקלאַדקאָווסקי. אָבער דאָס וואָס כ׳וועל אייך איצט דערציילן איז חלילה־וחס נישט צום פאַרעפנטלעכן.

און זאָמערשטיין האָט דערציילט:

גענעראַל סקלאַדקאָווסקי האָט אים אין די קולואַרן פון סיים פאַר־טשעפּעט מיט עפּעס אַ שמועס און ביי דער געלעגנהייט זיך פאַרענטפערט, הלמאי ער האָט זאָמערשטיינען נישט אַרויפגעשטעלט אויף דער רשימה פון די, וואָס דאַרפן באַשאָנקען ווערן מיט אַ פאַרדינסט־קרייץ.

— איך האָב געדענקט וועגן אייך, הער דעפּוטאַט. — האָט דער גע־נעראַל געזאָגט — איר זענט איינער פון די געציילטע דעפּוטאַטן וואָס זענען געווען מיטגלידער פון אַלע סיימען ביז איצט אָן איבעררייס פאַר כמעט 20 יאָר. איך קען אייך פון אייער אַרבעט אַלס דעפּוטאַט, און שאַץ הויך אייערע פאַרדינסטן פאַר דער מלוכה. איר זענט נישט בלויז אַ יידי־שער רעפּרעזענטאַנט, נאָר אַ פאָרשטייער פון גאַנצן לאַנד, פאַרן גאַנצן לאַנד. איר האָט לכל־הדעות פאַרדינט אַן אויסצייכענונג. אָבער איך האָב אייך נישט אַרויפגעשטעלט אויף דער רשימה האָבנדיק דערביי אַ בפירוש־ע כוונה: איך האָב אייך, הער דעפּוטאַט, נישט געוואָלט שטעלן אין קיין אומאַנגענעמער לאַגע אין באַצוג צו דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט

אייך געווײַלט און וועלכע איר רעפּרעזענטירט... די צײַטן זענען הײַנט אַזעלכע — האָט ער אין זעלנערישער פּשטות און אויפריכטיקייט מודה געווען — אַז מיר האָבן הײַנט פאַר ייִדן, ליידער, גאָרנישט וואָס צו געבן...

— נו, ווי געפעלט אייך די מעשה? — האָט זאַמערשטיין פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט, פאַרריסן דעם קאָפּ און מיט אַ פּנים וואָס האָט אינגאַנצן געלאַכט, מיך אָנגעקוקט — אַ שיינע מעשה, פּיקאַנט, האַ? אַן אינטער־רעסאַנטער גוי, דער סקלאַדקאָווסקי. עס איז אים אָבער גאָרנישט אײַנגע־פאַלן, אַז איך וואָלט אַזאַ אויסצייכענונג, ביי די הײַנטיקע באַדינגונגען, גאָרנישט אָנגענומען.

* *
*

באַשערט אַ מענטש אויסצוטרינקען דעם גאַנצן כּוס ביטערניש ביזן דעק. דאָס מזל האָט אים נישט געשוינט, אָדער אפשר בייזוויליק יאָ פאַר־שוינט און אויפגעהיטן אים, כּדי גאָרנישט פון אַלע איוב־צרות זאָלן אים פאַרשפּאָרט ווערן. איז ער אין מלחמה־שטורעם פון די ערשטע וואָכן אין 1939 אַנטרונען געוואָרן אין זײַן היימשטאָט (לעמבערג), כּדי דערנאָך, אין בליץ־שפּיל פון מיליטעריש־פּאָליטישע געשעענישן פאַרוואָגלט ווערן אין סאָוועטישע טורמעס, צוריקקומען פון דאָרט אַ גרויער, צעבראָכן און קראַנק, מיט אַ לאַנגער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, פּרווון אויף ס׳ניי אָר־גאַניזירן, עפּעס אויפשטעלן, עפּעס באַנייען און דורכלעבן נייע אַנטיישונ־גען, נייע איוב־צרות.

וועגן ד״ר זאַמערשטיינען קען מען זאָגן: ער איז דער איוב פון פּוי־לישן ייִדנטום — געבליבן לעבן, כּדי אויסצוטרינקען דעם כּוס ביזן סוף.

נעמען־רעגיסטער

— א —

אַלטער, וויקטאָר: 31.
אַנסקי, ש.: 18, 23 — 27, 47 — 81.
אַסטזשעגא, אברהם: 81.
אַפּאַטאָשו, יוסף: 104.
אַש, שלום: 100, 190, 198.

— ב —

באַלפור: 185, 186.
בזשאָזע, ח.: 27.
ביאַליק, ח. נ.: 197.
ביילים, מענדל: 120.
בייראָן: 212.
בירנבוים, נתן (מתתיהו אחר): 62.
בערלינסקי, ש.: 105.

— ג —

גאָלדפאַדען, אברהם: 165.
גאָלדשמיד, א. י.: 72.
גינזבורג, באַראָן: 72.
גלאַוויטשאָווער, משה: 70.
גלאַוויטשאָווער, פּרוי: 67 — 69.
גראַבאַרד, פּנחס: 74.
גרינבוים, יצחק: 25, 92, 183 — 202, 208.

— ד —

דינעזאָן, יעקב: 57, 80, 81.

— ה —

האַראָנטשיק, שמעון: 105, 106.
הורוויץ, ד״ר: 51, 66, 76.
היטלער: 34, 36, 111.
הערמאַן, דוד: 26, 75, 159 — 169.
הערש־ליבמאַן, פּראָפעסאָר: 36.

— וו —

וואַלטער, פּאָלע: 168.
וואַרשאַווסקי: 105.
וויטער, אַ. (דעווענישסקי): 50.
ווייסנבערג, איטשע מאיר: 97 — 111.

— ז —

זאַמערשטיין, עמיל ד״ר: 205 — 214.
זיידנבייטל, יוסף: 57, 62, 78.
זשיטלאָווסקי, חיים ד״ר: 25, 77.

— ט —

טאָן, י. ד״ר: 208.
טשערנאָוו: 50.

— י —

יודאָווין, שמעון: 72, 77.

— כ —

כהן, שמעון ר׳: 176.

— ל —

לאַוורעאָוו, פּיאָטר: 24.
לאַנדאָו, לייב ד״ר: 76.
לוואָוו, פּירשט: 49.
לילית, אָלאָ: 92.
לעווין, גרשון ד״ר: 54, 57.

לערמאַן, ש.: 74.
לערער, יחיאל: 105, 114.
לעשצינסקי, יוסף (במורנער): 31, 189.

— מ —

מאַכנאָ: 50.
מאַרעווסקי, אברהם: 75, 77, 80.
מיכאַלעוויטש, בייניש: 31, 131 — 147.
מינצבערג, לייב: 213.
מינקאָווסקי, מאַוריצי: 197.
מיצמאַכער: 105.
מעדעם, וולאַדימיר: 17 — 19, 22, 31, 108, 143.
מענדעלסאָן, שלמה: 151 — 156.
מענדעלע, מוכר־ספרים: 99, 101.

— נ —

נאָמבערג, ה. ד.: 85 — 93, 105, 109, 125, 155, 177, 191, 261.

— ס —

סאָווינקאָוו, באָריס: 66.
סטאַלין: 34, 35.
סטופניצקי: 125, 154.
סירקין־בינשטיין, פרוי ד״ר: 54, 57, 58.
סעגאַלאָוויטש: ז.: 34, 201.
סעווער: 146.
סקלאַדקאָווסקי, גענעראַל: 213, 214.

— ע —

ערליך, הענריק: 31, 108, 143, 145 — 147.

— פּ —

פּאַרטנאָי (נח): 31, 143.
פּילסודסקי: 194, 196, 208.
פּעטלורע: 50.
פּרילוצקי, נח: 74, 91, 125, 154, 177, 191.
פּרעגער, יעקב: 51 — 53, 57.
פּרעגער, פּרוי, 56 — 58.
פּרץ: 61, 74, 80, 81, 88, 92, 99, 101, 103, 105, 145, 162, 163, 168, 169, 190, 197, 198.
פּרץ, העלענע: 80, 198.

— פֿ —

פֿלעשעל: 34.
פֿרידמאַן, פֿעליקס: 87.

— צ —

צייטלין, הלל: 115 — 127.

— ק —

קאַהאַן, לאַזאַר (לייזער־א־ציק)1 173 — 179.
קאַזשיק, מאַרק: 34.
קאַציזנע, אַלטער: 25, 80.
קיפּניס, מנחם: 74, 86, 85.
קרוק, הערמאַן: 34.
קרעמער, אַרקאַדי: 145.

— ר —

ראָזען, י. בער: 11 — 43.
ראָזען, פּערל: 13, 16.
ראָזען, רבקהלע: 13, 16.
ראָזען, רייזל: 14.
רונדשטיין, מאיר: 197.
רייך, לעאָן ד״ר: 193, 194, 208.

— ש —

שוואַרץ, פּנחס: 191.
שושנה: 175.
שטיבל: 75.
שלום־עליכם: 99, 101, 190.
שמר: 101.
שנייגיינער: 57, 58, 67.
שעקספּיר: 212.
שערעשאָווסקי, רפאל: 34.
שפּינאָזאַ: 109, 110.
שרעבערק, ש.: 25, 62, 75.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכּה אָװשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) װ. גראָסמאַן־װיערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — װיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָװ (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָװיטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָװ (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון װאַרשעװער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָװיטש — געבראָכענע טריט
23) אברהם טייטלבוים — װאַרשעװער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ װאַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאָס טורקאָוו — אַזוי איז עס געװען... (חורבן װאַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ

31) **שמחה פּאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נהתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען** **(אויספארקויפט)**

(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן פאולא, בראזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאנד

75) **זיגמונט טורקאוו** — פראגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — יידן פון א גאנץ יאר

(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשארני** — ווילנע

79) **ז. סעגאלאוויטש** — דער לעצטער לאדזשער ראמאן

80) יזכר־בוך — בעלכאטאוו **(אויספארקויפט)**

81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך

82—83) **יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)**

84) **יוסף אקרוטני** — דאס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער — גורלות**

87) ד״ר יוסף **טענענבוים** — גאליציע — מיין אלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פארטאג

89) **משה דוד גיסער** — דאס געזאנג פון א לעבן **(אויספארקויפט)**

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאפיטלען געשיכטע

93) שמעון האראנטשיק — אין גערויש פון מאשינען **(ראמאן)**

94) **גרשם באדער** — מיינע זכרונות **(קראקע)**

95—96) **יאנאס טורקאוו** — פארלאשענע שטערן

(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אלטער קאציזנע** — שטארקע און שוואכע **(ראמאן)**

99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערן

100) **מארק טורקאוו** — די לעצטע פון א גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאפט־מאגנאטן

(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאליאר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאס־איירעס 1955).

102) **משה זאנשיין** — יידיש ווארשע

103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראמאן)**

105—106—107) **מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן**

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאטעמט מיטן ווינט **(היסטארישער ראמאן)**

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין ווארשע און אין לאדזש

(פרעמירט מיט דער האפער־לייב־פרעמיע ביים יידישן קולטור־קאנגרעס,
ניו־יארק 1956).

112) **ברוך האגער** — מלכות חסידות

(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאליאר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג",
בוענאס־איירעס 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) **פּנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) ק. **צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס וויינרייך** — פוןביידע זייטן פּלויט
117) **אליעזר וויזל** — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. **בערלינסקי** — ירושה
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף **אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל (**ראָמאַן**)
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) **בער י. ראָזען** — פּאָרטרעטן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

א. **טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...

עס גרייט זיך צום דרוק:

ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — זכרונות
שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
דוד פלינקער — יאַנקל באַלעגאָלעס צייטן (**ראָמאַן**)
פּנחס וועלנער — דערציילונגען
מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

פּרעסע־אָפּרופֿן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

יעקב באָטאָשאַנסקי שרייבט וועגן ד״ר א. מוקדוני׳ס צוויי בענד „אין וואַרשע און לאָדזש״, וואָס זענען פּרעמירט געוואָרן מיט דער האָפּער־לייב ליטעראַטור־פּרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס פאַרן יאָר 1956 („די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס, 20סטער און 30סטער יוני 1916):

— I —

אין פאַרלאַג פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, וואָס ווערט רעדאַקטירט פון מ. טורקאָוו און אַדמיניסטרירט פון א. מיטלבערג, זענען דערשינען ווי די נומערן 110 און 111, פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״, צוויי ביכער מיט זייער אינטערעסאַנטן שטאָף פון ד״ר א. מוקדוני, וואָס הייסן „אין וואַרשע און אין לאָדזש״.

די דאָזיקע צוויי בענד זענען אַ המשך פון די פריערדיקע צוויי בענד זכרונות פון זעלביקן מחבר וואָס זענען דערשינען אין דער זעלביקער סעריע אונטער די נעמען „מיינע באַגעגענישן״ (נומער 50) און „אויסלאַנד״ (נומער 74) און זיי טראָגן דעם זעלביקן כאַראַקטער, וואָס יענע. כאָטש דער מחבר רופט זיינע אַלע פיר ביכער זכרונות און ער דערציילט טאַקע אין זיי וועגן זיין אייגענעם לעבן, פריער אין זיין געבוירנשטעטל לעכאָוויטש, דערנאָך וועגן זיין לעבן אַלס סטודענט אין אויסלאַנד און איבערהויפּט אין דער שווייץ און איצטער וועגן דעם אָנהייב פון זיין קאַריערע אַלס זשורנאַליסט, טעאַטער־קריטיקער, בעלעטריסט און קולטור־טוער אין פּוילן, גיט דער מחבר זיך זייער ווייניק אָפּ מיט זיך אַליין און ער שענקט דעם מאַקסימום אויפמערקזאַמקייט דער סביבה אין וועלכער ער לעבט און די מענטשן, וואָס רינגלען אים אַרום און ער זוכט דאָס אַלעס אַרויסצוברענגען מיט דעם מאַקסימום קלאָרקייט און שאַרפקייט, אַלצאיינס, צי ער שילדערט עפּעס אַן אַנאָנימען טיפּ אין זיין געבוירנשטעטל, צי ער שילדערט אַזעלכע באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי פריער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און איצטער י. ל. פּרץ, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג אאַז״וו אאַז״וו. מיר האָבן אין די פיר ביכער פון דעם סעניאָר פון אונדזער טעאַטער־קריטיק און דעם טעמפּעראַמענטפולן ליטעראַטור־קריטיקער און פּובליציסט אַ סך מאַטעריאַל צו דער יידישער קולטור־געשיכטע (אויסער די אייגנאַרטיקע שטעטל־שילדערונגען פון ערשטן באַנד) און אַ גאַנצע ריי אומגעהייער אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן פון פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן אין אונדזער לעבן אין שאַפן. צוליב דער גאַנצקייט פון די פּאָרטרעטן גייט דער מחבר אָפּט נאָך זיינע העלדן אויף זייער גאַנצן לעבן־וועג און ער בלייבט נישט שטיין ביי „אויסלאַנד״, אָדער ביי וואַרשע און לאָדזש. ביי אייניקע שפּילט זיך דער עפּילאָג אָפּ אין אַן אַנדער שטאָט, צום מיינסטן אין ניו־יאָרק און די נייע צוויי בענד וואָלטן געקענט מיט דערפאָלג טראָגן דעם נאָמען „אין וואַרשע, לאָדזש און ניו־יאָרק״.

ווען די ערשטע צוויי ביכער האָב איך בשעתו געשריבן. איך האָב אָנגעוויזן, אַז אין ערשטן באַנד האָט דער בעלעטריסט ד״ר א. מוקדוני געהאַט אַ תיקון און ער האָט צוגעגעבן אַן אייגענעם שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם לעבן אין אונדזער שטעטל אין סוף פון ניינצנטן און אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, בעת אין צווייטן באַנד איז מער געקומען צום אויסדרוק מוקדוני דער קריטיקער און פובליציסט. איך האָב אָנגעוויזן אויף דעם מחברס הויפט־מעלות — זיין לעבעדיקן און קלאָרן סטיל, זיין בריענדיקן טעמפעראַמענט, זיין שאַרף אַריינדרינגען אין מענטשן מיט אויג, אויער און האַרץ, זיין נישט קענען בלייבן אָביעקטיוו און זיין מוזן שטענדיק זיין אַ צד. אָט־אָ דעם לעצטן שטריך: האַלטן אייניקע פאַר אַ חסרון. אַ סך האָבן פאָרגעוואָרפן מוקדונין, אַז ער טוט צומאָל אויס צו־נאַקעט זיינע העלדן, אַפילו ווען זיי זענען באַרימטע פערזענלעכקייטן. איך פערזענלעך האַלט דאָס דאָזיקע נישט פאַר קיין חסרון, ווייל מיט דער גאַנצער נאַקעטקייט, מיט וועלכער מוקדוני ווייזט אייניקע פערזענלעכקייטן, טוט ער זיי דאָך נישט אויס פון דעם, וואָס זיי זענען באמת און זיי ווערן געוויזן אויך מיט זייער פולן ליכט, נישט בלויז מיט זייער שאָטן. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען צו האָבן אַ פערזענלעכע דיסקוסיע מיט יצחק נחמן שטיינבערג, וואָס איז אַרויס מיט טענות למאי מוקדוני איז מגלה מער ווי אַ טפח אין דעם סתירותדיקן לעבן פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און כאָטש איך בין, ווי מיינע לייענער ווייסן, אַ גרויסער חסיד פון זשיטלאָווסקין, האַלט איך דאָך, אַז מען מעג און מען דאַרף אַזוי שרייבן ווי מוקדוני. וועגן דוד המלך איז אין תנ״ך פאַראַן ערגערע זאַכן, ווי אין מוקדוניס זכרונות וועגן זשיטלאָווסקין און פונדעסטוועגן איז „דוד מלך ישראל חי וקים״ געבליבן איינער פון די הויפט־פאראלן אין אונדזער לעבן. ווען זשיטלאָווסקי וואָלט אַרויסגעקומען בלויז מיט זיין שאָטן און אָן זיין ליכט אין מוקדוניס זכרונות, וואָלט דאָס געווען אַן עוולה. איך האָב צוריק מיט אַ סך יאָרן געשריבן גאַנץ שאַרף וועגן צבי הירשקאָנס בוך „אונטער איין דאַך״, אין וועלכן עס זענען געוויזן געוואָרן גרויסע יידישע שרייבער בלויז איינזייטיק. מוקדוני, ווי געזאָגט, קען נישט זיין אָביעקטיוו, ער איז שטענדיק אַ צד און ער איז שאַרף, אָבער ער איז דאָך נישט איינזייטיק און ער ווייזט אַ מענטשן דאָך מיט זיינע ביידע זייטן און מיט זיין אויבערשט און אונטערשט שטיבל.

צו די נייע צוויי ביכער מוקדוניס וועט מען זיכער האָבן נאָך מער טענות, ווייל דאָ זענען געשילדערט נאָך מער פערזענלעכקייטן ווי אין ערשטן באַנד און אייניקע זענען אַרויסגעבראַכט אויף היפש שאָטנדיק. מסתמא וועלן זיך אַ לאָז טאָן טענות פון שלום אַשס חסידים פאַר די צוויי קאַפיטלען „שלום אַש״ און „שלום אַש און גראַף טאָלסטאָי״, וואָס פאַרנעמען ביי די פינף און צוואַנציק זייטן. מ׳קען נישט לייקענען, אַז מוקדוני האָט נישט געשוינט שלום אַשן און ער האָט אויפגעדעקט זיינע חסרונות און ער האָט געוואָרפן דעם גאַנצן רעפלעקטאָר אויף אַ סך פון זיינע פעלערן און בעיקר אויף זיין קאַרגשאַפט. אָבער כאָטש דער דאָזיקער פאָרטרעט ווערט על פי רוב פאַרוואַנדלט אין אַ פאַמפלעט, קומט פאָרט אַרויס אויך די פאָזיטיווע זייט פון שלום אַשן דעם גרויסן קינסטלער. אַוודאי קען אַשס אַ חסיד (און אַש דער שרייבער האָט דאָך אַ ים מיט חסידים) אַ שאָקיר טאָן, ווען זיי וועלן אַ לייען־טאָן אויף זייט 183 פון ערשטן באַנד „אין וואַרשע און אין לאָדזש״ אַזאַ פראַזע: „אַפילו יידיש, די איינציקע שפראַך, וואָס ער (אַש) קען און רעדט, באַהערשט ער נישט

ווי געהעריק. זיינעם אַ כתב־יד קען מען אין דרוק נישט געבן. ער האָט כסדר אַ סעקרעטאַר, וואָס שרייבט אים איבער״ אאַז״וו. אָבער באַלד נאָך דעם ווערט צוגעגעבן: „און דערביי איז אַן אויסגעטראַכטע באָבע־מעשה, אַז ער איז אַן עם־הארץ״. און אויף זייט 184 לייענען מיר: „ער פאַרמאָגט אַ מעכטיקן אינטעלעקט. דאָס, וואָס ער לערנט שרייבנדיק אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וועט אַן אַנדערער נישט לערנען אין יאָרן. ער איז אפשר אַן עם־הארץ פאָרמעל בלויז. ער ווייס נישט פון גראַמאַטיק, אָבער ער האָט פאַר יעדער טעמע איר סטיל, זיינע ביבלישע דראַמעס זענען דורך און דורך ביבליש, זיינע וועלטלעכע דראַמעס זענען דורכאויס וועלטלעך. און יעדע פערזאָן האָט איר לשון. זיינע דראַמעס זענען אמתע דראַמעס. זיי זענען גראַציעז און ממש מאַטעמאַטיש קאָנסטרואירט. זיינען ראָמאַנען זענען אמתע ראָמאַנען און זיינע נאָוועלן אמתע נאָוועלן.״ מוקדוני ווייזט אָן, אַז האַנט אין האַנט מיט די פעלערן פון עלעמענטאַרער גראַמאַטיק איז פאַראַן ביי אַשן ממש אַ פערפעקטע אַרכיטעקטור. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז מוקדוני האָט אַרויפגעפירט אויף דעם ריכטיקן וועג צו דער אַש־כאַראַקטעריסטיק, סיי קינסטלעריש און סיי פערזענלעך און זיינע צוויי פאַמפלעטן וועגן אים, וועלן נישט קענען אויסגעמיטן ווערן פון קיין שום ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס וועט וועלן ווייזן דעם גאַנצן שלום אַש, אָט ווי ש. ניגער האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווייזן אין זיין פרץ־בוך דעם גאַנצן פרץ.

פאַראַן אַ מערקווירדיקע טענדענץ אין מוקדוניס וועלן דערווייזן, אַז אַש איז נישט קיין עם־הארץ. אַז ער איז נישט קיין עם־הארץ איז נישט נייטיק צו דערווייזן. אין זיין בוך „דער מאַן פון נצרת״ זענען געשילדערט דריי ציוויליזאַציעס און גאַנץ גרינטלעך. נישט אַזוי גרינטלעך, ווי עס ווערן געשילדערט גאַנצע ציוויליזאַציעס אין טאָמאַס מאַנס אייניקע ווערק און איבערהויפט אין זיין גרויסע עפּאָפּייע „יוסף און זיינע ברידער״, דערפאַר אָבער לייענען זיך שלום אשס שילדערונגען בלויז ווי קינסטלערישע, בעת טאָמאַס מאַן לייענט זיך שווער און אָפט הערן מיר אויף פילן, אַז מיר לייענען ליטעראַטור און מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז

מיר לערנען קולטור־געשיכטע און מדרש־פּילפּול. (דער ערשט־פאַרשטאָרבענער ראובן אייזלאַנד האָט אין זיינעם אַ קורצן און חונדערלעכן אַרטיקל וועגן טאָמאַס מאַן אָנגעוויזן אויף זיין אַריינברענגען דעם מדרש־פּילפּול־סיסטעם אין זיין דערמאָנטן גרויסן ווערק). מוקדוני זוכט צו דערווייזן, אַז שלום אַש איז נישט קיין עם־הארץ, ווייל ער וויל אים נישט באַפרייען פון אחריות. ער גיט טאַקע אַ זאָג, אַז: „די, וואָס שטרענגען זיך אָן מיט אַלע כוחות צו באַווייזן, אַז ער (אַש) איז אַן עם־הארץ, באַמערקן נישט, אַז

מיט דעם נעמען זיי אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס שטיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט". מוקדוני ווייזט אויף אַזויפיל אַשן אין אַלע זיינע דימענסיעס, אַז כאָטש ער באַהויפּטעט, אַז אַש האָט צוויי טאַלאַנטן — אַ טאַלאַנט פון אַ שרייבער און פון אַ סוחר און אַז ער האַלט, אַז דער סוחר שטייגט אַריבער אַשן דעם שרייבער", קומט פונדעסטוועגן דאָך אַרויס גרעסער דער שרייבער אַש. וואָרום וואָס גרעסער קען מען זאָגן וועגן אַ שרייבער, ווי דאָס, וואָס מיר האָבן פריער ציטירט און ווי דער זאָג: „ער קען גוט דאָס סאַמע אייבערשטע אין דער שרייבערישער קונסט" (זייט 184).

איך האָב זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט מוקדוניס כאַראַקטעריסטיק פון שלום אַשן, וואָס פאַרנעמט סוף־כל־סוף ניט מער ווי דריי פּראָצענט פון בוך, ווייל די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק וועט זיכער ווערן אַ טעמע פאַר אַ גרויסער דיסקוסיע. עס איז אָבער כדאַי צו באַמערקן, אַז ניט אַלץ אין די צוויי ביכער „אין וואַרשע און אין לאָדזש" איז געשריבן אַזוי שאַרף ווי דער שלום אַש־פּאָרטרעט. נישט נאָר פּרץ ווערט געוויזן צום מיינסטן מיט זיין גרויסער ליכטיקייט און מיט אַ זייער קליין ביסל שאָטן, נאָר אויך ה. ד. נאָמבערג און איבערהויפּט בעל מחשבות קומען אַרויס מיט זייער פולן ליכט און מען פילט, ווי דער מחבר האָט אַ האַרץ פול מיט ליבע צו זיי און די דאָזיקע צוויי פאַרשידענע שרייבער קומען אַרויס ביי מוקדונין ווי אומגעהייערע צוויי אינטערעסאַנטע העלדן פאַר דעם ראָמאַן פון אונדזער ליטעראַטור־סביבה. אין די שילדערונגען פון אָט די שרייבער און פון נאָך אַנדערע וואַקסט מוקדוני אויס צו דער מדרגה פון אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן בעלעטריסט און אייניקע קאַפּיטלען מאַכן טאַקע דעם איינדרוק פון סטודיעס פאַר אַ ראָמאַן, כאָטש די שפּראַך איז כסדר אַ צו־אימפּעטיקע און דאָ און דאָרט אַ זשורנאַליסטישע. מיט דער זעלביקער ליבע און אפשר נאָך מיט מערער שילדערט מוקדוני אברהם רייזענען. און ער האָט אַן אויסערגעוויינלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם סעניאָר פון אונדזער פּובליציסטיק ש. ראָזענפעלד.

כדאַי זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע באַזונדערע מאָמענטן אין מוקדוניס צוויי אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטע און וויכטיקע ביכער „אין וואַרשע און אין לאָדזש".

— II —

די צוויי בענד „אין וואַרשע און אין לאָדזש" נעמען אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון ווייניקער ווי פינף יאָר — מיט 1909 ביז מסתמא אָנהייב 1914 — וואָס זענען אַן עפּאָכע נישט בלויז אין לעבן פון זייער מחבר ד"ר א. מוקדוני, וועלכער איז אין יענער צייט געוואָרן אַ יידישער שרייבער און אַ זשורנאַליסט אין סאַמע אויבנאָן פון אונדזער פּרעסע, נאָר זיי זענען אויך אַ גרויסע עפּאָכע אין אונדזער פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער און געזעלשאַפטלעכקייט. פאַקטיש איז דעמאָלט געדייעט געוואָרן אַלץ, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אין צענטער פון יידישן לעבן און האַלט איצטער, ליידער, ליידער, ביים פאַרגיין. בעצם האָבן מיר אין מוקדוניס צוויי ביכער אַ שילדערונג פון אונדזער זונען־אויפגאַנג, וואָס זענען געשריבן געוואָרן בשעת זונען־פאַרגאַנג...

גענוג צו ברענגען די נעמען פון די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס מוקדוני ווידמעט אין זיינע זכרונות גאַנצע, אָדער טיילן פון קאַפּיטלען, בכדי זיך צו געבן חשבון פון פאַרנעם פון די דאָזיקע שילדערונגען: ה. ד. נאָמבערג, מרדכי ספּעקטאָר, י. ד. בערקאָוויטש, מענדעלע מוכר ספרים, בעל מחשבות, ר' מרדכילע (מ. טשעמערינסקי), א.

ווייסער, ש. ראָזענפעלד, י. ל. פּרץ, שלום אַש, אברהם רייזען, צבי און נח פּרילוצקי, ש. ל. קאווא, י. מ. ווייסנבערג, יונה ראָזענפעלד, יוסף טונקל (דער טונקעלער), ז. סעגאַלאָוויטש, אַרטור שיק, אברהם פּישזאָן, אסתר רחל קאַמינסקאַ, פּרץ הירשביין, קלאַראַ יאָנג, פאַני וואדי עפּשטיין, ר. זאַסלאַווסקי, ב. טאָמאַשעווסקי, דוד קעסלער, א. מאַשקאָוויטש. נאָר אייניקע פון זיי האָט דער מחבר געטראָפן שוין פאָרמירטע — דער זיידע מענדעלע, פּרץ, דוד פרישמאַן, ש. ראָזענפעלד — די מייגסטע האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן און מוקדוני גייט זיי נאָך און פון די פּערזאָנען־שילדערונגען וואַקסט אַרויס דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

אָבער נישט בלויז פּערזאָנען שילדערט מוקדוני, ער שילדערט פאַרשידענע צייטונגען „אונדזער לעבן", „דער פריינט", „דער היינט", „דער מאָמענט", „לאָדזשער טאַגעבלאַט", „די נייע וועלט', דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע בכלל און באַזונדערע דאָרטיקע טעאַטערס, דעם קולטור־ניוואָ פון די יידישע אַקטיאָרן אין יענער צייט, הירשביינס טעאַטער, פאַרשידענע וויכטיקע געשעענישן, ווי אַ שטייגער דעם גרויסן טעאַטער־סימפּאָזיום מיט דער באַטייליקונג פון פּרצן, דעם מחבר גופא, נאָמבערג און א. ווייטער. און ער שילדערט אויך די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון לאָדזש און וואַרשע, דעם כאַראַקטער פון די פּאָליאַקן, די גאַנצע געשיכטע פון די פּויליש־יידישע באַציאונגען אין די לעצטע יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג, דעם באַרימטן וואַל־קאַמף פאַר אַ דעפּוטאַט אין דער רוסישער דומע, ווען די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן וויילן אַן אַנטיסעמיט און די יידן האָבן נישט געפאָלגט און דערוויילט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס איז אויך געווען אַ פּאָליאַק און דאָס דאָזיקע האָט דערפירט צו דעם פּוילישן באָיקאָט אויף יידן.

און די אַלגעמיינע שילדערונגען זענען ביי מוקדונין נישט ווייניקער אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק, ווי די שילדערונגען פון יחידים. דער מחבר מאָלט אָפּ לאָדזש פון יענער צייט מיט אַלע פּליטערלעך און מיר דערזעען די שטאָט און דערפילן איר אימפּעט און מיר דריגגען אַריין אין איר, נישט ווי דורך בלויז זשורנאַליסטיק. פאַראַן עפּעס פון בעלעטריסטיק אין דעם אופן ווי דער שרייבער באַשרייבט דעם פּוילישן מאַנטשעסטער. אומגעהייער אייגנאַרטיק ווערן באַשריבן די „לאָדזשער לאָרדן", די קאָמיוואָיאַזשאָרן, וואָס זענען געווען עפּעס טאָפּלטע פאַרשוינען — באָהעמיער און הפקר־מענטשן אונטערוועגס און באַלעבאַטישע מענטשן ביי זיך אין דער היים. און וווּנדערלעך ממש שילדערט מוקדוני דעם פּאָליאַק, וואָס האָט אַלע חסרונות פון סלאַוו, אָבער גאָרנישט פון זיינע מעלות. „בולל, — שרייבט א. מ. — איז דער פּאָליאַק אַ בינטל סתירות — ער איז סענטימענטאַל און אַ רשע, ער האָט ממש אַ פיזישע הנאה פון טאָן רשעות, דאָס הייסט, אַז ער איז אַ שטיקל סאַדיסט, ער איז אַן אַריסטאָקראַט און אַ כאַם. ער איז רעליגיעז און אויסגעלאַסן. ער איז מוראדיק נאַציאָנאַליסטיש און ער רואינירט כסדר זיין פאָלק און זיין לאַנד, ער איז ראַפינירט און גראָב, איבערהויפּט ווען ער פאַלט אַריין אין כעס און כעסיק איז ער פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ער איז ריטערלעך, אַמאָל אויך רעוואָלוציאָנער און גרויסער פּחדן, ער איז אַ שטאָלצער, גיכער אַ בעל־גאווה און אַ גרויסער חונף, ער קען זיין קנעכטיש ביז עקל, ער איז אינטעליגענט און אומוויסנדיק, ער איז עלעגאַנט, אָבער אַזוי איבערגעטריבן, אַז ער ווערט אַ שניידערישער מאָדעל אין אַ מאָדע־מאַגאַזין".

די פאָרטרעטן פון יחידים זענען אַלע טרעפלעך אין די צוויי ביכער. נישטאָ קיין איין פאָרטרעט, וואָס זאָל נישט האָבן עפּעס אַ שאַרפן שטריך, אַ זאָג, וואָס טרעפט אין פּינטל אַריין און שליסט אויף דעם געשילדערטן און ווייזט אים דורך און דורך. אייניקע זענען אָבער ממש אויסערגעוויינלעך. אָט ווי עס זענען שוין פאַראַן אַזוי פיל זכרונות, אין וועלכע פּרץ ווערט געשילדערט פּערזענלעך, זענען ביי מוקדוני אין דעם פּרץ־קאַפּיטל פאַראַן שטריכן, וואָס אַנדערע האָבן נישט אָנגעוויזן. און דורך אַלערליי קאַפּריזן, וואָס זענען לכתחילה אומפאַרשטענדלעך, וואַקסט אויס פּרצעס פּערזענלעכקייט פון אַ יחיד במינו און אַ חד בדורו. מען דערפילט אַ דערוויילטן יידן, וועלכער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַלע יידישע צרות און האָט קיינמאָל די אמונה און דעם בטחון נישט פאַרגעסן. און ווען מוקדוני פאַרענדיקט זיין פּרץ־קאַפּיטל, וואָס פאַרנעמט אַריבער פופציק זייטן מיט די ווערטער: „אין פּרצן האָבן מיר געזען דעם זעלטענעם זיווג פון אַ גרויסן שריפטשטעלער און אַ גרויסן מענטשן״, דערפילן מיר אַז דאָס איז אַ ריכטיקער פינאַל פון אַן איבערצייגנדיקער סימפאָניע.

פאַראַן טשיקאַווע פאָרטרעטן אין מוקדוניס ביכער, וואָס ברענגען דורך עקזאָטיק אַרויס די אייגנאַרטיקייט פון באַשריבענעם. אָט אַ שטייגער דער פּאַבוליסט ר׳ מרדכילע, וואָס איז געווען אַ גאון, וועלכער האָט נישט באַוויזן צו אָנוואַרעמען אַ פּלאַץ און וועלכער האָט מסתמא געליטן פון דעם, וואָס זיין בן־עיר און בן־גיל חיים ווייצמאַן איז אַזוי גרויס געוואָרן (לויט מוקדונין איז ער דערפאַר געוואָרן אַ טעריטאָריאַליסט, ווייל ווייצמאַן איז געווען אַ ציוניסט...) קומט אַרויס דורך עטלעכע עקזאָטישע שטריכן און טאַקע דורך עטלעכע עקזאָטישע ווערטער — ווי אַ שטייחער „שאַלעמויזן״ — מיט זיין פולער אומבאַהאָלפענער און נישט רעאַליזירטער גרויסקייט.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אונדזער גרויסער קריטיקער בעל מחשבות ווערט געשילדערט אין זיין פולער טראַגיק. בעל מחשבותן האָבן אַ סך שוין באַשריבן אין זייערע זכרונות, דעם וועטעראַן פון אונדזער פּובליציסטיק ש. ראָזענפעלד האָט מען זייער ווייניק באַשריבן און מוקדוני ווייזט אים דורך און דורך. און אַ מערקווירדיקע זאַך: סיי בעל מחשבות סיי ש. ראָזענפעלד זענען דערצויגן געוואָרן ווי מוסרניקעס, אָבער בעת דער ערשטער איז אַנטלאָפן פאַר דעם דערדריקנדיקן מוסר, וואָס האָט פאַרפינצטערט דאָס לעבן, איז ש. ראָזענפעלד אין אַ גרויסער מאָס געבליבן אַ גאַנץ לעבן אַ מוסרניק, כאָטש ער האָט געהאַט מאָטיוון צו וועלן אַנטלויפן פון דעם פּוריטאַניזם. זיין טאַטע האָט אים קינדווייז אַמאָל אַזוי „באַשטראָפט״ פאַר דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַ יינגלשקייט, אַז ער האָט אים בלינד געמאַכט אויף אַן אויג. דאָך איז ער פאַרבליבן שוין זייענדיק אַ וועלטלעכער מענטש אַ מוסרניק שיר נישט אַן אַסקעט. מוקדוני שילדערט אומגעהייער אינטערעסאַנט ווי ש. ראָזענפעלד, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געטרונקען, האָט איינמאָל אין זיין לעבן געכאַפּט אַביסל משקה און ער האָט זיך פאַרשניאָשקעט, האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן אַז ער איז... געשטאָרבן... און מיר שטויסן זיך אָן, אַז ביי דעם דאָזיקן צוריקגעצויגענעם מענטשן האָט זיך צונויפגעפּלאָנטערט דאָס איבערכאַפּן די מאָס מיט — טויט!

איינע פון די רירנדיקסטע פאָרטרעטן אין מוקדוני בוך איז בלי שום ספק פון יוסף טונקל — דער טונקעלער. די שילדערונג הייבט זיך אָן מיטן געבוירן ווערן פון הומאָריסטישע אָפּטיילונגען אין דער יידישער

ברעסע. די ערשטע אָפּטיילונג **אַזאַ** איז געווען **אין** „פּריינט" און זי האָט **געהייסן** „דער בעזים". מען איז אייסן געווען **דאָרט** דורכצושמוגלען דאָס דאָזיקע, וואָס מען האָט נישט געקאָנט זאָגן אָפן. דערנאָך איז מען אַריבער צו אינעווייניקסטער קריטיק. צבי פּרילוצקי, דער רעדאַקטאָר פון „מאָמענט" האָט נישט פאַרשטאַנען צו וואָס מען דאַרף האָבן אַזאַ אָפּטיילונג, ווו מען באַליידיקט מענטשן. דער טונקעלער האָט **דעם** אָנהייב פון זיין נאָמען באַקומען אין נאָרד־אַמעריקע ווו ער האָט דאָרט רעדאַקטירט אינאיינעם מיטן לעבעדיקן דעם „קיבעצער". **ער איז פון** באַרוף **אפשר** געווען מער קאַריקאַטוריסט נאָך, ווי הומאָריסט, אָבער ער איז געווען אַזוי קורצזיכטיק, אַז ער האָט געמוזט אויפגעבן דאָס לערנען מאָלן. ער האָט אָבער דאָך געמאַכט קאַריקאַטורן, וועלכע האָבן איבער זיין כמעט בלינדקייט נישט געקענט זיין גענוג שאַרף און שפּיציק. דאָס געבוירן ווערן מיט אַ מאָלערישן טאַלאַנט און זיך נישט קענען אַנטפּלעקן איבער נישט גענוגנדיקער ראיה איז נישט געווען די איינציקע טראַגעדיע פון טונקעלנס לעבן. ער איז געווען אויך אַ לאָמער, אים איז מוראדיק שווער אָנגעקומען דאָס לייענען. „עס איז געווען אַ גרויסער צער, שרייבט מוקדוני, צו זען אים לייענדיק. ער האָט געהאַלטן די צייטונג, אָדער דאָס בוך אַזוי נאָענט צו די אויגן, אַז ער האָט ממש געטאַפּט מיט די אויגן די אותיות, און מיט אַמאָל פלעגט ער צונעמען די צייטונג, אָדער דאָס בוך פון די אויגן און רעזיגנירט אַראָפּלאָזן זיי אין קעשענע".

די גרעסטע טראַגעדיע דעם טונקעלנס איז געוויס געווען דער פאַקט, וואָס זייענדיק אַ הומאָריסט, אַ חוזק־מאַכער האָט ער געוווסט, אַז ער אַליין איז קאָמיש. ער האָט טאַקע עטלעכע מאָל געזאָגט מוקדונין: „עס איז שווער חוזק צו מאַכן פון אַנדערע, ווען דו ווייסט, אַז דו אַליין ביסט קאָמיש". עס איז מאָדנע צו לייענען די לעבן־געשיכטע פון אַ הומאָריסט, וואָס ענדיקט זיך מיט אָט די ווערטער: „ער האָט פון לעבן גאָר ווייניק געפאָדערט און דאָס לעבן האָט אים ווייניק געגעבן, אָבער ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן. אַזוי פשוט און קלאָר ליב געהאַט און ער האָט זיך געשיידט פון לעבן מיט ווייטיק און צער".

עס וואָלט זיך געוואָלט רעדן און רעדן וועגן אַנדערע פּאָרטרעטן פון מוקדוניס צוויי ביכער און וועגן זיינע טעאַטער־זכרונות, וואָס זענען בלעטלעך פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און יידישער טעאַטער־קריטיק, אָבער — די בעסטע זאַך וועט זיין ווען דער לייענער וועט אַליין זיך באַקענען מיט דעם שלל מאַטעריאַל פון „אין וואַרשע און לאָדזש". די דאָזיקע צוויי ביכער לייענען זיך מיטן זעלבן אימפּעט, מיט וועלכן זיי זענען געשריבן. אָנהייבנדיק לייענען די צוויי בענד, וואָס האָבן קנאַפּע זעקס הונדערט זייטן, האָב איך זיי נישט געקענט אַוועקלייגן ביז וואַנען איך האָב זיי נישט געענדיקט לייענען.

א. געלבערג שרייבט וועגן ב. שעפּנערס בוך „נאָוואָליפּיע 7"
(„די פרייע אַרבעטער שטימע", ניו־יאָרק, 20סטער אַפּריל 1956):

„נאָוואָליפּיע 7" איז ב. שעפּנערס דריטע זאַמלונג אָפּגעקליבענע פעליעטאָנען, עסייען און אַרטיקלען. די ערשטע צוויי: „לינקס" און „אַנדערש" זענען, אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, אַרויסגעקומען אין וואַרשע. די צוויי ביכער זענען אַן אָפּקלייב

פון אַ גרעסערער צאָל פעליעטאָנען, וואָס ב. שעפנער האָט געדרוקט אין דער בונדישער, טעגלעכער „פאָלקסצייטונג״, וואָס ער איז געווען איר מיטרעדאַקטאָר.

ווען מ׳בלעטערט היינט פונסניי ב. שעפנערס פריערדיקע צוויי ביכער, באַזונדערס דאָס בוך „אַנדערש״, וואונדערט מען זיך כלל נישט, פאַרוואָס דער מחבר איז, אין פאַר־מלחמהדיקן יידישן פוילן, געווען פאַררעכנט פאַר אַן ערשט־ראַנגיקן פובליציסט, דער עיקרשט — פאַר איינעם פון די גלענצנדיקסטע יידישע פעליעטאָניסטן־הומאָריסטן.

די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אַנאַליזירן און דעפינירן דעם עסענץ פון הומאָר האָבן קודם פעסטגעשטעלט, אַז אַ לאַך־מעשה, אַ וויץ, אַן אַנעקדאָט צי אַ סאַטירישער אַריינזאָג און נאָך ענלעכע פאָרמען, וואָס מען באַנוצט אַרויסצורופן פריילעכקייט און געלעכטער, — אַז אַט די פאָרמען דרייען זיך בלויז הינטער דער טיר פון הומאָר. זיי האָבן נישט קיין אינעווייניקסטע, אַפילו נישט קיין טעמאַטישע, שייכות צו הומאָר, ווייל זיי רופן אַרויס נאָר פיזישן געלעכטער. דער עכטער, דער דערהויבענער, דער געלייטערט־קינסטלערישער הומאָר — ער וואַקסט אַרויס פון אַ גייסטיקער, פון אַן אידעאַליסטישער אַטמאָספער, און מחמת דעם דערקלייבט ער זיך צו דער נשמה און רופט אַרויס שטימונג, נאָכקלאַנג. אַזאַ הומאָר איז, בכן, אָפטער פון אַלץ אָנגעלאָדן מיט טיפער טראַגיק. דאָס איז דער מיין פונעם אויסדרוק: „געלעכטער דורך טרערן״.

שעפנערס פעליעטאָניסטישער זשאַנער, זיין ראַפינירטער הומאָר געהערן צו יענער גייסטיקער אַטמאָספער, וואָס דערקלייבט זיך צו דער נשמה, וועקט אויף מאָראַלישע לויטערקייט און ברענגט אַריין אין אַ טראַנס פון שטימונגען, פון נאָכקלאַנגען. טראָגן טאַקע די פעליעטאָנען אַ דויערדיקן ווערט. ווי אַ ראיה, לאָמיך אָנרופן כאָטש עטלעכע פון דער שפע וואָס געפינט זיך אין בוך „אַנדערש״, ווי: „די קונסט פון אַריבערקוקן״, „דריי געטער״, „אַרעסטירט מיך״, „אַ שמועס צווישן אַ שניידער און אַ האָן״, און אַ סך אַנדערע.

די קונסט פון אַריבערקוקן — אָט דאָס איז אייגנטלעך דער לייטמאָטיוו פון דעם גאַנצן בוך, דער צענטראַלער פונקט, וואָס צו אים לויפן זיך צונויף אַלע אַנדערע פעליעטאָנען, דיאַלאָגן, סצענעס און הומאָרעסקעס, וואָס געפינען זיך אין בוך. זיין ביכולת צו דערזען וואָס עס טוט זיך אויף דער אַנדערער זייט פון אַ סיטואַציע, — אַדרבה מען קאָנען טראָגן אַ דורכאויס אידייאישן שפּאַקטיוו... שעפנער מייסטערט אויס פון זיינס אַ בילד, זיינער אַ שילדערונג, אַ געהעריקן שפּאַקטיוו, טוט אים אָן אויפן לייענער, הייבט דעם לייענער אונטער, שטעלט אים אַוועק אויף די שפּיץ פינגער און מאַכט פאַר אים באַקוועמער דאָס „אַריבערקוקן״. און ווי עס ווייזט אויס, האָט שעפנערס טאַלאַנט, אין וואַרשע, נישט געדאַרפט זיך צופיל אָנשטרענגען, כדי צו געפינען אַ טעמע און פון איר אויסהאַמערן עפּעס סקולפּטור־אַרטיקס, לפי דעם לאַטייניש נוסח: „אובי בענע, איבי פאַטריא״ (דאָרט, וו עס איז מיר גוט, דאָרט איז מיין היימלאַנד), איז אַ טאַלענטירטער מענטש אין פוילן, בפרט אַ טאַלענטירטער סאָציאַליסטישער שרייבער, ממש געשווומען אין אַ ים אַלגעמיינע און יידישע טעמעס. דער פּאָליטישער רעזשים, דער מאַטעריעלער מצב, באַזונדערס דער אַנטיסעמיטיזם — זיי האָבן דאָך געמאַכט קאָכן און יוירן דאָס יידישע לעבן. האָט מען, דעריבער, מיט אומגעדולד געוואַרט, ספּעציעל די יוגנט, אויף שעפנערס וועכנטלעכן פעליעטאָן.

ווען שעפנער האָט זיך געראַטעוועט פון נאַצישן גיהנום, איז ער אַריינגעפאַלן אין

סאָוועטישן שאול־תחתיה און די בלוטיקע קאָמוניסטישע נעגל האָבן אים שיער־שיער נישט אַ פּאַק־געטאָן פאַרן גאָרגל. געראַטעוועט האָט ער זיך מיט אַ וויציקן איינפאַל: ער האָט פאַר דעם ג. ק. וו. ד. אויספאָרשער געשפּילט דעם טעם און קענטיק אַז צו אַ תם, איז אַפילו דער פּערוועזער קאָמוניזם באַרמהאַרציק. נאָך אַ סך וואָגלענישן, האָט ער זיך ענדלעך דערשלאָגן קיין ניו־יאָרק, דאָ האָט עס לאַנג נישט געדויערט, און שפּעטער האָט פאַרנומען זיין בכבודיקע פּאָזיציע אין „פאָרווערטס". דאָס בוך „נאָוואָליפּיע 7" איז, ווי דער מחבר גיט אָן אין זיין פאָרוואָרט:

„אַ זאַמלונג פון פעליעטאָנען און אַרטיקלען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין ניו־יאָרק, די מייסטע — אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר. כמעט אַלע זענען געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", זיי אַלע האָבן א שייכות, מאַנכע (טייל 2) אַ דירעקטע און אַנדערע אַן אומדירעקטע צו נאָוואָליפּיע 7 — דעם הויז פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", וווּ איך האָב פאַרבראַכט די שענסטע יאָרן פון מיין לעבן. דאָס הויז איז שוין מער נישטאָ, אָבער דאָס פענצטער איז מיר געבליבן און אַזוי לאַנג ווי מיינע אויגן וועלן זיין אָפן, וועל איך דורך אים קוקן אויף דער וועלט"..

שוין אָט־די אַריינפיר־ווערטער זאָגן אָן, אַז דער טעמאַטישער מאַטעריאַל אין דעם בוך איז פאַרבונדן אויך מיט אונדזער ועקס־מיליאָניקער עקידה. ריכט מען זיך אויף דעם כמעט שוין קאַנאָניזירטן נוסח און טאָנאַליטעט פון קינות. אָבער עס אַנטפּלעקט זיך, אַז דער נאַציאָנאַלער חורבן האָט נישט צעריסן שפּענערס טאַלאַנט, נאָר האָט אים גאָר פאַרטיפט און צוגעגעבן נאָך איין דימענסיע, אינטענסיווער געמאַכט אין אַן אַנדער ריכטונג: — נישט אַרויסשרייען דעם געשריי פון דער טראַגיק איבער די אומגעקומענע פריינד, מיט וועמען מ׳האָט געאַרבעט, געקעמפט, געחלומט און באַגייסטערט, געפירט מאַסן צו אַ העכער מאָראַליש און אידייאיש לעבן, נאָר קאָנען דערציילן וועגן זיי גאָר מיט אַ דינעם, עלעגאַנטן, אָבער ציטערדיק־נערוועזן שמייכל, — דאָס איז אַ נייער שטאַפּל אויפן לייטער פון קונסט. דאָס קומט צום אויסדרוק שוין אין דעם קאַפּיטל „די טרעפּן־קלעטערער" (די רעדאַקציע האָט זיך לכתחילה געפונען אויפן 6טן שטאָק און מען האָט געמוזט קלעטערן טרעפּ־אַרויף), ווו אין אַ געצוימטער שפּראַך־פאָרעם צייכנט שפּענער פּאָרטרעטן פון ביניש מיכעלעוויטש, יוסף כמורנער, הענריך ערליך, וויקטאָר אַלטער און וויקטאָר שולמאַן. ווי אַ רעם צו אָט־די פּאָרטרעטן נעמט שפּענער:

„די עכאָ פון וולאַדימיר מעדעמס טריט (די לעגענדע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג) (וואָס) האָט זיך געהערט אויף נאָוואָליפּיע 7 ביז דער מינוט, ווען דאָרט איז אַרויס דער לעצטער נומער פון דער „פ"צ" (ז' 13).

שילדערנדיק יוסף כמורנער (ז' 15) דערציילט ער ווי אַט דער שווערער לונגן־קראַנקער

„פלעגט אָפט זיך אָפּשטעלן אין מיטן וועג אויף איינעם פון די שטאָקן, כדי — — — אַ ביסעלע הנאה צו האָבן פון לעבן, וואָס דאָס האָט געמיינט אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אין איין וועגס זיך אַ ביסעלע אויסהוסטן"...

אין אָט אַ צווייטע סצענע מיט דעם אויסערלעך „אָנגעכמורעטן, ערנסטן שרייבער":

„ביים שרייבן דעם לייטאַרטיקל פלעגט כמורנער זיך שאָקלען און אונטערברומען אַ ניגון, וואָס האָט מיך ווי אָוועקגעפירט אין ליידיקן בית־המדרש שפּעט ביינאַכט, ווו צווישן די שאָטנס האָט אַרומגעבלאָנקעט דאָס פאַרבענקטע קול פון איינזאַמען מתמיד. כמורנער פלעגט זיין אַזוי פאַרטיפט אין

אַריינברומען דעם ניגון אין זיין לייטאַרטיקל, אַז ער האָט איגגאַנצן נישט באַמערקט ווי איך בין אַריין אין צימער. דעמאָלט פלעג איך זיך שטיל אַוועקזעצן אויף מיין פלאַץ און נעמען מיטברומען מיט כמורגערן דעם ניגון. דאָס האָט געקענט אַמאָל געדויערן היפשע מינוטן, ביז עס האָט זיך פלוצלינג האַסטיק געעפנט די טיר און עס האָט זיך דערהערט דאָס געשריי פון וויקטאָר שולמאַן, דעם סעקרעטאַר פון רעדאַקציע:

— ווי זיי האָבן זיך עס צעזונגען, די בית־המדרשניקעס! — האָט זיין מויל זיך געבייזערט און זיינע אויגן האָבן געשמייכלט — און דערווייל רוקט זיך דער זייגער און דעם לייטאַרטיקל זעט מען נישט... סיידן, מען וועט אָנשטאָט דעם לייטאַרטיקל היינט אַריינגעבן אַ קאַפּיטל פון ביאַליקס „מתמיד״.

יעדער, וואָס לייענט אָט דאָס סובטילע שטימונג־בילדל, באַקומט אַ חשק אַריינגיין אין דעם רעדאַקציע־צימער, זיך צוזעצן צום טיש און שטילערהייט מיטברומען דעם ניגון. נישט ווייניקער „אָנגעשטעקט״ ווערט מען פון דער שילדערונג מכוח דעם עקספּעדיטאָר פון דער פ״צ, דעם פרומען, באַלעבאַטישן יידן — פינגערהוט. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון קאָאָפּעראַטיוו און יעדוועדע קאָנפיסקאַציע פון דער צייטונג האָט אויך געבראַכט די מיטאַרבעטער און פּערסאָנאַל פון דער צייטונג שווערע געלט־היזקות. „פינגערהוט האָט זיך נישט געקלאָגט און נישט געהאַט קיין טענה צו די שרייבער — — — פאַרוואָס זיי שרייבן זאַכן׳ ״ (ז׳ 28).

„בלויז איינמאָל (דערציילט שעפנער), בעת אַ שווערער קאָנפיסקאַציע־שחיטה — פאַר אַ שאַרפן אַרטיקל וועגן דעם באַזוך פון היטלער־געסט אין פוילן, איז פינגערהוט צוגעגאַנגען צו ערליכן און שעמעוודיק געפרעגט:

— חבר ערליך, מען וואָלט אפשר געקאָנט שרייבן דאָס זעלבע, אָבער אַ ביסל פאָרזיכטיקער?...

ערליך האָט מיט טיפער סימפּאַטיע אַריינגעקוקט אין פינגערהוטס בלאַסן פּנים:

— ניין, ליבער חבר פינגערהוט, מען קען נישט... עס טוט צו שטאַרק וויי...

— איר זענט גערעכט, חבר ערליך — האָט פינגערהוט געזאָגט מיט טרערן אין דער שטימע — עס טוט צו שטאַרק וויי...

און אין יענעם מאָמענט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען ערליך וואָלט דעמאָלט געזאָגט צו פינגערהוטן, ער זאָל אַרויסגיין אין גאַס בויען באַריקאַדן — וואָלט דער דאָזיקער באַלעבאַטישער ייד געענטפערט שטיל, אָבער אַנטשלאָסן:

— איך גיי, חבר ערליך...״ (ז׳ 29).

אין דעם קאַפּיטל „דער צענזאָר שטיינבאָק״ (ז״ז 80־89) מאָלט דער מחבר דעם געהאָרכזאַמען און פּחדנותדיקן צענזאָר, וואָס האָט געציטערט איבער יעדערן וואָרט אין דער פ״צ, כדי חס־ושלום נישט געשטרויכלט צו ווערן אין די אויגן פון „זיין״ מאַכט. פונדעסטוועגן — באַמערקט דער מחבר — אַז

„ביי זיין גאַנצער געהאָרכזאַמקייט און פּחדנות פאַר דער העכערער מאַכט (און אפשר גאָר טאַקע דערפאַר) האָט שטיינבאָק טיף אין האַרצן געהאַט דרך־ארץ פאַר די, וואָס זענען נישט געהאָרכזאַם און נישט שרעקעוודיק״... (ז׳ 84).

און שעפנער מיט זיין שפּאַקטיוו קוקט אַריבער אויף יענער זייט „שטיינבאָק״ און ענדיקט אַזוי:

„אַ קליין מענטשעלע איז געווען דער צענזאָר שטיינבאָק; אַ געהאָרכזאַמער, פּחדנותדיקער באַאַמטער, וואָס האָט געטריי אויסגעפירט די העכערע באַפעלן, האָבן זיי אַפילו געמעגט זיין געווענדט קעגן זיינע

אייגענע ברידער. אָבער זאָל עס אים נאָכ־
געזאָגט ווערן צו זיין שבח — קיין הנאה
פון אויספירן די באַפעלן און פון שעכטן
מיט זיין רויטן בליישטיפט האָט ער נישט
געהאַט. דאַקעגן האָט ער זיך גוט געפילט,
ווען ער האָט אַמאָל געקראָגן פון זיינע
באַלעבאַטים דאָס רעכט נישט צו שעכטן"...
(ז' 89).

פאַראַן אין בוך נאָך אַ סך גרעסערע און
קלענערע פּען־מאַלערייען, וואָס בעטן זיך
ממש: — ציטירט עפּעס פון אונדז. באַזונ־
דערס בעטן זיך „אַ קנופּל", „אַ צעבראָכן
גלאָז" און „אַ גלאָז טיי" — אין דעם קאַ־
פּיטל „קליינוקייטן" (ז"ז 196־207). דאָס
זענען חלומות אויף דער וואָס אין דעם לאַנד
פון די סאָוועטן, אין דעם „גן־עדן" פאַר
קאָמוניסטישע טיראַנען און זייערע פּסיכאָ־
פּאַטאָלאָגישע שקלאַפן־יונגען איבער דער
וועלט. דער מחבר פאַרדעקט די טיפע טראַ־
גיק פון די שילדערונגען מיט זיין פילאָסאָ־
פירנדיק־גלעטנדיקן שמייכל (און פון דעם
שמייכל פינקלען פאָרט אַרויס די אייגנע־
האַלטענע טרערן). פונדעסטוועגן באַרואיקט
עס ווי נישט איז, און איר גיט אַ מאַך מיט
דער האַנט אויף דעם מאָראַלישן שטויב און
אָפּפאַל — די קאָמוניסטן און זייערע מיט־
לויפער.

אין דעם בוך זענען דאָ אַ ריי ווערטיקע
אָפּשאַצונגען, פול מיט פּאַטעטיק, ווי: דער
„בונד" (צו זיין 50סטן יובל), י. ל. פּרץ
(הונדערטסטער געבוירנטאָג); ב. יאושזאָן,
שלמה מענדעלסאָן, דער טונקעלער, ז. סע־
גאַלאָוויטש, איציק מאַנגער און צביון.

שעפּנער שליסט דאָס בוך מיט אַ קאַ־
פּיטל, וואָס אין אים, דאַכט זיך, פאַרסכ־
הכלט ער אידייאיש אַלץ, וואָס איז אַרויס
פון זיין פעדער. פון דעם־אַ קאַפּיטל —
„די מעקסיקאַנערין און — מיין טאַטע" —
שפּיגלט אַרויס זיין גאַנצע גייסטיקע פּער־
זענלעכקייט און ס'איז אויך אַ קאָמפּאַס פאַר
זיינע ווייטערדיקע שרייבערישע נסיעות.
מחמת דעם מיין איך אַז דאָס פענצטער פון
„נאָוואָליפּיע 7", וואָס דורך אים וויל דער
מחבר קוקן זיין גאַנץ לעבן, איז נישט מרמז
אויף די באַדינגונגען און אַדאַנק זיי אויף
דער טעמאַטיק, וואָס ס'וואָלט זיך אים וועלן
האָבן אויך דאָ, ווי אַ ליטעראַרישן רעזערוו־
פאָנד. מיין ליבער חבר און פריינד שעפּנער
האָט גאָר גיך אויסגעפונען אַז דאָס פענצ־
טער פון „דאָרטן" איז, בדרך־כלל, גילטיק
אויך פאַר אונדזער „דאָ", נאָר ס'האָט אַנ־
דערש־קאָלירטע שייבלעך, וואָס דורך זיי
מוז מען קוקן אויף די היגע באַדינגונגען,
און וועדליג זיי — די היגע טעמאַטיק. און
וויל אַזוי, איז נישט שייך צו מעסטן דעם
שרייבערישן מהלך צווישן דעם מחברס
פריערדיקן קוק „אַנדערש" און דעם איצ־
טיקן „נאָוואָליפּיע 7", באַהאַנדלען זייער לי־
טעראַרישע הצלחה און הפסד. דעריבער איז
אויך נישט שייך אַריינצולאָזן זיך אין שי־
רות ותשבחות. אין שעפּנערס סובטילן
אויער וואָלטן זיי געקלונגען צו הילכיק.
עס גייט אויך גאָר נישט אין דינגען זיך
וועגן גאַנצן „פענצטער" אָדער וועגן זיינע
שייבלעך; צי אַמפּערן זיך וועגן „נאָוואָלי־
פּיע 7" אָדער 175 איסט־בראָדוויי. און אַפי־
לו אָן אַ פּראָווידישן פּסיכאָאַנאַליז איז גרינג
זיך צו דערגרונטעווען און אויסגעפינען, אַז
שעפּנער האָט אויפגענומען און נעמט נאָך
אַלץ אויף מיט זיין אייגענער אינדיווידוע־
לער שאַרף־שפּירקייט; אַז ער האָט גע־
קוקט און קוקט נאָך אַלץ דורך זיין אייגע־
נעם נשמה־פענצטער.

די בעסטע ראיה זענען די צוויי בילדלעך
אין דעם אויבנדערמאָנטן קאַפּיטל, וו דער
מחבר דערציילט וועגן אַן אָרעמער מעקסי־
קאַנער אַרבעטפרוי, וואָס ער האָט באַגעגנט
אין מעקסיקע און וועגן דעם בלינדן קאַלי־

קע־קינד וואָס זי האָט אַדאָפּטירט. און מכוח זיין טאַטן, דעם באַלעבאַטישן יידן, דער־ציילט ער, אַז די אורחים, וואָס ער האָט אַהיימגעבראַכט אויף שבת אָדער יום־טוב, זענען געווען די „ערגסטע״, ממש פּאַרזעג־נישן, און ס׳פּלעגט עקלען צו זיצן מיט זיי ביי איין טיש. אויף דער מאַמעס טענות פאַרוואָס ער ברענגט דווקא אַזעלכע אורחים, האָט דער פאָטער מילד און פריינדלעך גע־ענטפערט, אַז ער טוט עס צוליב דעם, מחמת אַזעלכע אורחים וועלן די אַנדערע דאַוונער נישט נעמען...

„די לעצטע ווערטער״ — שרייבט שפּע־נער — „זענען מיר געבליבן אויפן גאַנצן לעבן. אַז איך דערמאָן זיך אָן מיין טאַטן, דערמאָן איך זיך פריער פאַר אַלץ אין די דאָזיקע ווערטער זיינע״.

און פּלוצלינג האָט ער דערהערט כמעט דעם זעלבן ענטפער פון אַ טונקעלער, האַלב־אינדיאַנישער פרוי אין צווייטן עק וועלט — מעקסיקע, — „...אָבער דאָס קינד וועט קיין אַנדערער נישט נעמען״...

שפּענער האָט אַ ציטער געטאָן ווען ער האָט דערהערט דעם ענטפער און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט רעדן זיין טאַטן... און פאַרענדיקט:

„ווי אַזוי געשעט עס — האָב איך זיך געפרעגט — וואָס צוויי אַזעלכע ווילד־פרעמ־דע מענטשן, צעוואָרפענע אין באַזונדערע צייטן און אין באַזונדערע ווינקלען פון דער וועלט, קאָנען זיין אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן?... וועלכע געהיימע כוחות האָבן עס געמאַכט, אַז גראָד פון זייביידע זאָל אַרויס־שטראַלן דאָס זעלבע ליכט?״...

***

„נאָוואָליפּיע 7״ איז נאָר איין מוסטער (הגם אין אָן אַנדער רעם), פון שפּענערס שילדערישן כוח און זיין קונסט פון אַרי־בערקוקן — זיין ליטעראַרישער ערן־טיטול.

ד. ניימאַרק שרייבט וועגן יאָנאַס טורקאָווס „פאַרלאָשענע שטערן״ אין זיין אַרטיקל „אַ מצבה פאַר 185 יידישע אַקטיאָרן און אַק־טריסעס אין פּוילן״ („דער פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, 12טער סעפּטעמבער 1954):

זעקס מיליאָן יידן, אָדער מער זענען אומ־געקומען פון די מערדערישע הענט פון די נאַצי־דייטשן, און די אויסגעהרגעטע האָבן נישט געהאַט די זכיה צו האָבן קברים און מצבות. זייערע קברים עקזיסטירן נישט. דאָס אַש פון זייערע פאַרברענטע קערפּערס האָט פעט־געמאַכט די ערד אין פּוילן און אין דייטשלאַנד. אָבער מצבות ווערן פונדעסט־וועגן אויפגעשטעלט פאַר אונדזערע מיליאָ־נען קדושים. די מצבות זענען נישט אין דעם געוויינלעכן זין. עס זענען נישט קיין „נאָר־מאַלע״ מצבות. די מצבות, וואָס ווערן אויפ־געשטעלט פאַר אונדזערע מאַרטירער זענען גייסטיקע מאָנומענטן, ביכער־מצבות. זיי ווערן פאַראייביקט אין ספרים, וועלכע וועלן איבערגיין פון דור צו דור און דערציילן וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן מיט אונ־דזער פאָלק.

און אָט האָב איך איצט דורכגעלייענט צוויי ביכער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר מצבות אויף 185 יידישע אַקטיאָרן, אַקטרי־סעס און בכלל טעאַטער־מענטשן. עס איז נישט ריכטיק צו זאָגן „דורכגעלייענט״, אין דער אמתן האָב איך געפילט ווי איך וואַנדער

אַרום אויף אַ גרויסן בית־עולם מיט אַ סך קברים. 185 יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס איז די צאָל דריי אָדער פיר מאָל אַזוי פיל, ליגן באַגראָבן אונטער די מצבות, וועלכע עס האָט פאַר זיי אויפגעשטעלט זייערער אַ גוטער קאָלעגע און וואַרעמער פריינד — יאַנאָס טורקאַוו.

איך האָב געוואַנדערט צווישן די קברים, אָפּגעשטעלט זיך, און אַ שטיקל צייט זיך פאַרהאַלטן ביי יעדן פון זיי. די גרעסטע צאָל איז דאָך מיר געווען גוט באַקאַנט, מיט אַ גרעסערער צאָל בין איך געווען נאָענט באַפריינדעט. דאָס זענען דאָך די יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע האָבן רייכער געמאַכט דאָס גייסטיקע לעבן פון די יידן אין פוילן, האָבן אַריינגעבראַכט פרייד און געלעכטער צווישן די פאַרכמורעטע און דערשלאָגענע יידישע מאַסן. זיי זענען געווען וויכטיקע שותפים אין דעם אויפבויען די יידישע קולטור אין פוילן.

היינט איז כמעט קיינער פון זיי נישטאָ. דער מחבר פון בוך, טורקאַוו, דערציילט אין דער הקדמה צו זיינע ווערק, אַז ווען דער דייטש האָט פאַרכאַפּט פוילן זענען דאָרט געווען 187 יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס און געבליבן פון זיי זענען בלויז צוויי: יאַנאָס טורקאַוו און זיין פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד.

185 זענען אומגעקומען... צום ערשט געפייניקט, דערנאָך דערשטיקט אינעם גאַזקאַמער און צום סוף פאַרברענט אין דער קרעמאַטאָריע.

דאָס איז געווען דער גורל פון די יידישע אַקטיאָרן, דער זעלבער גורל פון די יידישע שרייבער, לערער, און פון אַלע זעקס מיליאָן יידן.

דער מחבר פון די צוויי ביכער, טורקאַוו, פאַרענטפערט זיך פאַר זיינע 185 קאָלעגן, פאַרוואָס ער און זיין ווייב זענען געווען די איינציקע וואָס זענען געבליבן לעבן. ער שטייט פאַר זיי אויף די קני און בעט רחמים, זיי זאָלן אים מוחל זיין: „זייט מיר מוחל, וואָס איך לעב, שרייבט ער אין דער הקדמה. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב קיין שום מיטל נישט אָנגענומען, כדי צו בלייבן ביים לעבן. איך בין נישט געגאַנגען מיט קיין עלנבויגנס, נישט דורכגעשטיפּט זיך אויפן חשבון פון אַנדערע, פונקט אַזוי ווי איר, מיינע טייערע, אומפאַרגעסלעכע חברים האָבן עס נישט געטאָן.

„איך האָב נישט געטאָן קיין שום זאַך, שרייבט ער ווייטער, וואָס זאָל זיין קעגן אונדזער עטיק און מאָראַל. איך בין נישט געווען קיין מיטאַרבעטער פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי. איך בין נישט געווען טעטיק אין קיין שום אינסטיטוציע, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן.

„צי בין איך שולדיק, פרעגט ער, וואָס איך בין נישט געכאַפּט געוואָרן פון די

דייטשן ביים טראָגן געווער פאַר דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע?״

יאָנאַס טורקאָוו פאַרזיכערט, אַז ער פילט זיך אַ פאַרשעמטער, וואָס דער גורל האָט גראָד אים און זיין ווייב אויסגעקליבן צו בלייבן לעבן.

מען דאַרף פונדעסטוועגן אַביסל זיין דאַנקבאַר דעם גורל, וואָס ער האָט כאָטש אים און זיין פרוי געלאָזן לעבן. איז כאָטש געבליבן עמיצער, וואָס זאָל דערציילן וועגן דעם אומקום פון די יידישע טעאַטער־מענטשן, דערציילן וועגן זייערע אויפטואונגען ביים לעבן, וועגן זייער געטרייער דינען דעם פאָלק, און טאַקע שטעלן זיי אַ ביכער־מצבה, פאַראייביקן זייערע נעמען פאַר די יידישע דורות.

טורקאָוו גיט אויך איבער אין דער זעלבער הקדמה, ״אַז די קריסטלעכע (פוילישע) בינע־קאָלעגן האָבן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער נישט איינגעטונקען אויף צו ראַטעווען כאָטש עטלעכע פון די יידישע אַקטיאָרן. זיי האָבן גאָרנישט געטאָן אויף איבערצונעמען יידישע אַקטיאָרן, אָדער זייערע ווייבער און קינדער אויף דער אַרישער זייט און זיי באַהאַלטן פון די מערדער.

דער מחבר פאַרענדיקט זיין הקדמה, אַז ער וועט זיין „חטא״ וואָס ער איז געבליבן לעבן אויסקויפן דערמיט, וואָס ביז צום סוף פון זיין לעבן, וועט ער נישט לאָזן מען זאָל אין זיי פאַרגעסן. „איך וועל אייך אומעטום און שטענדיק דערמאָנען״.

און צוליב דעם האָט ער אָנגעשריבן ביידע ביכער, אין וועלכע ער דערציילט וועגן זיינע 185 קאָלעגן, וועגן זייער לעבן און שאַפן, וועגן זייערע לעצטע מינוטן און וועגן זייער מאַרטירער־טויט.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס מיר ווערן געוויר פון טורקאָווס ביכער, און וואָס עס דאַרף טאַקע פאַרשריבן ווערן לדור דורות איז, ערשטנס, וואָס די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן אַריינגעבראַכט אין דעם יידישן לעבן פריילעכקייט, גלויבן און אָפּטימיזם, האָבן דאָס זעלבע געטאָן אין די פינצטערע געטאָס פון פוילן. זיי זענען געווען די סאַמע אָפּטימיסטישע מענטשן. זיי האָבן געגלויבט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ גוטע צייט פאַר דעם יידישן פאָלק און זיי האָבן מיט זייער גלויבן אָנגעשטעקט די דערשלאָגענע און פאַריאושטע יידישע מאַסן.

דער גרויסער אַקטיאָר אייזיק סאַמבערג, וואָס מיט אים הייבט אָן דער מחבר דעם ערשטן בוך זיינעם, איז געווען דער גרעסטער אָפּטימיסט. טורקאָוו דערציילט, אַז סאַמבערג האָט אַלע געשעענישן און פאַקטן אויסגעטייטשט צום גוטן. אין יעדן נצחון פון די דייטשן האָט ער נאָר געזען זייער מפלה. ער האָט קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז די דייטשן מוזן האָבן המנס סוף.

דאָס זעלבע דערציילט ער וועגן מרדכי מאזא, וועלכער האָט יאָרנלאַנג אָנגעפירט מיט דער באַוווסטער ווילנער טרופּע. מאזא האָט אין געטאָ געטענהט צו די אומגליקלעכע יידן, אַז אויף אַזעלכע צרות קען מען רעאַגירן אויף דרייערליי אופנים: מיט געוויין, מיט שווייגן און מיט געזאַנג. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויסקלייבן דאָס דריטע — געזאַנג. מען דאַרף זיין מוטיק, שטאָלץ און מיט פאַראַכטונג קוקן דעם געמיינעם שונא אין פנים אַריין.

און צווייטנס, ווערן מיר געוויר פון טורקאָווס ביכער, און אויך פון אַנדערע קוואַלן, אַז אויך אין די פינצטערע געטאָס האָבן די יידישע אַקטיאָרן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער באַרוף. זיי האָבן נישט אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט, האָבן נישט איבערגעריסן זייער שליחות אין די געטאָס, באַזונדערס אין וואַרשע האָט מען געשאַפן יידישע טעאַ־

טערס. עס זענען געווען פאַרשידענע טעאַטערס, אייניקע פון זיי האָבן געשפּילט לייכטע פּיעסן, נאָענט צו שונד. עס זענען אָבער אויך געווען עכט קינסטלערישע טעאַטערס, וועלכע האָבן אויפגעפירט די בעסטע ווערק פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור. יידן אין די צענדליקער טויזנטער זענען געקומען אין די טעאַטערס, און זענען דורך דעם מוסר־נפשדיקן שפּילן פון די יידישע אַקטיאָרן אויף עטלעכע שעה אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין אַנדערע וועלטן, אין וועלטן פרייע, שיינע, ליכטיקע, אין וועלטן ווו עס זענען קיין דייטשן נישטאָ...

און טאָמער איז שוין נישט געווען מעגלעך עפנטלעך צו שפּילן יידיש טעאַטער, האָט מען געשפּילט אין געהיים, אין באַהעלטעניש. אַ צייט האָט מען געהאַט אָרגאַניזירט הויף־טעאַטערס. אַ גרופּע אַקטיאָרן האָט געגעבן אַ פאָרשטעלונג אין אַ פּריוואַטן הויז, און די צושויער זענען געווען אַלע איינוווינער פון הויף. פלעגן די יידישע אַקטיאָרן אַרומגיין פון הויף צו הויף און שפּילן טעאַטער און אַזוי אַרום אַריינברענגען אַביסל פרייעלעכקייט, מונטערקייט צווישן די דערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע יידן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען געווען די טעאַטערס פאַר קינדער. טורקאָוו דערציילט, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס מען האָט געשאַפן טעאַטער פאַר דערוואַקסענע, האָט מען אויך אַוועקגעשטעלט ספּעציעלע טעאַטערס פאַר קינדער, און ווי דער מחבר גיט איבער, איז די אַקטריסע חנה בראַז געווען די נשמה פון דעם קינדער־טעאַטער. זי איז אין דעם קינדער־טעאַטער אויפגעטראָטן צוזאַמען מיט אייזיק סאַמבערג, אברהם קורץ, מיכאל זגיטש און מיטן מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר איוואַ וועסבי. „מיט לייב און נשמה“, — שרייבט ער, — „וואַרפט זיך חנה בראַז אַריין אין דער דאָזיקער נוצלעכער אַרבעט און ברענגט דערמיט אַ סך פרייד און טרייסט די אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע אין געטאָ — די יידישע קינדער“.

די צוויי ביכער פון יאָנאַס טורקאָוו שטעלן מיט זיך פאָר אַן אומגעהויערן אוצר מיט אינפאָרמאַציע פון דעם לעבן, שאַפן און אַנטוויקלונג פון די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן, און אויך פון אַנדערע וועלכע ער דערמאָנט פאַרבייגייענדיק, ווען עס איז נייטיק אויף צו שילדערן די אַקטיאָרן־מאַרטירער. דער מחבר איז אויסגעבונדן מיט דער ייד׳ טעאַטער־וועלט. ער קען גוט די געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער, און איז פערזענלעך געווען באַקאַנט מיט הונדערטער יידישע טעאַטער־מענטשן. עס איז צום באַוואונדערן זיין געדולד, אַרבעטסזאַמקייט און אויך זכרון ביים צונויפזאַמלען די אַלע מאַטעריאַלן. אַ טייל מאַטעריאַלן וועגן די אַקטיאָרן־מאַרטירער האָט ער צונויפגעשטעלט אין די געטאָ־יאָרן, האָט זיי באַהאַלטן און אַ טייל פון זיי שפּעטער נאָך דער מלחמה געפונען.

עס איז אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דער בוך זאָל זיין געשריבן מיט ליבשאַפט, מיט יראת הכבוד און באַוואונדערונג פאַר די יידישע טעאַטער־מענטשן, וועלכע האָבן ביז דער לעצטער מינוט פון זייער לעבן געטריי געדינט זייער אומגליקלעכן פאָלק. אַפילו אין די טויט־לאַגערן האָבן זיי געשפּילט יידיש טעאַטער. טורקאָוו דערציילט וועגן אַ גרופּע אַקטיאָרן און אַרטיסטקעס, וועלכע מען האָט אַוועקגעשיקט אין דעם לאַגער אין פּאָניאַטאָוו, און אויך דאָרט האָט מען זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער גרויסער מיסיע, וואָס די אַקטיאָרן האָבן געפילט, אַז עס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן — אונטערצוהאַלטן דעם מוט ביי די געפּייניקטע און צום טויט־פאַראורטיילטע. פון פּאָניאַטאָוו האָט מען די אַקטיאָרן צוזאַמען מיט 18.000 יידן געשיקט

קיין מאַידאַנעק, און דאָרט האָט מען אונטער די קלאַנגען פון שטראַוסעס „ווינער וואַלצער" אַלע אומגעבראַכט.

ביי עטלעכע געלעגנהייטן דערמאָנט טורקאָוו, אַז ווען מען האָט געפירט צענדליקער טויזנטער יידן אין די גאַז־קאַמערן האָבן די „קולטורעלע" דייטשן געשפּילט שטראַאוסעס מוזיק. טורקאָוו טוט זייער גוט, וואָס ער האַלט דאָס אין כסדרדיקן דערמאָנען. דאָס דאַרף מען אַריינהאַקן אין די קעפּ פון אַ סך פון אונדזערע יידן, וועלכע קענען פשוט נישט לעבן אָן שטראַוס־מוזיק...

טורקאָוו לעבט־אויף אין זיינע ביכער די געשטאַלטן פון 185 יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס. עס איז אים געלונגען אין קורצע שטריכן אַרויסצוברענגען גאַנץ לעבעדיק די יידישע טעאַטער־מענטשן. ער האָט אויך אַריינגענומען מוזיקער, אייניקע מאָלער, און בכלל מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט מיט דעם יידישן טעאַטער. דער יידישער טעאַטער אין פּוילן האָט געהאַט פּאַטריאָטן, וועלכע זענען געווען גרייט אָפּצוגעבן זייער גאַנץ לעבן פאַר זייער ליבלינג — דעם יידישן טעאַטער. עס זענען באַזונדערס אינטערעסאַנט די קאַפּיטלעך, אין וועלכע דער מחבר שילדערט גאַנצע יידישע טעאַטער־משפּחות. ווי די נאַטאַנס, שטאַקפּעדערס און באַזונדערס די גימפּעלס אין לעמבערג. די גימפּעלס זענען געווען אַ טעאַטער־דינאַסטיע. 3 דורות יידיש טעאַטער האָבן באַדיינט די גימפּעלס. דער דייטש האָט אַלץ מיטן וואָרצל אויסגעריסן.

טורקאָוו האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך. דורך זיינע ביכער האָבן די מאַרטירער פון אונדזער טעאַטער־וועלט כאָטש געפונען טיילווייז אַ תיקון. דער מחבר בעט זיך כסדר מען זאָל נישט פאַרגעסן די יידישע טעאַטער־מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי געטריי געדינט דעם פאָלק.

אַוודאי וועט מען זיי געדענקען, און מען וועט אויך נישט פאַרגעסן דעם מערדער, וואָס האָט זייערע לעבנס אַזוי אומברחמנות־דיק פאַרשניטן. זיין נאָמען איז: דייטש!

ד״ר יוסף בערנפעלד פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקן בריוו צום מחבר פונעם בוך „מלכות חסידות", ברוך האַגער („די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, דעם 10טן פעברואַר 1956):

ליבער ברוך האַגער:

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אייער בוך. נאָר כ'האָב מיר אַליין געזאָגט, אַז מיט אייך מוז מען האָבן אויסלאַג. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איר זענט נישט פון די, וואָס שיקן אַוועק דעם כתב־יד אין דער דרוקעריי, און שוין — אופאַרעט. כ'האָב געוווסט, אַז איר זענט אַזוי ווי אַ באַלעבאָסטע, אַ רעכטע, ווי מ'פלעגט ביי אונדז זאָגן, וואָס האָט ליב אָפּירצוקערן דאָס קלענסטע ביסעלע מיסט פון הינטער יעדן ווינקעלע און אַראָפּצונעמען די פּאַוועטיניע און אַפילו איבערצושטעלן אין שטוב, אַז ס'זאָל מערן אין די אויגן, ווען מען קומט צו איר אַריין — האָב איך געוואַרט.

און כ'האָב מיך דערוואַרט: אייער „מלכות חסידות" איז אָנגעקומען און אַז איך האָב אַרויסגענומען אייערע ערשטע צוויי ביכער, „אויפן וועג..." און „אויף דער קאָטש", האָב איך געזען, אַז איר האָט טאַקע געהאָרעוועט: קודם־כל איבערן טעקסט — איר האָט אַרויסגעוואָרפן זאַכן, וואָס

האָבן אײך נישט געפעלן; איר האָט אַרײנגעשטעלט נײע; דאָ האָט איר צורעכט געמאַכט און דאָרט אויסגעפּוצט; דאָ צונויפגערוקט און דאָרט ווידער צעשטעלט, אַז ס׳זאָל ווערן ליכטיקער און גראַמער. נאָכדעם האָט איר אײך גענומען באַרען מיטן זעצער און מיטן קאָרעקטאָר — אין קען דאָס: זײ זענען געוווינט צו גײן אַ גלײכן וועג, און דאָ קומט אײנער, וואָס שטעלט זײ יעדעס מאָל אָפּ. דאָ צוליב אַן אויסלײג, וואָס דאַכט זיך אויס, אַז ער איז צו גרוי און אַז ער נעמט אַוועק דעם הײמישן חן פונעם וואָרט; און אַן אַנדער מאָל צוליב אַן אָפּשטעל־צײכן, וואָס לאָזט נישט כאַפּן דעם אָטעם. קומט אײך דערפאַר אַ יישר כוח, אָבער זײ קומט ער אויך: זײ האָבן אײך צוגעשטעלט אַ רײן ביכל און אַ כשרס, און זײן צניעות ווערט נאָך ציכטיקער דורך קאָלניקס צײכענונג אויפן טעוועלע — גילדענע אותיות אויף שוואַרץ — און אויפן אײנהיל — אַ רבנישע שטול, וואָס שטײט לײדיק; נישט געמאַדזיעט און נישט געקאַדזיעט. און געפעלן געפעלט מיר, וואָס איר האַלט נישט פון דער הײנטיקער מאָדע און איר האָט נישט אַרײנגעשטעלט אײער „צלם אלקים״ אין ביכל — מען דאַרף דאָס נישט. מען דאַרף זיך קענען אַלײן אויסמאָלן דעם מחבר לויט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן; און אײך דערקענט מען אָן אַ „פּאָרטרעט״, אַפילו אַז מ׳האָט אײך נאָך קײנמאָל נישט געזען.

אויף דער עלטער האָבן מיר זיך אַלע צוריק אומגעקערט צום שורש, פון וואַנען מיר זענען געקומען. מײן דאָליע אין דאָרדאָניער וואַלד איז דאָך געווען אַ גן־עדן ווערליק דער „געשפּענסטיקער ווירקלעכקײט אין טראַנסטיסטרישן אומקום״, ווו איר זענט געווען. בין איך אַנטרונען פון דאָרט צו מײנע קינדער־יאָרן און האָב גערעדט מיט מײן קאַלאָמײער יידיש צו די פײגעלעך; און איר, האָגער, זענט אַנטלאָפן, כאָטש מיטן דמיון, פון אײער שוואַרצן גיהנום צוריק צו אײערע קינדער־יאָרן; צום הויף פון אײער פאָטער אין שטראַזשיניעץ, צו די מענטשן, וואָס זענען אַהין געקומען, און איר האָט אײך דערהאַלטן דאָס חיות, ווען איר האָט געלאָזט אויפשײנען די אונטערגעגאַנגענע זון פון לאַנגסטיקע צײטן. איר האָט איבערדערצײלט פאַר אײך אַלײן — וואָס איבערדערצײלט? מעשיות פון דער הײמישער וועלט, פון יענער תקופה, וואָס, כאָטש שוין דער באַגין פון דעקאַדענץ, איז זי נאָך געווען אַזוי באַחנט און באַשײנט, און אָנגעפּילט מיט קדושה און מיט ברען און אַזוי ווײט פון חומר! „סקיצן״, האָט איר געהאַט אָנגערופן דאָס, וואָס איר האָט דעמאָלט אויפגעצײכנט און איבערדערצײלט פאַר אונדזערטוועגן, און אַפילו „נאָוועלן״, האָבן זײ בײ אײך אַמאָל געהײסן — ס׳איז גוט, וואָס איר האָט אַרויסגעוואָרפן די צווײ ווערטער פון אײער מלכות חסידות — זײ פּאַסן זיך נישט אַהין אַרײן. איר רופט זײ אָן מיט אַ נאָמען פון דער מוזיק; איר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס זענען וואַריאַציעס איבער דער אײגענער און דער זעלבער טעמע, און אַז איר האָט געטראַכט צו טאָן מיטן וואָרט דאָס וואָס די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס האָבן געטאָן מיט די קלאַנגען.

אויפן ביכל, וואָס איר האָט מיר געשיקט, ווינטשט איר מיר, אַז די ליבשאַפט, וואָס ברענט אין חסידישן הארץ זאָל אין מיר צעפלאַקערן אַלע גוטע כוחות. איך ווײס, האָגער, אַז דאָס איז אײער כוונה נישט נאָר לגבי מיר אַלײן, נאָר לגבי אַלע אַנדערע, וואָס ווילן לײענען אײער ביך איך דערמאָן מיך דערבײ דאָס חסידישע מעשהלע, וואָס איר קענט אַוודאי, נאָר וועל עס אײך איבערחזרן, אײך דעם „אײניקל״. ווען דער בעל

שם איז געשטאַנען פאַר אַ שווערער עובדה איז ער אַרויסגעגאַנגען אין וואַלד. האָט דאָרט געמאַכט אַ פייער, געזאָגט די תפילות — און ס׳איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט אויספירן. — דער צווייטער דור האָט שוין נישט מער פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו מאַכן דאָס פייער, אָבער ער האָט געוווּסט, ווו דאָס אָרט אין וואַלד געפינט זיך, און ער האָט אויך געקענט די תפילות, וואָס מען דאַרף זאָגן — האָט ער אויך אויסגעפירט. — און משה לייב סאַסאָווער פונעם דריטן דור האָט געזאָגט: מיר האָבן אויך שוין פאַרגעסן די תפילות, מיר ווייסן בלויז דאָס אָרט אין וואַלד, וווהין מיר מוזן אַרויסגיין. — און דאָס וועט מוזן זיין גענוג. און ס׳איז געווען גענוג, און ער האָט אויך געפועלט. — און אַז ס׳איז געקומען דער פערטער דור און דער ריזשינער האָט געדאַרפט אויספירן יענע עובדה, האָט ער זיך געזעצט אויף זיין שטול און געזאָגט: מיר האָבן פאַרגעסן וו דאָס אָרט אין וואַלד געפינט זיך; מיר ווייסן נישט מער, ווי אַזוי מ׳דאַרף אונטערצינדן דאָס פייער, ס׳זענען אונדז פרעמד די תפילות, וואָס אונדזערע אבות פלעגן דערביי זאָגן — מיר קענען נישט מער ווי איבערדערציילן דאָס, וואָס יענע האָבן געטאָן. — און דאָס איבערדערציילן אַליין האָט געהאַט די זעלבע פעולה ווי ביי יענע.

* * *

און אַז דאָס אייניקל האָט געפועלט, איז עס זיכער נישט געווען בלויז אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט דערציילט, נאָר אייך — אין אפשר נאָך מער — אַדאַנק דעם איבן זיי־נעם פון דערציילן אין אַדאַנק די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט איבערגעגעבן דאָס געשעעניש. פאַראַן אַ סך דערציילערס, וואָס האָבן אַ פאַרעטע ר׳שין איז מיט דעם דערציילן זיי אייך אַ מעשה פונעם געטאָ, צי דער פון פאַריז אָדער פון ניו־יאָרק און לויט דער שפראַך זייערער וועט קיינער נישט דערקענען, פון וועלכן מקור זיי זענען אַרויסגעוואַקסן; אָדער האָבן זיי קיינמאָל נישט פאַרמאָגט קיין שפּראַכלעכע ירושה, אָדער האָבן זיי זי צעטרעטן. איר, אָבער, האָט באַוואָרנט, אין אייער אויער, אין אייער נשמה, דעם גאַנצן אוצר פון יענער סביבה, פון וועלכער איר זענט געקומען, און צוליב דעם ווערט זי לעבעדיק, גלייך זי וואָלט קיינמאָל נישט געווען אונטערגעגאַנגען. איר האָט דעם ריטם, דאָס טעמפּאָ, און דער עיקר, דאָס וואָרט פון יענער העלט. מיר — און זיכער אַ סך אַנדערע מענטשן אייך — האָט איר דערמיט ממש אויפגעשלאָסן די טיר צו דער קינדהייט, וואָס כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל זי שוין קיינמאָל נישט זען. אָט שטייען זיי פאַר מיר, די פאַרביקע ווערטער פון מיין היים אין דרום־מזרח גאַליציע, ס׳איז דאָס אויך אייער היים, — און שוין איז דער ווונטש מקוים געוואָרן: עס קומט מיר צו פון זיי אַ שטיק געזונט. מיט די „רעגיאָנאַליזמען", ווי מען רופט זיי אַן אַביסעלע פון אויבן אַראָפּ, מיט דער „פּראָווינץ־שפּראַך", ראַטעוועט איר אַ גאַנצע שפּראַך־פּראָווינץ. און הערט, וואָס איך האָב געטאָן, איך פון מיין זייט: איך האָב מיך אַנידערגעזעצט מיט אייער „מלכות חסידות" און אָנגעהויבן אויפציילן די ווערטער ווי מען ציילט אויף קרעלן און פערל.

אַ דאַנק אייך, טייערער האַגער.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 122

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 24 de Julio de 1956, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN, S. R. L., Corrientes 1976, Bs. Aires.

BER I. ROZEN

RETRATOS

◆

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1956